STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11837

KURTSE DERTSEYLUNGEN

Gershon Shofman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרשון שאָפּמאַן

✶

קליינע דערציילונגען

ייִדיש: יוסף פֿאַלק ז״ל

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון קאַרפּמאַן־פֿאָנד
אין אָנדענק פֿון שמואל און דאָראַ קאַרפּמאַן ע״ה
(לאָס־אַנזשעלעס)

This book was published through the Karpman Fund
In memory of Samuel and Dora Karpman
(Los Angeles)

גרשון שאפמאן

קורצע דערציילונגען

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

GERSHON SHOFFMAN
KLEJNE DERCEJLUNGEN
(SHORT STORIES)

גרשון שאָפמאַן / קליינע דערציילונגען

I. L. Peretz Publishing House,
Tel-Aviv, 31 Allenby St.

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל תש״ל

Printed in Israel 1970

נדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע״מ, תל־אביב

מיט טיפער פאַרערונג טראָגט צו דער י. ל. פרץ־פאַרלאַג דאָס דאָזיקע בוך דעם זקן פון דער העברעישער ליטעראַטור גרשון שאָפּמאַן — צו זיין ווערן אַ בן־תשעים.

דער יידישער לייענער אין לאַנד און אין אויסלאַנד וועט איצט האָבן אַ מעגלעכקייט ווידעראַמאָל זיך צו באַקענען מיט די איינציק־אַרטיקע שאַפונגען פון דעם קינסטלער און מייסטער פון דער קורצער דערציילונג גרשון שאָפּמאַן — מיט זיין רעאַליזם און ליריק, מיט זיין פילאָזאָפישן באַנעם און מיט דער געשליפנקייט פון זיין וואָרט — — —

אָט דעם אָפּקלייב דערציילונגען באַגלייטן מיר מיט האַרציקע ברכות פאַר דער שעפערישער קינסטלער־געשטאַלט גרשון שאָפּמאַן.

די צוויי הענער

אין דער צייט וואָס דער הויכער און געמיטלעכער זיידע מיינער האָט געקנעלט מיט זיינע קליינע תלמידים, פלעגט מיין נידעריקע און פאַרבי־טערטע באָבע שטריקן זאָקן און וואָלענע הענטשקעס פאַר די פויערים פון די נאָענטע דערפער. דער פעדעם־קנויל האָט זיך געקוילערט אויפן דיל און איז געווען ווי אַ מויז פאַר אונדזער גרויער קאַץ, וועלכע האָט אים גאַנצע טעג נישט אָפּגעלאָזט.

דער באָבעס אַרבעטס־געבערס פלעגן אין ווינטער־טעג צו אונדז קומען אין שטוב אַריין און אַריינברענגען אין „חדר" אַ פראָסט־פאַרע, אַ סקריפּען פון „לאַפּטיעס" און אַ ריח פון קאָזשוכעס.

— די „פּאָנטשאָכעס" (זאָקן) זענען פאַרטיק ?

די הענטשקעס האָט דער פויער זייער באַדאַכטיקט אויסגעפּרוווט, אין זיי אַריינגעשטעקט זיין גראָבע האַנט און בודק געווען און געטאַפּט צווישן די פינגער. אין די מערסטע פאַלן איז געווען קענטיק, אַז ער האָט הנאה פון דער מלאכה.

ווי באַצאָלונג פלעגן זיי ברענגען פּאַסאָליעס, אַרבעס, גרויפּן און דאָס גלייכן, אָבער איין מאָל האָט אַ פויער געבראַכט צוויי הענער, וואָס אַזעלכע גרויסע און שיינע האָבן מיר נאָך נישט געהאַט, איינעם אַ ווייסן און דעם צווייטן אַ שוואַרצן. דער ווייסער איז געווען אַ ביסל העכער פונעם אַנדערן, אָבער דעם שוואַרצנס רוקן איז געווען ברייטער פון דעם ווייסנס און באַשטעקט מיט שיינע, קליינינקע פעדערלעך פון פייער־קאָליר. דער ווייסער האָט זיך באַלד דערפילט ווי ביי זיך אין דער היים, האָט מיט אַפּעטיט געפּיקט די ברעקעלעך, וועלכע מען האָט אים צוגע־וואָרפן און אָנגעהויבן אָפּט צו קרייען. דאָס זענען געווען קרייען שריי־ערישע, אָבער קורצע און נישט־מעלאָדישע. נישט אַזוי דער שוואַרצער. דער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַהין און אַהער מיט נישט־זיכערע טריט, באַקוקט, שליסנדיק איין אייגל, דאָס נייע אָרט זיינס און זיך אָפּגעטראָגן אין אַ ווינקל אַריין. דאָס קול זיינס האָט ער נישט געלאָזט הערן אַפילו איין מאָל.

— פאַר וואָס קרייעט נישט דער שוואַרצער? — האָב איך געפרעגט מיין זיידן, וועלכער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי איך באַטראַכטביידע עופות.

— ער וועט קרייען, ער וועט קרייען! — האָט דער זיידע געענטפערט און אין זיין פנים האָב איך דערקענט, אַז דער שוואַרצער איז אים בילכער ווי דער ווייסער.

אין דעם טאָג איז דאָס לערנען אינעם חדר געשטערט געוואָרן. דער ווייסער האָן איז געשפּרונגען און רגע׳ווייז אַרויף אויף די בעטן, אויפן טיש, געפּאַכעט מיט די פליגלען און יעדע רגע אויסגעשטרעקט זעם האַלדז צו קרייען. מיט זיין אָפטן און הילכיקן קרייען האָט ער דעם זיידן אַזוי דערצאַרנט, אַז בעתן קריי האָט ער אים דערלאַנגט מיט דער יאַר־מלקע זיינער איבערן רוקן. דער קריי האָט אין דער מיטן זיך אויס־געבלאָזט מיט אַ קוויטש.

אַז עס איז פינצטער געוואָרן האָט מען ביידע הענער אַריינגעלאָזט אין קורניק, וואָס איז הינטערן אויוון. איצט האָט דער ווייסער שוין אויך געשוויגן. אין עטלעכע שעה אַרום זענען געקומען די עלטערע שוועסטערן פון די חדר־יינגלעך, זיי אַהיים צו פירן. דורך די פענצטער האָט מען געזען אָנקומען די לייכטנדיקע לאַמטערנס איינער נאָך דער אַנדערער.

ביז צו אַ שפּעטער שעה איז מיין זיידע, ווי זיין שטייגער איז יעדע נאַכט, נאָך געזעסן איבערן „משניות״ און האָט שטיל געצויגן זיין ווונ־דערלעכע מעלאָדיע, וועלכע האָט מיך לאַנגזאַם איינגעשלעפערט אויף מיין געלעגער, אויפן טאַפּטשאַן.

ווען כ׳האָב זיך אויפגעוועקט איז שוין געווען פינצטער אין שטוב. ווייסקייט פונעם שניי האָט אַריינגעקוקט פון דרויסן דורך די פּראָסט־באַלאָדענע פענצטער. אין איינעם פון די נאָענטע צו מיר ווינקלען האָבן מייז געשאַרקעט און איך האָב גענומען קלאַפּן מיט דער האַנט אין דער וואַנט פונעם טאַפּטשאַן, כדי זיי אָפּצושרעקן און איינצושטילן.

— שרעק זיך נישט! — האָט מיך דער זיידע פון זיין שלאָף־צימער באַרויִקט — זיי וועלן דיר גאָרנישט טאָן.

די באָבע האָט זיך באַקלאָגט פונעם בעט אַרויס:

— די קאַץ שלאָפט. אַ גאַנצן טאָג לאָזט זי נישט אָפּ דעם קנויל פאָדעם און אַצינד, ווי זי וואָלט נישט זיין.

פון דרויסן האָט זיך געלאָזט הערן דאָס בילן פון אונדזער שכנס, דעם פויער טרושקאָס הונט; אים, אָט דעם געשפּרענקלטן הונט, האָט באַלד געענטפערט טימאָכס געלער הונט און נאָך זיי האָבן זיך אויפגע־כאַפּט אַלע אַנדערע הינט פון דער גאַס, דער לאַנגער „גוייִשער" גאַס, וואָס ציט זיך שיף אַראָפּ ביז העט צום טייך. אָט זענען זיי אויף אַ רגע שטיל געוואָרן, אָבער פּלוצלינג זענען זיי אַלע מיט אַ מאָל אַרויס נאָך שטאַרקער.

— אַ וואָלף דרייט זיך דאָ אַרום — האָט דער זיידע משער געווען.

דאָס בילן האָט געגומען שוואַכער, זעלטענער ווערן ביז עס איז אַנט־טשוויגן געוואָרן. שטיל. פונעם פאַרצימער, דאָרט ווו עס שטייען די צוויי פּעסער וואַסער, האָט פּלוצלינג אָפּגעהילכט ווי אַ שאָס.

— ווידער געפּלאַצט אַ רייף! — האָט די באָבע געזיפצט — איצ־טערט וועט דאָס ביסל וואַסער אין גאַנצן אויסרינען!

דער זיידע האָט זי געשטראָפט:

— כ'האָב דיר וויפל מאָל געזאָגט: רוף דעם באָנדער, אַז ער זאָל צונויפציען די פּעסער!

די נאַכט האָט זיך געצויגן, געצויגן. די באָבע האָט איינגעדרעמלט. אויף דער געלער, נישט געקאַלכטער וואַנט האָט זיך באַוויזן אַ ליכט־פלעק אין דער פאָרעם פון אַ פענצטער־טייל: אין טימאָכס הויז אַנטקעגן איבער האָט מען אָנגעצונדן פייער. דאָרט זענען זיי אויפגעשטאַנען, צו שטויסן פענצאַק.

און גאָר פּלוצלינג פון ערגעץ־ווו פון דער טיף — אַ מין מאָדנע פאָכען פון פליגלען, נאָר נאָך איידער דאָס האָט באַוויזן מיך ריכטיק איבערצושרעקן, איז עס מיר באַלד פאַרענטפערט געוואָרן דורך אַ קריי פונעם האָן, וואָס האָט זיך דערנאָך דערהערט פונעם קורניק אַרויס. דאָס איז געווען אַ לאַנגער זייער מעלאָדישער קריי מיט דער באַטאָנונג פון אַלע זיינע וויברירונגען און זיגזאַגן; דערנאָך האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַן אָפּשטאַרבנדיק קוקעריקען פון עקסטאַז.

— האָסט געהערט? — האָט מיך דער זיידע געפרעגט פון זיין שלאָף־חדר אַרויס — דאָס האָט געקרייעט דער שוואַרצער.

20.4.56

דאָס ערשטע דאָרף

דער קרעטשמער פונעם ערשטן דאָרף האָט געהייסן מרדכי און ער האָט געהאַט צוויי זין, משה און יענקל, און צוויי טעכטער, באַשע און פריידע. דער ייִנגערער ברודער, יענקל, איז געווען אַ פּוילער, מיט אַן אייביקן שמייכל אויפן פּנים, וועלכער „האָט גאָרנישט געוואָלט טאָן", אָבער דער עלטערער ברודער, משה, איז געווען אַ פלייסיקער, אַן אָנפירער מיט דערווירטשאַפט, און ער האָט עס היינט געזאָלט ברענגען דעם לערער פאַר זיינע שוועסטערן צום קומענדיקן זומער — „זמן".

וואָס פאַר אַ לערער וועט דאָס זיין? — האָבן די צוויי מיידלעך געוואָלט טרעפן און אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער. און אָט פאַרנאַכט האָט מען געברענגט דעם לערער. אַ ייִנגיטשקער, כמעט נאָך אַ ייִנגל! ווייס, צאַרט ווי אַ מיידל. אַ קליין פּעקעלע אונטער דער פּאַכווע, ביכלעך.

די מיידלעך האָבן געלערנט מיט חשק, פלייסיק, ווייל ביידע האָבן זיי שטילערהייט ליב געהאַט דאָס לערערל. זיי האָבן געלערנט ביי איין עק טיש. ביי דעם אַנדערן עק טיש איז געזעסן עמעצער פון די פּויערים פונעם דאָרף. אָדער עס איז געזעסן טאָמאַס, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פונעם מיליטער און האָט אָנטקעגן דעם באַוועגלעכן, קליינעם שפּיגל מיט די נעגל אָפּגעראַמט פרישטשיקלעך פונעם פּרצוף (ער האָט עס געטאָן מיט אַ סך מייסטערשאַפט); אָדער עס איז געזעסן דער קאַרליק וואַסיל און האָט געזידלט און געלעסטערט הינטער די אויגן די שקצים דערפאַר, וואָס זיי האָבן נעכטן ביינאַכט פאַרטשעפּעט זיין טאָכטער אויפן „נאַצלעג" אין פעלד:

— האָבן זיי דען... (דאָ קומט אַ זייער פּאָפּולער וואָרט אין רוסלאַנד) נישט געזען?...

קורצע דערציילונגען

דער לערער מיט די שילערינס האָבן זיך פאַררויטלט און זיך אויס־געמיטן מיט די בליקן. וואָרום דעמאָלט איז נאָך געווען די צייט פון רויט ווערן, שעמעוודיקייט און קרעפּטיקער צניעות. מיטן גאַנצן יוגנט־פלאַקער איז עס קיין מאָל נישט דערגאַנגען ווייטער ווי ציטערנדיקע באַרירונגען, בשעת דעם שפּאַציר אין דער פינצטער מיט באַשען אַליין אָדער מיט פריידען אַליין. דער פלאַץ פאַר אַזאַ ליבע־זיץ איז געווען זייער באַ־שרענקט, ביים ברעג וואַלד, וואָרום פון איין זייט האָט געשראָקן דער געדיכטער וואַלד און פון דער אַנדערער זייט די פיינטלעכקייט פון די פאַרבייגייערס.

טייל מאָל האָבן זיי זאַלבעדריט געגעכטיקט אין דער סטאָדאָלע אויף אַ הויפן היי, אין די מלבושים, ענג לעבן אַנאַנד און ער, דער לערער, אין דער מיטן. דאַן איז קלאָר געווען, אַז אים ציט עס צו דער ייִנגערער, שלאַנקער פריידע לגבי דער דיקלעכער באַשע, ווייל ער האָט זיך גע־ווענדט צו יענער און זיך געטוליעט נאָך צו איר, נאָך צו איר. כאָטש עס איז אים שווער געווען אַזוי אַרום מצער צו זיין איר עלטערער שוועסטער.

שיכורע פון היי זענען זיי אין דער פרי אַרויס פון דער סטאָדאָלע און, כמעט פאַלנדיק, זענען זיי געגאַנגען אין שטוב אַריין. דאָרט האָבן אויף זיי געוואַרט קאַרטאָפליעס מיט זויער־מילך. דאָס לערערל האָט מיט־געהאָלפן אין דער ווירטשאַפט, געהאָלפן איינשפּאַנען די פערד און זיך אויך געלערנט רייטן. דאָס איינע פערד, דאָס ערגערע, מאַגערע, האָט מיטן רוקן געשניטן צווישן די פיס ווי מיט אַ מעסער, אָבער דאָס אַנדערע פערד, דאָס בעסערע, פעטע, מיטן גלאַנציקן הינטן, איז באַקוועם און אַ תענוג צום רייטן.

אין די שבתים איז מען געגאַנגען דאַווענען אין גוט אַריין, צוויי וויאָרסט ווייט. אין מיטן וועג איז געווען אַ קוזשניע און אַן אַלטער קאָוואַל האָט אין איר געאַרבעט. דאָרטן אינעם גוט, אינעם שיינעם פּאַלאַץ, איז געווען אַ געהויבענע לופט, אַ השכלה־לופט, און אויפן טיש איז דאָרט תמיד געלעגן דאָס גרויסע רוסיש־העברעישע ווערטער־בוך פון יהושע שטיינבערג אין אַ פּרעכטיקן איינבינד, נאָך ניי און דופּטיק, וואָס בלע־טערנדיק אין אים איז געוואָקסן דאָס האַרץ...

אין סוף זומער איז דאָס גוטע פערד פלוצלינג קראַנק געוואָרן. אַלע רפואות האָבן נישט געהאָלפן. עס האָט אין שטאַל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געפילט זיך סוף און דער גאַנצער וועלטס טרויער האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע פינצטערע אויגן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז געלעגן אויף אַ זייט אָן לעבן.

פון ערגעץ ווו האָט זיך געיאַוועט אַ פויער, וואָס ביז איצט האָט מען אים דאָ נאָך קיין מאָל נישט געזען. אַ פויער מיט אַ פּרצוף ווי אַ קאַרטאָפל, וואָס איז געוואָקסן אין קעלער. ער איז געווען אַ פעל־שינדער. ביי נאַכט אין מיטן פעלד האָט ער עס אָפּגעשונדן די פעל פונעם פערד, ער האָט געבוקט זיך און געשיילט, געבוקט זיך און געשיילט, — אין דער פינצטער, אין דער ראָסע, אין דער שטילקייט, אין דעם שטעכן פון די קאָמאַרעס.

און אין איינעם אַ טאָג פאַר ראש־השנה האָט דער עלטערער זון, משה, איינעם וואָגן, געשפּאַנט מיטן געבליבענעם שלעכטן פערד, צוריקגעפירט דעם לערער אַהין, פון וואַנען ער האָט אים געברענגט. אַ טרויעריקע, פאַריתומטע איז פריידע אַריין אין שטאַל אַריין, צו מעלקן די קי, און באַשע, אויך זי אַ פאַרביטערטע, לייכט ציטערנדיקע פון קעלט, האָט זיך מישב געווען און איז אַרויף אויפן פּיעקעלעק, באַלד נאָך איר איז אויך אַרויף איר ברודער יענקל, דער צוריקגעזעצטער, פוילער, וואָס „וויל גאָרנישט טאָן”. ער איז אַרויף — און באַשע איז אַראָפּ...

אַזוי איז עס געווען אינעם ערשטן דאָרף.

22.6.56

לעמבערג 1905

ווען נישט באַקכוס, דער רעסטאָראַטאָר אינעם באַזשניצאַ־געסל, וועלכער האָט ליב געהאַט שפּאַסן און געלעכטער, וואָלטן די רוסישע עמיגראַנטן, וואָס די פּאָגראָם־כוואַליע פון יאָר 1905 האָט זיי אַהער פאַרטראָגן, דאָ בכלל נישט געקאָנט עקזיסטירן. אַ דאַנק זיין ליצנות און

„לייכטקייט" האָבן זיי געשמעיעט צו עסן אויף באָרג — און ער האָט פאַרצייכנט די חובות מיט קרייד אויפן ביישטידל.

אין זיין גרויסן הונגער עסט דערוויל דער יונגער עמיגראַנט, נישט וויסנדיק ווי אַזוי ער וועט דערנאָך די זאַך דערליידיקן. צו זיין גליק דערפילט ער פּלוצלינג אַ קיצל מיט אַ שטרוי הינטער זיין אויער און ער ווייסט שוין, אַז דאָס האָט געטאָן באַקכוס אַליין, וואָס קאָכט זיך אין אָט אַ די שטיפערייען און איז אַ מייסטער אויף צו מאַכן זיך טאַמעוואַטע, ווי נישט ער איז עס, ווי איינער וואָס ווייסט פון גאָרנישט. דאָס איז דעם פּליט מיט דער ליידיקער קעשענע בייגעשטאַנען, זיך אַרויסצודרייען פון דער צרה און עס איז אים שוין נישט שווער געווען, צו בעטן „קרעדיט".

אַן אַנדערער ליכטיקער פונקט — מכוח לאַזשירן — איז געווען פּעסיע, אַ יונג, פריש און לוסטיק ווייבל, וואָס כאָטש איר דירה איז געווען קליין און ענג, כמעט ד' על ד', פלעגט זי פאַרדינגען 2־3 סאָפעס צו יונגע לאָקאַטאָרן. איר מאַן, אַ מאַשיניסט אין אַ דרוקעריי, איז געווען אַ קרענקלעכער און פיל עלטערער פון איר. זי פלעגט אָפט דערציילן וועגן איר הויז־אייגנטימער, אַ גרויסן עושר, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן פון אַ קרעבס, ווי שווער ס'איז אים געווען דער אָפּשייד פון איר, זאָגנדיק: „ווי אַזוי וועל איך קענען שטאַרבן און דיך איי־בערלאָזן !..."

ס'האָרץ מיינט לאַזט מיך נישט, זי פיל צו באַרעדן, אָט אַ די גוטע פרוי, און אַנטפּלעקן זאַכן, וואָס ס'איז בעסער זיי צו פאַרשווייגן. זאָל־זשע דער פאַרהאַנג אַרונטערפאַלן איבער די דאָזיקע אַלע דראַמעס און טראַגעדיעס, וואָס האָבן זיך דאָ שטילערהייט אָפּגעשפּילט צווישן די צוויי־דריי לאָקאַטאָרן, בפרט אין די טעג פונעם וואַל־קאַמף צום עסטרייַ־כישן פּאַרלאַמענט, צווישן דעם ציוניסטישן קאַנדידאַט שטאַנד און זיין קעגנער, דעם קאַנדידאַט פון דער ס.ד. דיאַמאַנט, — ווען איר מאַן איז געווען פאַרנומען אין דער דרוקעריי נאַכט־ביי־נאַכט ביז צום ליכטיקן מאָרגן, דרוקנדיק די ריזיקע פּראָפּאַגאַנדע־אַפּישן.

אַרום איז געווען אַן ענגעניש פון שכנים און שכנטעס, טיר־ביי־טיר. לויערן, אונטערהאָרכן, שפּיאָנירן און סודן־זיך. דאָס זענען דאָך די פּאַר־

שידענע האַרעפּאַשניקעס, שוסטערס, שניידערס, קצבים, בעקערס אאז״וו, וועלכע האָבן ליב געהאַט אין די אָוונטן צו באַזוכן די „בראָדער זינגערס״ און אַמוזירן זיך איבער זייערע לידלעך מיט די אָנצוהערענישן אויף דיס־קרעטע זאַכן, מיטן לידל „יידל מיטן פידל״ אויבן־אָן. מ׳קען גאָרנישט באַשרייבן די באַגייסטערונג און דעם בייפאַל־שטורעם, וואָס האָט אָרום־גענומען דאָס דאָזיקע גאַנצע פּובליקום, מענער ווי פרויען, ווען די באַ־רימטע פאָלקס־זינגערין פּעפּי ליטמאַן האָט זיך צעלאָזט מיט איר זיסן קול ביים רעקאָרד:

קיין סטרונע פלאַצט ביי אים
קיין מאָל — —

דער קאַמף

ער איז שוין אַ פינף־און־זיבעציקער און האַלט זיך נאָך גוט. אַחוץ עטלעכע לייכטע מיחושן איז אַלץ ווי ס׳דאַרף צו זיין. דער סוף, דאַכט זיך, איז נאָך זייער ווייט.

געמיטלעך גייט ער זיך אין גאַס און קלאַפּט מיט זיין שטעקן אויף די שטיינער, ווי וועלנדיק אַזוי שטאַרקער פילן זיין קיום. צו מאָל פילט ער זיך אַפילו שולדיק, ס׳דאַכט זיך אים, אַז ער געניסט פונעם ליכט און דער לופט מערער ווי ס׳קומט אים. ווי איינער וואָס בלייבט אין קינאָ צום צווייטן סעאַנס, כאָטש זיין בילעט איז אומגילטיק געוואָרן נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג.

פון דעסטוועגן סימנים, וואָס זאָגן וועגן זיין אַלטקייט, זעען אין אים פאָרט קענטיק. אָט דאָס וואָס ס׳איז געווען נעכטן־אייערנעכטן איז ער נוטה צו פאַרגעסן, אָבער דאָס וואָס ס׳איז מיט אים פאָרגעקומען לאַנג־לאַנג שווימט אים אַרויף אויפן זכרון מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט. די דאָזיקע אַלט־אַלטע זאַכן באַדריקן אים זייער. אַזוי גייט ער אין גאַס און בייזערט זיך אויפן קול אין געשפּרעך מיט זיך אַליין: „אַזאַ מנוול!״

פאַרבייגייער מיינען, אַז דאָס בייזערט ער זיך אויף עמעצן, וואָס ער האָט ערשט־נאַר־וואָס געהאַט מיט אים צו טאָן, און ווייסן נישט, אַז דאָס מיינט ער אַ קעגנער פון פאַר פופציק אָדער זעכציק יאָר אויף וועלכן עס וואַקסט שוין גראָז. יענער האָט אים דעמאָלט געזאָגט אַזוי און אַזוי... ווען ער וואָלט אים איצט דאָ אַנטקעגנגעקומען, — וואָלט ער אים געפּאַטשט!

פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין אַמאָליקן שכנס, דעם שוסטערס זונדל, ברוך, יענעם לאָבוז מיט די זומער־שפּרענקעלעך, וועלכער פּלעגט אים פאַרביטערן דאָס לעבן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען צען יאָר און אָט דער ברוך איז געווען עלטער מיט צוויי יאָר און פיל שטאַרקער פון אים. אויף יעדן שריט האָט ער זיך צו אים געטשעפּעט און געשלאָגן אים — און ס׳איז נישט געווען קיין רעטונג.

פון דעמאָלט זענען שוין פאַרביי אַ פינף־און־זעכציק יאָר — און דאָס יינגל, דער לאָבוז, שטייט איצט ממש פאַר זיינע אויגן... אָט איז ער! אויפן טראָטואַר, דאָ אין דער פאַרשטאָט, שטייט ער מיט זיין זומער־געשפּרענקלטן פּרצוף ווי אַ בייז באַגעגעניש פאַר יעדן פאַרבייגייענדיקן יינגל. ער פאַר־שוינט קיינעם נישט. קענטיק, אַז די יינגלעך קענען אים און מיידן אים אויס, נישט צו קומען אין אַ קאַמף מיט אים. אויף איין שול־יינגל, וועל־כער איז אַנונגסלאָז פאַרבייגעגאַנגען מיט זיין ביכער־טאַש, איז ער אָנ־געפאַלן אַן אַ פאַרוואָס, אַראָפּגעריסן פון אים דאָס היטל פונעם קאָפּ און אים אַנידערגעוואָרפן אויף דר׳ערד.

דער אַלטער איז געוואָרן צאָרנדיק. אָבער טאַקע וואָס צאָרנדיק הייסט...

— פאַרוואָס שלאָגסטו אים? באַנדיט!

— וואָס אַרט עס דיך, אַלטער? ער איז דיין זון?

און ער האָט דערלייגט נאָך עפּעס אַ וואָרט.

— וואָס האָסטו געזאָגט, הא? איך וועל דיר...

און ער האָט איבער אים אויפגעהויבן זיין שטעקן.

ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. דאָס יינגל האָט אָנגעכאַפּט דעם שטעקן ביים עק און גענומען שלעפּן זיין שונא, שלעפּן און וואַרפן אַהין און אַהער און אויך קאָפּן אים מיט די פיס.

ג ר ש ו ן ש אַ פּ מ אַ ן

פאַרבייגייער האָבן זיך אַריינגעמישט, מיט מי זיי צעשיידט און דעם אַלטן, זעענדיק, אַז די כוחות לאָזן זיך אים אויס — אָוועקגעפירט אין זיין וועג. סאַפּענדיק שווער, די האַנט אויפן האַרצן, האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די אונטערפירער און געשעפּטשעט: „אַזאַ באַנדיט, אַזאַ באַנדיט!"...

דעמאָלט האָט ער אים נישט געקאָנט בייקומען, ווייל ער איז געווען קליין און איצט — ווייל ער איז אַלט.

20.3.59

איין האָרן

(פון אַמאָליקע יאָרן)

טאָג־טעגלעך פאַר נאַכט, אַז די טשערעדע איז צוריקגעקומען פון דער פּאַשע, איז פון איר מיטן אַריבערגעוואַקסן דעם שטאָט־„גאַלאָווע" אַנדרעי טיט׳ס ברווינע, ראַסיקע קו מיטן איינציקן האָרן (דער צווייטער האָרן האָט זיך אוודאי אָפּגעבראָכן ביי עפּעס אַ צוזאַמענשטויס). זי איז געווען העכער פון די אַנדערע קי. איר פעל האָט געגלאַנצט אינעם שיין פון זון־אונטערגאַנג און דער פעלער אירער האָט איר נאָך צוגעגעבן אַ באַזונדערע פּראַכט. פאַרגאַפט האָב איך איר נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשווונדן פון מיינע אויגן. שפּעטער, אַז איך בין אין חדר דערגאַנגען צו דניאל׳ס וווּנדערלעכע וויזיעס און כ׳האָב זיך פאַרטראַכט וועגן יענעם „קרן אחת", וואָס איז אויסגעוואַקסן „עד צבא השמים ותפל ארצה מן הכוכבים" א״וו, האָב איך אים געזען אין דער געשטאַלט פונעם האָרן פון טיט׳ס קו — און דער כבוד פון דער שיינער, אַדעליקער קו איז אין מיינע אויגן נאָך מער געשטיגן.

און ווי בין איך אין אַ נאָך שפּעטערער צייט פאַרחידושט געוואָרן, אַז כ׳האָב ביי מענדעלען אויך געפונען: „אַ קו מיט איין האָרן". כל רע לא אנס לו!

אַ מלחמה

— בלוט גיסט זיך אין די גאַסן!...

אַזוי האָט אין אַ „שמחת־תורה״־מיטאָג אונדזער שכנטע יודאַשאַ אַרויסגעליאַרמעוועט די בני־בית אונדזערע, דערשראָקענע, אין גאַס אַריין.

זלמן־יודל און זלאַטע־גאָלדעס זין, געניטע שלעגערס, וועלכע האָבן אין בית־המדרש תמיד געפירט קריגערייען און שלעגערייען מיט די רייכע בעלי־בתים צוליב „עליות״ און פלעצער ביי דער מזרח־וואַנט (דער ערשטער „קלאַסנקאַמף״!), האָבן איצטערט, אין שמחת־תורה, זייענדיק בגילופין, זיך אַזוי צעבושעוועט, אַז דער קאַמף האָט זיך פאַרשפּרייט און איז אַריבער אין גאַס אַריין. קולות און געשרייען, אַ גרויסע מהומה און די פויסטן אַרבעטן.

אַט זענען דער שניידער חיים זלאַטע־גאָלדעס און מענדל דער שענקער, ביידע אַ יאָר דרייסיק אַלט און פון איין וווּקס. מיט דער לינקער האַנט האַלטן זיי אייינאַנדער באַם לאַץ און מיט דער רעכטער האַנט טיילן זיי זיך אויס שווערע קלעפּ. איינער נאָך דעם אַנדערן טון זיי דאָס, ווי זיי וואָלטן עס פריער אַזוי אָפּגעמאַכט. מיר אַ קלאַפּ, דיר אַ קלאַפּ. מיט ישוב־הדעת — נישט צו רירן דעם קאָפּ, די אויגן.

אַזוי האָט מען זיך אַמאָל געשלאָגן ביי יידן, פון מעסערס און רעוואָלווערס — קיין שפּור!

4.9.59

פּסח אַמאָל ביי יידן

ס׳גאַנצע יאָר, ס׳גאַנצע יאָר האָב איך געוואַרט אויפן פּסח. וואָרום דאָ איז געווען אַלץ אין איינעם: דער פרילינג, דאָס שמעלצן פון די שנייען, די פּאַרפּלייצונגען, די שמעקענדיקע ליימענע און הילצערנע כלים — און דער עיקר די כוסות, די כוסות!

די מצות האָבן זיך געבראַכן, ווען מ׳האָט זיי געטראָגן פּעקוויז פונעם בעקער, אין דער אייגענער צייט וואָס איבערן טייך האָט זיך איינגע־

בראָכן דאָס אייז. דאָס פרילינגדיקע קרייען פון די הענער האָט זיך צע־גאָסן אין איינעם מיט די קריעס אין די ראָוועס.

פסח און פרילינג און קינדהייט.

יאָ, אויפן פסח מיט זיינע צוויי „סדרים" האָב איך אַרויסגעקוקט מיט אומגעדולד דאָס גאַנצע יאָר. איצטערט שטעלט איך פאַר די גרויסע טראַגעדיע ווען ס'האָט זיך געטראָפן, אַז איך, אַ מידער פון פיל גליק און פון דער שפע פון איינדרוקן און פונעם שטויסן די מצות מיטן שווערן שטויסער אין דער גרויסער הילצערנער „סטופע", בין אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן טאָפּטשאַן נאָענט צום „סדר" און כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט ערשט אינעם אַנדערן פרימאָרגן! („פאַרשלאָפן דעם סדר"!).

ערב פסח! אָט דער מאָדנער און זיסער טומל: דער ריח פונעם קאַלעך, דער גויִישער קאַלעכער, וואָס ווייסט די ווענט און די סטעליע, דער תוהו ובוהו, — און אין מיטן פון דעם אַלעמען מאַפּוס „אשמת שומרון", וואָס מיין עלטערער ברודער, משה, וועלכער איז צוריקגעקומען פון זיין „קאָנדיציע", האָט נאָר־וואָס געבראַנגט פון דער ביבליאָטעק.

דער רוים אין שטוב האָט אויסגעליידיקט דאָס מעבל, וואָס מ'האָט אַרויסגעטראָגן אין דרויסן אַרויס, כדי צו שייערן און כשרן זיי — און ווי זיס בין איך ביינאַכט געשלאָפן אויפן פאָל, אויפן שטרוי־געלעגער, בעת דאָס לבנה־ליכט איז געלעגן אויף די אָפּגעשייערטע פּוטרינעס פון די פענצטער.

איך האָב ליב געהאַט אונדזער „הגדה", די אייגנאַרטיקע, וואָס אַזעלכע האָב איך נישט געטראָפן אין אַנדערע הייזער — מיט די צוויי פּירושים פוןביידע זייטן: ר' שניאור־זלמן מלאדיס פּירוש פון רעכטס און דער פּירוש פון זיין תלמיד ר' אהרן פון סטאַראָסעליע — לינקס.

און יענער שוידער אין רוקן בשעת איך האָב געעפנט די טיר פאַר אליהון...

„...כי אכלו את יעקב ואת נוהו השמו" — — —

די אָנפירערין מיט דער אַרבעט אין קיך, ווי אַ גרויסע קענערין אויף באַקן און קאָכן, איז געווען די באָבע. זי האָט דאַן באַקומען אַן אַנדערע צורה און איר פנים האָט געשטראַלט. אַזוינע „כרעמזלעך", ווי מיר האָבן

געגעסן אין די פסחס פון אונדזער קינדהייט, וועלן מיר שוין קיין מאָל נישט עסן, וואָרום דעם סוד פונעם מאַכן זיי האָבן אונדזערע באָבעס מיט זיך מיטגענומען אין זייער קבר אַריין.

די פּסחדיקע כּלים האָט מען אַ גאַנץ יאָר געהיטן אויפן בוידעם, פּאַרפּאַקט אין היי אין אַ פּאַס, ביי דער זייט פונעם קוימען. ערב יום־טוב האָבן מיר זיי אַרונטערגענומען און אין „אסרו חג״ צוריק אַרויפגעטראָגן; אַראָפּגידערנדיק דערנאָך אין איינעם מיט דער באָבען אויף יענער צע־פאַלנדיקער לייטער, צו וועלכער ס'האָט געפעלט אַ מיטלסטער שטאַפּל, צוריק צו די פיל־פיל וואָכעדיקע טעג, פלעגט זי אַ מאָל צו זיפצן: „ווער ווייסט, צי אין קומענדיקן פסח וועל איך נאָך לעבן״...

אייגנטלעך האָט זי נישט געבעטן, סתם מאריך ימים צו זיין, נייערט צו דערלעבן דעם קומענדיקן פסח און נישט מער. דער דאָזיקער באַשיי־דענער ווונטש האָט זיך איר טאַקע במשך עטלעכע יאָרן דערפילט, ביז... ביז ס'איז געקומען אַ נייער פסח און מיר זענען געזעסן ביים „סדר״ אָן איר...

6.4.66

דירעקטאָר וואָלף

ווי אַ געלט־פעסטונג, וואַרעמקייט און גליק אין מיטן פון אָרעמקייט, דחקות און קעלט, איז די פּראַכטיקע „שטייערישע באַנק״ געשטאַנען אויף דער הויפּט־גאַס פון דער שטאָט ג. פאַרהאַרעוועט און פאַרשמייעט, מיט אָפּגרונט־שרעקן אין זייערע אויגן, זענען די מענטשן אַדורך גע־גאַנגען אויף דעם פון רעגנס און שנייען פייכטן טראָטואַר פאַרביי דעם פעסטן בנין, וועלכער האָט דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטער צו דער גאַס מאַניפעסטירט מיט נייע באַנקנאָטן פון פרעמדער וואַלוטע און גרויסע גאָלד־מטבעות. אינעווייניק אין באַנק, אינעם הויכן, רחבותדיקן רוים, האָבן די פנימער פון די באַאַמטע געבלישטשעט — זאַטע, צופרידענע, זאָרגלאָזע. אָן אַנגענעמע וואַרעמקייט האָט דיך דאָ אַרומגענומען, אַריינ־

קומענדיק פונעם קאַלטן דרויסן, אַ וואַרעמקייט, וואָס שפּאַרט, דאַכט זיך, נישט פון דער צענטראַל־באַהייצונג, נייערט פון די סייפס, די פולע און אָנגעפּראָפּטע קאַסעס.

אינעם הינטערשטן אָפּטייל, זיצט זיך אין זיין באַזונדערן חדר דער דירעקטאָר וואָלף, דער איינציקער ייד אינעם דאָזיקן פינאַנס־אינסטיטוט, וועמענס אַלע אייגנטימערס זענען קריסטן. נאָר אַ דאַנק זיין פּאַכקענטעניש האָט ער דערגרייכט אָט די מדרגה. ער איז מייסטנס באַשעפטיקט מיט רעדן טעלעפאָניש וועגן וואַלוטע, דעוויזן און וו. גלייכצייטיק חתמעט ער זיין נאָמען אויף פּאַפּירן, וועלכע די באַאַמטע ברענגען צו אים פון רגע צו רגע.

ער האָט באַקומען אַ שם פון אַ גוטהאַרציקן מענטש, מיט אַ יידיש האַרץ, וואָס העלפט די יידישע סוחרים אין זייער נויט און אין דער לעצ־טער האַפענונגסלאָזער מינוט ראַטעוועט ער זיי פון אונטערגאַנג, פאַר־שאַפנדיק זיי אַ הלוואה פון דער באַנק. נישט אומזיסט זוכן אים אָפּ פאַר־שידענע יידישע געשעפטסלייט נאָך שלאָפלאָזע נעכט.

— ...איך קאָן נישט — פּרוווט דער דירעקטאָר זיך אַרויסצודרייען

— איך קאָן נישט, הער זילבערשטיין! וואָס וועל איך טאָן, אַז איר וועט נישט קענען האַלטן אייער וואָרט? איך גלויב אין אייער אָרנטלעכקייט, אָבער אַז איר וועט נישט קענען? קענט איר מיר געבן עפּעס ממשות־דיקע גאַראַנטיעס? איר ווייסט דאָך, ווי פּאָרזיכטיק מיר יידן דאַרפן זיין אין אַזאַ צייט. איר געדענקט דאָך דאָס עסק וואָס איך האָב אַ מאָל געהאַט מיט דער פירמע פישער?...

אָבער דער סוחר זילבערשטיין איז זיך נישט מייאש. נאָך די אַלע רייד און תחנונים זאָגט ער אַרויס כמעט וויינענדיק:

— הער דירעקטאָר, איך שטיי פאַרן זעלבסטמאָרד...

אין אויגנבליק ענדערט זיך דעם דירעקטאָר וואָלפס געזיכטס־אויסדרוק און מיט אַ רחמנותדיקן קוק אין דעם אומגליקלעכנס אויגן אַריין זאָגט ער:

— נו, גוט... אָבער...

און אָט זענען אָנגעקומען די טעג וואָס אויך דער באָדן אונטער דעם דירעקטאָרס פיס האָט גענומען ציטערן — דער רודער פון דער

מאַכט איז פּאַוואָליע אַריבער אין די נאַציס הענט. אַפילו דער אינערן־מיניסטער איז שוין אַ נאַצי! דאָס האַרץ האָט זיך שטילערהייט געטוליעט צו דעם שיינעם, אַדעליקן מענטש מיט די גאָלדענע ברילן, צום קאַנצלער קורט שושניג. כל זמן ער, שושניג, איז נאָך אויף זיין אָרט— איז נאָך נישט צום ערגסטן!

ביז ס׳איז געקומען יענער ביטער־בייזער טאָג, ווען די נאַצישע בעסטיע האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר שטייג מיט איר גאַנצער ווילד־קייט. די שול־לערער האָבן אַליין אַרויסגעשיקט זייערע שילערס און שי־לערינס אין די גאַסן אַריין — און אָט די האָבן דערפילט זייער שליחות ווי ס׳דאַרף צו זיין. מחנותוויז האָבן זיי מאַרשירט און נישט אויפגעהערט צו שרייען: „שושניג וועג, שושניג וועג, שושניג וועג!״ פון צווישן זיי האָט אַרויסגעבליצט אַ צעפלאַמטע, רויט־האָריקע מויד, וואָס אירע לאָקן האָבן ממש געפלאַקערט ווי פייער־צונגען, פייער און פלאַם...

פּאָליציי־קייטן האָבן פאַר זיי פאַרצוימט די רעגירונגס־געביידעס, אָבער די פּאָליציסטן אַליין האָבן זייערס געטאָן אָפּגעלאָזן, צעגערנדיק. אין דער באַנק זענען איצט געזעסן די באַאַמטע אַלע באַפּוצט מיט האַקנ־קרייצן, אַ זאַך וואָס זיי האָבן פריער נישט געוואַגט צו טאָן. אויפגעוועקט־קייט, פרעכהייט, איבערמוט. פאַרשפאַרט אין זיין עקסטרען חדר אין הינ־טערשטן רוים, איז געזעסן דער דירעקטאָר וואָלף און געשפּאַנט געוואַרט אויף ידיעות, וואָס זיין פרוי האָט אים פון מאָל צו מאָל געשיקט פון ערגעץ־ווו פון דרויסן — טעלעפאָניש.

פלוצעם האָט ביי אים אָנגעקלאַפּט אין טיר, דער באַזיצער פונעם קליידער־געשעפט, דער אַלטער יידישער סוחר שוואַרץ. נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, וואָס ס׳טוט זיך אַרום און אַרום, האָט זיך דער באַנקראָטיר־טער סוחר אַדורכגעריסן צו אים דורך אַלע פּאָליציי־קייטן און די דע־מאָנסטראַציע־אויפמאַרשן. לויט דער באַקאַנטער געוווינהייט, האָט ער זיך גענומען בעטן ביי אים, אָבער דער דירעקטאָר האָט געהערט און נישט געהערט. דאָס מאָל איז ער איבערהויפּט נישט געווען געשטימט פאַר אַזוינע זאַכן. זיין האַרץ האָט זייער געציטערט.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען און זיין פרוי האָט אים געגעבן צו וויסן: „אַקאַרשט איז אָנגעקומען אין שטאָט אַרייך מיליטער פון ווין. נישטאָ קיין צוטרוי צום היגן מיליטער און דער פּאָליציי. די לאַגע איז ערנסט"...

דער סוחר שוואַרץ רעדט צו טויבע אויערן. ס'האָט גענומען טונקל ווערן — און אָט איז ווידער אַ קלונג: „אין דער רגע איז געקומען דער נאַכריכט: „שושניג איז צוריקגעטרעטן"...

בלאַס ווי אַ מת האָט דער דירעקטאָר וואָלף אַוועקגענומען דאָס טרייבל פון זיין אויער. דער סוחר שוואַרץ האָט מיט אַ דערשלאָגענער שטים געזאָגט:

— הער דירעקטאָר, איך האַלט ביים זעלבסטמאָרד...

— איך אויך! — איז געווען דער ענטפער.

17.11.61

די היסטאָריע אַליין

אַ טאָג נאָך דער באָמבאַרדירונג האָבן מיר, איך און מיין פריינד, באַזוכט אין זיין וווינונג דעם אַלטן היסטאָריקער, דעם זקן מופלג. שווער האָבן מיר אַדורכגעמאַכט דעם וועג אין יענעם שלימזלדיקן געסל, צווישן די חורבות פוןביידע זייטן. דאָס הויז, וווּ ער האָט געוווינט, איז נישט געטראָפן געוואָרן — דורך אַ נס.

דער מענטש איז אַלט, זייער אַלט, און נאָר מיט זיין פרויס הילף האָט ער אונדז דערקענט. ער האָט אונדז אויפגענומען מיט זיין אייביקן זאָג:

— ווען מיינע פריינד קומען מיך באַזוכן, ווייס איך, אַז איך לעב נאָך.

אַלטע ריחות טראָגן זיך דאָ, צווישן די אָפּגעבליאַקעוועטע בילדער און די הויפנס ספרים. שימל פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. אין אונדזער קינדהייט, אינעם תחום־המושב, האָבן מיר געפילט די דאָזיקע ריחות אין שטוב פון אַלטע, איינזאַמע אלמנות. יאָ, דער מענטש איז זייער אַלט,

אַט איז זי, די זיקנה, מיט אַלע אירע שרעקנס. עס דאַכט זיך, אַז פון די אַלע פּאַסירונגען פון פּאַר צוויי טויזנט יאָר, וואָס וועגן זיי האָט ער געשריבן אין זיינע היסטאָרישע שריפטן, — איז ער אַליין געווען זייער לעבעדיקער עדות.

זיין „יונגע", זיבעציק־יאָריקע פרוי, אַ פּאַרטרוקנטע יידענע, האָט מיט אונדז געשמועסט איבער אים, „אַריבער זיין קאָפּ", ווי וועגן אַ קינד.

— וואָס זאָל איך טאָן — האָט זי זיך באַקלאָגט — אַז ער וויל נישט אַראָפּגיין אין מקלט אַריין. נעכטן, בשעת די „דונערס", האָב איך אים „געשלעפּט" אין מקלט אַריין, — און ער האָט זיך נישט געלאָזט. וואָס זאָל איך טאָן ?!

אָבער דער אַלטער היסטאָריקער איז נאָך נישט אַזאַ „עובר־בטל". אָבער טאַקע לחלוטין נישט, און דאָס איז זיין „פּאַרענטפערונג":

— קודם כל שעם איך זיך אַריינצוגיין אין מקלט אַריין. איך שעם זיך ממש. איך בין דאָך שוין אַ ניינציקער... און נאָך אַ דאָס: מיין גאַנץ לעבן איז געווען אָוועקגעגעבן דער היסטאָריע ; אין וויפל שולן בין איך געווען אַ לערער פון היסטאָריע ; איך האָב פאַרעפנטלעכט אַ סך היסטאָריע־ביכער אויף איר חשבון, אויף דער היסטאָריעס חשבון, האָב איך זיך מפרנס געווען „ועכשיו שבאה לידי", איצט, אַז די היסטאָריע אַליין קומט צו מיר, אויך צו מיר אַליין, — זאָל איך זיך פאַר איר באַהאַלטן ?.... ניין, איך וויל נישט אַראָפּגיין אין מקלט אַריין, איך וועל נישט אַראָפּגיין !..

14.2.62

נעכט אָן שרעק

אין מיין קינדהייט האָב איך זיך אין די נעכט זייער געשראָקן פאַר גנבים. אין שניי אַרום אונדזער הויז, וואָס איז געשטאַנען אין עק שטאָט, האָט מען יעדן פרימאָרגן דערקענט זייערע טריט. מיר האָבן געציטערט וועגן אונדזער קו אין שטאַל. האָט דאַן אין איינעם פון די ווינטער־אָוונטן מאַריאַשאַ די בעקעריך, ביי וועלכער מיר פלעגן נישט איין מאָל נעמען אַ

לעבל ברויט אויף באָרג, צו אונדז געבערענגט אַ פרעמדן פריער אומבאַ־קאַנטן יונג און געבעטן, אַז מיר זאָלן אים האַלטן עטלעכע טעג אויף אונדזער פּיעקעליק.

צוויי מאָל אין טאָג האָט זי אים געברענגט עסן. צוליב דעם שטאַרקן פראָסט בין איך צו אים אַרויף אויפן אויוון און דאָרט, אינעם ענגן רוים, האָבן מיר שוויגנדיק, נאָענט־נאָענט, זיך קעגנזייטיק באַטראַכט. אַ געזונטער יונג מיט רויטע באַקן, אַ שטראָמענדיקער מיט וואַרעמקייט, פרישקייט און כוח, כוח. אַצינד האָב איך געפילט אַ זיכערקייט, ווי נאָך קיין מאָל נישט און איך בין געשמאַק געשלאָפן. איצט — אין איין רוים מיט אָט אָ דעם פעסטן יונג. אדרבא, איצטערט זאָלן זיי קומען!...

כ׳בין דאָן אַלט געווען אַן אַכט יאָר און איך האָב נישט נאָכגעפאָרשט ווער דאָס איז אַזוינס, דער מיסטעריעזער גאַסט. ערשט נאָך יאָרן בין איך געוואָר געוואָרן דעם סוד: מאַריאַשאַ האָט אים ביי אונדז באַהאַלטן. ער איז געווען אַ געפערלעכער באַנדיט, איר פלימעניק, וואָס די פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט נאָך אַ דרייסטער גנבה — און ווייל זי האָט אים קענטיק ליב און רחמנות געהאַט אויף אים. איז דאָס געווען אַ געניאַלער איינפאַל אירער. צו געפינען פאַר אים אַזאַ באַהעלטעניש. וואָרום וועלכן „שפּיצל" וועט עס איינפאַלן, אַז מען דאַרף אים זוכן ביי ר׳ יוסף דעם מלמד אויפן פּיעקעליק!

אָט אַזוי זענען פאַר מיר אַריבער נעכט אין רו, אָן מורא פאַר גנבים, נאָר דערפאַר, ווייל איך בין געשלאָפן מיט... אַ גנב.

17.6.60

„וואַרשע איז נישט מאָסקווע"

אָנגעקומען ניסן, איז צווישן די אַנדערע צוגרייטונגען צום פּסח אויך געווען דאָס שרייבן אַ בריוו אויף „לשון קודש" קיין מאָסקווע צו אונדזער רייכן קרוב ברוך ריינין (איך האָב אים נישט געקענט), אַ למדן און אַ מענטש פון גרויסע געשעפטן, וואָס זענען אונדז נישט געווען

באַקאַנט, און אינעם בריוו צו בעטן און דערמאָנען אים וועגן דער יערלע־כער אונטערשטיצונג פינף רובל, וועלכע ער האָט אונדז געהאַט באַשטימט צום חג החירות.

מיין באָבע, די אלמנה, האָט מיך געשיקט אין קראָם אַריין, צו קויפן אַ בייגעלע פּאַפּיר (דאָס קויפן, אגב, פון שרייבגעצייג, דאָס גלאַנציקע פּאַפּיר, די נייע פּעדערס אין פאַרשידענע צורות אד״גל איז אין מיין קינדהייט געווען פאַרבונדן מיט אַ באַזונדערן ציטער: ערשטע פאַרגעפילן פונעם שרייבער) — און ביידע זענען מיר דערנאָך געגאַנגען אין בית המדרש אַריין, צום חדר פון נחום־בערן, וועלכער איז, אַחוץ אַ למדן מופלג, אויך באַקאַנט געווען פאַר אַ „ספרא רבא״, און געבעטן אים, אַז ער זאָל שרייבן דעם בריוו מיט אַ שיינער, קלאָרער שריפט. האָט דער גרויסער מלמד, נישט פיל טראַכטנדיק, אָנגעהויבן שרייבן: „אני האשה הנצבת בזה״ אאַז״ו א״וו. דאָס מאָל איז דער בריוו נישט אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע, ווייל אין דער צווישנצייט איז פאָרגעקומען דער גירוש פון די יידן פון דער רוסישער רעזידענץ, נייערט קיין וואַרשע, ווו אַהין דער רייכער קרוב איז אַריבער, ער מיט זיינע גרויסע געשעפטן.

דאָס יאָר זענען אָבער דערהאַלטן געוואָרן נישט מער ווי דריי רובל אין איינעם מיט אַן אַנטשולדיקונגס־בריוו, וועלכער האָט זיך געענדיקט אַזוי־אָ: „וואַרשע איז נישט מאָסקווע״.

6.4.63

ווילדע יינגלעך

אַ שול פאַר הינטערשטעליקע קינדער אויף דער פאָרשטאָט. די שי־לערס און שילערינס באַשטורמען בעת די פויזעס די גאַס און באַלעסטיקן די איינוווינער און פאַרבייגייער. זיי רייסן זיך אַריין אין די גאָרטנס פון די שכנותדיקע הייזער, פאַרניכטן דאָ אַלדאָס שיינע און וואַרפן שטיינער אין די וועראַנדעס אַריין. די מיידלעך זענען נישט בעסער.

די לערערינס (זיי האָבן לערערינס, נישט קיין לערערס), מוזן דורך זיי אויסשטיין פיל שווערע צרות. זיי האָבן נישט קיין שליטה איבער זיי, די פיל עקשנותדיקערע און שטאַרקערע פון זיי.

אַז ס׳פאָרט פאַרביי אַ וואָגן, הענגען זיי זיך תיכף אָן פון הינטן און רייצן זיך מיטן פורמאַן.

איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז אין דער גאַס האָט זיך שווער געשלעפּט אַ מיט צעמענט באַלאָדענער וואָגן, אַ געשפּאַנטער צו צוויי מאָגערע, דאַרע פערד, און איז פאַרגרעזנעט געוואָרן אין דער בלאָטע. דער פורמאַן האָט זיך שטאַרק געמוטשעט, אים אַוועקצורירן פונעם אָרט, האָט מיט קולות געטריבן די פערד און זיי אָן רחמנות געשמיסן — ס׳האָט נישט געהאָלפן. און זעט אַ וווּנדער: די ווילדע ייִנגלעך האָבן געאײַלט אים צו הילף, האָבן מיט כוחות געשטופּט דעם וואָגן — און אים אַרויסגעשלעפּט.

זייט פאַרזיכטיק מיט אָט די ווילדע ייִנגלעך, נישט איין וואָגן אונדזערער וועט נאָך דורך זיי אַרויסגעשלעפּט ווערן!

23.8.63

פון דײַנע בני־עיר אַנטלויף!

די געשטאַלטן פון דער ערשטער קינדהייט־צייט, יענע געשטאַלטן, וואָס מיר געדענקען זיי פאַרנעפּלט, ווי פון אַ חלום, זענען אונדזער פּרי־וואַטער מיטאָס, וואָס אונדזער גאַנצע עקזיסטענץ איז אויף אים פאַרפונדעוועט און ווערט פון אים געשפּייזט, ווי אַ שטייגער, פונדאַמענט־שטיינער פון אונדזער אינערלעכער וועלט.

אַזוי איז די זאַך כל־זמן מיר טראָגן זיי אינעווייניק, שטילערהייט, אַליין; אַזוי לאַנג מיר קומען אין באַריר נאָר מיט מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין שום באַגריף פון אונדזער קינדהייט־ספערע מיט די אַלע נעפּלען פון אירע געשטאַלטן. אין דער רגע ווען מיר באַגעגענען זיך מיט אַ בן־עיר און ער געדענקט דאָס אַלץ אַזוי ווי מיר — זענען מיר פאַר־

לוירן! אין דער ערשטער רגע ווילט זיך אונדז טיילן מיט אים אונדזערע זיסע זכרונות און אין איינעם צו רעדן וועגן זיי אָן אַ סוף. אָבער דערנאָך דערפילן מיר פּלוצלינג ווי די פונדאַמענטן אונדזערע זענען איינגעפאַלן; ס'איז חרוב געוואָרן אונדזער מיטאָס — און מיר זענען פּוסט און ליידיק.

פון דיינע בני־עיר אַנטלויף!

13.12.63

דער באַריר

די ערד ציטערט אונטער די „פּאָליטישע" דעבאַטן אין די אַלייען, אויף די צעשייד־וועגן, אין יעדן עק־גאַס. ס'שטופּן זיך צונויף די פּאַנאַטישע, היפּנאָטיזירטע פּאַרטייִשע קעגנער, וואָס איעדער איינער פון זיי איז פּאַרוואָרצלט אין זיין אידעאָלאָגיע און ס'שיט זיך פון זיי פייער און שוועבל.

די לעסטערונגען פון אַלע זייטן ווערן אַלץ שאַרפער, גייען אַריבער אין פּערזענלעכער זידלעריי; באַלד — און איינער וועט דעם אַנדערן פאַר־שלינגען לעבעדיקערהייט!

נאָר אין דער רגע, וואָס זיי — אויף צו איבערצייגן מיט געוואַלט! — באַרירן דעם „פיינטס" אָרעם, דעם וואַרעמען, צעהיצטן אָרעם, דער־פילן זיי פּלוצלינג געפילן פון ברידערשאַפט און רחמנות — און פאַר־שטייען איינער דעם אַנדערן.

13.12.63

„נאַלאָג"

צו מאָלס, אַז איך בין צוריקגעקומען פון דער גאַס אין שטוב אַריין, האָט דער ברייטער רוקן פון פּאָליציסט פאַרנומען אונדזער גאַנצן ענגן צימער. ער איז געקומען צוליב דעם „נאַלאָג" (שטייער) און ווייל ער האָט נישט געטראָפן מיין זיידן אין דער היים, איז ער דאָ געזעסן און

געוואָרט אויף אים און דערוויל אַריינגעקוקט אין דער רוסישער כרעס־טאָמאַטיע, וועלכע איז געלעגן אויפן טיש.

דער „גאַראַדאָוואַי״־ריז איז אָפּט צו אונדז געקומען און יעדעס מאָל האָט אים די באָבע אונטערגעקויפט מיט אַ „פּיאַטאַק״, כדי ער זאָל כאָטש אויף אַ קורצער צייט אָפּשטופּן די גזירה. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ רפואה אויף דערוויל און ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך ווידער באַוויזן. אָט אָ דער „נאַלאָג״, געדענק איך, האָט אין אונדזער שטוב געשוועבט אין דער לופט און האָט נישט ווייניק געדריקט אויף מיין קינדישן געמיט.

דער גאָראָדאָוואָי־אַטלעט איז, וואַרטנדיק אויפן זיידן, געזעסן און געבלעטערט אין דער כרעסטאָמאַטיע. דאַכט זיך, וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער, דער מגושמדיקער פּאָליציסט, צו די דאָזיקע גרויסע דיכטערס אינעם בוך? מ׳דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז ער איז זייער בלוט און פליש. סוף־כל־סוף זענען זיי צו אים נאָענטערע קרובים ווי צו אונדז. טאָ זיצט ער און לייענט אויפן קול, שווערלעך, אַ זילבע נאָך אַ זילבע, ווי אַ תלמיד פאַר זיין רבין:

„געטראָגן האָט ער אין זיך אַ יונגע נשמה צו אַ וועלט פון טרויער און טרערן״ — — —

15.12.63

אינעם שווייס פון זייער פנים

אַחוץ יענע צוויי אָרעמעלייט, וועלכע זענען געגאַנגען איבער די הייזער, וואָס איך האָב זיי באַשריבן אין מיין דערציילונג „ליד הדרך״, יענע צוויי, וואָס האָבן אין זיך פאַרמאָגט אַ ריח תורה, פלעגט קומען פון צייט צו צייט נאָך איינער, אָן עם הארץ, איבערצונעכטיקן אין אונדזער הויז, וואָס איז געשטאַנען אין עק שטאָט אויף דעם שייד־וועג. „האַלאַדעץ״ האָט ער געהייסן, אַ מגושמדיקער און קרעפטיקער. מייסטנס האָט ער זיך באַוויזן מיט זיין שטעקן און טאָרבע פאַר די ימים־טובים, צוריק־

קערנדיק צופוס פון מרחקים אין זיין היים אַריין. ווי אַלע לייט פון זיין פּאַך, האָט ער זיך נישט געשעמט אַ מאָל אַפילו מיטצוברענגען ווי אַ „געזעל" אויך זיין זון, ווען ער איז געוואָרן אַ בר־מצווה.

ווינטער איז אין אונדזער הויז געווען קאַלט. אַנוואַרעמען האָט עס נישט געקאָנט דאָס בעריאָזעווע האָלץ, וואָס פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן ברענגען אין שטאָט אַרייַן צו פאַרקויפן. דאָס האָלץ האָט מען געדאַרפט צעשפּאַלטן, כדי ס'זאָל זיין לייכט צו הייצן. דאָס איז געווען מיין אַרבעט, וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט. אָבער איין מאָל האָב איך זיך געמוטשעט איבער אַ סענק און האָב אים נישט געקאָנט בייקומען. דאָס זעענדיק האָט האָלאָדעץ מיר אַרויסגענומען די האַק פון דער האַנט און האָט זיך מיט דער הילף פון זיין יינגל גענומען צו דער מלאכה. לאַנג־לאַנג האָבן זיך ביידע, דער טאַטע מיטן זון, געמאַטערט, געשוויצט, געקלאַפּט, ביז זיי האָבן ענדלעך באַזיגט דעם סענק — און מיין מאַמע האָט געשטראַלט.

אַ גרויסע זאַך איז דאָן געשען ביי אונדז, אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער וועלט: בעטלערס — אינעם שווייס פון זייער פּנים.

15.12.63

שוואַרץ

(פון דער שטייערמאַרק־צייט)

פון שוואַרץ איז אַרויסגעקומען ליכטיק און שיין. דאָס זענען עס די קינדער פונעם קוימענקערער פראַנץ רעקהאָלד. ביידע, דאָס יינגל און דאָס מיידל האָבן פאַרכאַפּט מיט זייער שיינקייט און דעם שיין פון זייערע אויגן. די מוטער זייערע האָט מיט זיי שטאָלצירט און שמועסנדיק מיט די שכנים האָט זי יעדן טאָג געהאַט אין מויל זייערע נעמען, ווי ווילנדיק מיט זיי עפּעס אָפּווישן, עפּעס אָפּרייניקן.

אָבער אַט איז דער זון אויפגעוואַקסן און ס'איז געקומען די צייט, צו זאָרגן פאַר זייער תכלית. דער פאָטער האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל

גייך אין זייך פֿאַך. ער, דער פֿאָטער, ווערט אַלט און ס׳איז גוט, אויב ער וועט אים, דעם זון קענען פֿאַרירשענען דעם חשובן דינסט ביי דער גע־מיינדע. סוף־כל־סוף איז עס זייער אַ גוטע פּרנסה — אין דער דאָזיקער שווערער צייט אין אַזאַ אַרבעטסלאָזיקייט. אַלע מענטשן פֿון אַרום זענען אים מקנא!

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך אַנגעשטויסן אויף דער קעגנערשאַפֿט פֿון זייך פֿרוי. אָבער נאָך דעם ווי דער זון האָט געפּרוּווט נעמען זיך צו עט־לעכע אַנדערע פֿאַכן און ער האָט נישט מצליח געווען, האָבן זיי זיך אונ־טערגעגעבן דעם פֿאָטערס באַפֿעל. איז דאָס געווען אַ טראַגישע מינוט, ווען דאָס שיינע, לייכט זיך פֿאַררויטלענדיקע ייִנגל האָט אָנגעטאָן דעם פֿאָטערס שוואַרצן סטראַי, אַריינגעשטעקט זיינע באָרוועסע פֿיס אין יענע סאַנדאַלן, אויפֿגעהאָנגען אויף זייך אַקסל דעם שוואַרצן בעזעם־רייף און איז אַרויס צו זייך אַרבעט. די פֿאַרריסטע זילבערנע מטבעות, וועלכע ער האָט אין אָוונט אַהיימגעבראַכט, האָבן זייך מוטערס האַרץ נישט דערפֿרייט.

איר גאַנצן ליבשאַפֿט־ציטער האָט זי איצט קאָנצענטרירט אויף דער טאָכטער, דער זעכצן־יאָריקער הערטאַ. זי איז נישט געשלאָפֿן, אַז זי האָט פֿאַרזוימט אַהיימצוקומען אין אָוונט. איין מאָל איז געווען אַ פֿאָלקס־פֿעסט אויפֿן שפּיץ פֿונעם אָרטיקן באַרג, אַ פֿעסט מיט מוזיק, טענץ, „קאָנפֿעטיע״־וואַרפֿן אאַז״וו — איז הערטאַ אַהיימגעקומען אין דער פֿרי.

נאָך אַלע געשרייען און געוויינען און מודה זיין זיך פֿון דער קליינער, האָט די מוטער געבעטן:

— אָבער ווער איז ער?

— אַ לייטישער בחור — האָט הערטאַ געענטפֿערט — ער האָט געשווירן, אַז ער וועט מיט מיר חתונה האָבן...

— וואָס טוט ער?

דאָס מיידל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשעפּטשעט:

— אַ געזעלן ביים קוימענקערער אין שטראָסגאַנג.

21.5.65

דער בעל־תפילה פון מיינע קינדער־יאָרן

אַז איך הער די חזנות, וואָס טראָגט זיך ביי די הייַנטיקע „ימים־נוראים" אין די גאַסן, סיי פון די ראַדיאָ־פּלאַטן און סיי פון די שולן, פיל איך אַ נישט־באַפרידיקונג און אויך עפּעס ווי אַ חילול פון מיין קודש הקדשים, וואָרום מ׳קען גאָרנישט פאַרגלייכן אָט די אַלע טענער מיטן קול פונעם „בעל־תפילה" פון מיין קינדהייט, קוליע (יעקב) דוואָרקין. דאָס איז געווען אַ קול!...

זיין „הנני"... איז געווען איינמאַליק. „ותגער בשטן לבל ישטינני"... און זיינע וווּנדער אין דער כל־נדרי־נאַכט!... „הס קטיגור וקח סניגור מקומו"... און יענע ווונדערלעכע פּיוטים אויך צו מאָרגנס „מגלומי גוש, מגרי גיא, מדלולי פועל, מדלי מעש". זיינע ניגונים און באַטאָנונגען ליגן אויפן גרונט פון מיין נשמה ביז הייַנט־צו־טאָג — און געדענקענדיק זיי, הערט זיך די נייע חזנות אויסגעוועפּט, נישטיק, אָן אַ טעם.

דאָס גאַנצע יאָר, געדענק איך, האָב איך אויף אים געוואַרט מיט אומגעדולד. מיין התפעלות האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. נאָר אַז עס איז געקומען נעילה־צייט האָב איך באַקומען צער, הערנדיק ווי זיין וווּנדערלעך קול ווערט אַלץ מער הייזעריק. כ׳האָב זייער געליטן. דווקא די אַזוי שיינע און צאַרטע נעילה־מעלאָדיעס האָט ער געמוזט זינגען מיט אַ הייזעריקן קול. אומזיסט האָט ער זיך געבעטן: „פּתח לנו שער בעת נעילת שער" — דאָס קול איז נישט געזונט געוואָרן!

15.10.65

אַ געוויין, וואָס האָט געהאָלפן

דער באַגריף „נע־ונד", וואָס האָט געשוועבט אין דער לופט ביי יידן אין יענע מקומות, איז באַשאַפן געוואָרן דער עיקר פון די אָרעמע ייִנגלעך, וועלכע זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער וואָרעמער היימישער נעסט און פאַרשיקט געוואָרן אין אַ נאָענטער צי וויטער שטאָט, פאַרטריבענע צו אַ מקום־תורה, צו איינער פון די „ישיבות" און זיי האָבן זיך דאָרט

געוואַלגערט אין דער פרעמד. דער איינציקער אַנהאַלט, צו וועלכן זיי האָבן זיך געטוליעט מיט עקסטאַז, איז געווען דאָס קליינע פּעקל, אַ מין ברעקל „היים״, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ קישעלע צי אַ העמד און נאָך אַזאַ שטייגער, וואָס די מוטער האָט זיי פאַרזאָרגט צום אָפּשייד. ווי חנה אין איר צייט: „ומעיל קטן תעשה לו אמו״.

מיט אַזאַ פּעקל בין אויך איך, אַן עלף־יאָריק יינגל, אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דאַבראָוונע, זיבעצן וויאָרסט ווייט פון מיין געבורטס־שטאָט, אַריבער פעלדער מיט שניי און וועלדער. מיטגענומען האָט מיך אַ באַ־קאַנטע פרוי, וועלכע איז אויך געפאָרן אין דער טליתים־שטאָט אַריין, וווּ זי האָט געוווינט. זי איז געפאָרן ווי אויף אַ מין „טרעמפּ״ מיט אַ רוסישן פויער, וואָס האָט מיט איר געוווינט אין שכנות. אַזוי האָבן מיר דריי זיך געגליטשט אויף אַ שליטן, אַ געשפּאַנטן צו אַ מאָגער פערד, געגליטשט זיך שטיל אינעם אָוונט־נעפּל איבערן פוסטן „שליאַך״.

דאָס אַנגענעמע שליטלען זיך האָט מיך און מיין באַגלייטערין פאַ־וואַליע איינגעשלעפערט ביז... ביז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — און דאָס פּעקל איז נישטאָ!

איך האָב זיך צעוויינט אויפן קול — — —

אַזאַ געוויין איז, דאַכט זיך, אין דער ווינטערדיקער פוסטקייט פון אַרום ביז דאַן נאָך נישט געהערט געוואָרן, וואָרום דער פויער האָט אָפּגעשלעפּט דאָס פּעקל פון זיין שויס און עס אַוועקגעלייגט מיר צו־פוסנס. דאָס איז אפשר געווען דאָס איינציקע געוויין אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס האָט געהאָלפן...

4.3.66

דער שוסטער

זיך פאַרנעמענדיק מיט מיין שוך איז ער, אַ ברייטער, אַ שטאַרקער, געזעסן אויף זיין בענקעלע און האָט גערעדט אַ יידיש, וואָס איז אַ געמיש פון רומעניש, דייטש, רוסיש, פּויליש און אויך עברית. ער האָט דערציילט וועגן אַלע זיינע גלגולים אין יענע שרעקלעכע טעג, וועגן אַלץ וואָס ער

האָט געליטן און געפייניקט זיך אונטער די נאַציס, אין רומעניע, זיין געבורטס־לאַנד. ער האָט געוויזן אַ שפּאַלט הינטער זיין ,אויער־לעפּל וואָס האָט זיך גענומען פון אַ קלאַפּ מיט אַ קאָלבע. אויב ער איז פון דעם אַלעמען אַרויס אַ לעבעדיקער, האָט ער עס נאָר צו פאַרדאַנקען זיין שוסטעריי, וועלכע איז פאַר זיי געווען אַזוי בייטק.

— נאָר ווען די רוסן האָבן זיך דערנעענטערט, איז די לאַגע געוואָרן געפערלעך. זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן און האָבן געכאַפּט און גע־הרגעט די איבערגעבליבענע יידן, אַז זיי זאָלן נישט דערציילן...

— ווי אַזוי־זשע האָט איר זיך געראַטעוועט?

— כ'בין אין אָוונט אַרייַן אין אַ סטאָדאָלע פון אַ רומענישן פויער און זיך דאָרט פאַרגראָבן אין אַ הויפן היי און אַזוי בין איך דאָרט געלעגן צוויי מעת־לעת כסדר, אָן עסן און אָן טרינקען, ביז איך האָב דערהערט דעם פויערס זון רופן זיין פאָטער: „די רוסן זענען שוין דאָ!"...

— איך שטעל מיר פאָר, אַז דאָס ליגן אינעם שמעקענדיקן היי איז געווען גאַנץ אָנגענעם.

נאָך ווי אַזוי! כ'בין געלעגן און די נשמה האָט מיר געהאָנגען אויפן שפּיץ נאָז...

— נו, און מיט די רוסן וויאַזוי?

— זייער גוט. נאָר וואָס, זיי האָבן פון יעדן פאַרבייגייער פאַר זיך צוגענומען דעם זייגער. די פיל זייגערס זענען געווען אויפגעציליעט איבער דער גאַנצער לענג פון זייערע אָרעמס. אַ ייִנגל, אַ יידישס, האָט זיי נישט געוואָלט אָוועקגעבן, איז ער באַלד געפאַלן אַ דערשאָסענער. מיין זייגער האָבן זיי אויך צוגענומען. „פּאַזשאַלוסטיע!" (ביטע!) האָב איך געזאָגט און אָוועקגעגעבן אָן אַ שום שהיות.

אַזוי האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט און לאַנג דערציילט וועגן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע זאַכן. ווי־אַזוי ער האָט זיך נוקם געווען אין אַ נאַצישן אָפיציר. ער האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון זיין אויטאָ אין דער לעצטער מינוט, ווען ער האָט געוואָלט אַנטרינען, האָט אים געשלאָגן מכות רצח און איבערגעגעבן אים צו די רוסן. און נאָך און נאָך און נאָך.

אַז איך בין, נאָכן פאַרענדיקן דאָס פאַרריכטן מיין שוך, אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען, האָב איך זיך נאָך אַ מאָל אויסגעדרייט צו אים:

— יענעם זייגער, וואָס דער רוס האָט אייך צוגענומען, וועט איר שוין, דאַכט זיך, נישט באַקומען צוריק.

— ניין, ניין, ניין!

— אָבער איר וואָלט אים דערקענט, דעם זייגער, ווען ער וואָלט איצט אייך געקומען צו דער האַנט?

— אַפילו ביי נאַכט!

13.12.51

דער איינער

(נאָך פון יענער צייט אין שטייערמאַרק)

מיין טעכטערל איז געקומען פון דער שולע.

— טאַטע, דו ווייסט, אויפן פלאַץ פון דער לעצטער טראַמוויי־סטאַציע איז אויף דער ערד...

— אויסגעמאָלן אַ ריזיקער האַקן־קרייץ! כ'האָב אויך געזען, — ערגער זיך נישט, מיידעלע מיינס.

מיט אַלע מיטלען פון דער וועלט פירן זיי זייער טיוולאַנישע אַגיטאַציע. טאָג־טעגלעך נייע אויפרייץ־צעטלען אויף די ווענט און אויף ספּעציעלע רעקלאַמע־טאַוולען. אויסשניטן פון נאַצישע צייטונגען פולע מיט בלבולים און האַס־אַנפאַלן און נאָך מיט שווידער־קאַריקאַטורן דערצו. נאַיווע פאַרבייגייערס, מענער און פרויען, באַלאַגערן זיי געדיכט און זויגן, זויגן דעם גיפט. וואָס־זשע איז אַ וואונדער, אַז אין פרימאָרגן זעען מיר אונדזערע שכנים פון אַרום (אַפילו דאָ, אין דער דאָרפישער פאַרשטאָט, ווייט פון דער שטאָטישער מאַסע און געפילדער) — און זיי זענען שוין נישט ווי נעכטן און אייערנעכטן.

— דו ווייסט, טאַטע, טאַטע — דערציילט מיר ווידער מיין מיידעלע — אויך פראַנצל און ערנסט אויך (קינדער פון אונדזער גאַס) זענען צו־

געשטאַנען צו דער „היטלער־יוגענד", זיי האָבן זיך אַליין פאַר מיר באַרימט.

די קינדער־פאַרגיפטונג — דאָס איז די שרעקלעכסטע זאַך. פראַנצל, ביי אַ באַגעגעניש, גריסט שוין נישט מער מיט דרך־ארץ ווי אַ מאָל, פאַרפרעמדט זיך, קוקט אין דער זייט און מאַכט אַ פּנים ווי ער זעט דיך גאָרנישט. די האָר פון זיין קאָפּ זענען ממש פלאַקס און אין גאַנצן איז ער דאָס ריכטיקע „שייגעצל", דאָס אייביקע „שייגעצל".

— הייל היטלער! — הויבט ער לויט דער פאָרשריפט זיין הענטל, שיידנדיק זיך פון זיינע חברים, נאָך דעם ווי ער האָט זיך מיט זיי לאַנג געראַנגלט און געווילדעוועט.

אין אונדזער ווינהויז, דאָס לעצטע אין דער שורה, און קוקנדיק אויף די פעלדער, איז געשטאַנען צום פאַרדינגען די צווייטע דירה, אויפן שטאָק, איבער אונדז. מיט אַ באַזונדערן נייגיר האָבן מיר דערוואַרט די נייע שכנים, וואָס וועלן זיך דאָ באַזעצן. ווער, אַ שטייגער, וועלן זיי זיין? אונדזעריקע אָדער שונאים אונדזערע? אונטער אונדזער דאַך זאָל כאָטש נישט זיין דער שונא! ביז אין איין פרימאָרגן זענען זיי אָנגעקומען. אַ שטאַר־קער, הויכער מאַן מיט אַ בלאָסער, קרענקלעכער פרוי און אַן אַלט־אַלטע שוויגער, אַ האַלב־בלינדע. אָבער אַ בלאָנד, שיין מיידל האָבן זיי, אַ צוועלף־יעריקע, הויכע, שלאַנקע, עלאַסטישע. באַלד האָבן זיך צו איר אַ לאָז געטאָן די קינדער פון דער פאָרשטאָט און זיך באַמיט, זי צו געווינען פאַרן האָקן־קרייץ.

— פאָטער, זאָל איך גיין צו דער „היטלער־יוגענד"? — האָב איך זי געהערט פרעגן איר פאָטער (פונעם קאָרידאָר האָט מען גוט געהערט אַלע שמועסן אויפן העכערן שטאָק).

און ער, דער פאָטער דווקא:

— וואָס?! פּאָליטיק?! דאָס אַלץ איז נישט מער ווי „שווינדל"! ניין, ניין, איך דערלויב נישט!

איך האָב אויפגעאָטעמט. אויב אַזוי, — אַ גוטער שכן! סוף־סוף געפינט זיך איינער, וואָס איז נישט פאַרפירט, איינער, וואָס איז נישט פאַרגיפטעט.

ביי די באַגעגענישן ביים אַרויסגיין און אָנקומען האָבן מיר זיך פּאַר אַנאַנדער פאַרנויגט מיט אַ באַזונדערער פריינדלעכקייט. עס האָט זיך אַרויסגעפילט אַ קעגנזייטיקע אַכטונג. ער איז געווען אַ ברייטקנאָכי־קער מאַן מיט אַ מאָגער געזיכט און אַ סך פּאָספּאָר אין די אויגן. זיי האָבן געבלישטשעט זילבערן ווי די אויגן פון אַ קוימען־קערער.

אָבער וואָס איז זיין מלאכה? אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך נאָר באַשעפ־טיקט מיט שטוביקע אַרבעטן, געהאַקט האָלץ אויפן הויף, געשעפּט וואַסער פונעם ברונעם, געקערט די טרעפּ, וועלנדיק, דאַכט זיך זיין קרענקלעכער פרוי און בלינדער שוויגער פאַרשפּאָרן די מי. די דאָזיקע צוויי פרויען, אגב, האָבן ווי עפּעס זיך געשראָקן פאַר מענטשן, וואָרום זיי האָבן אויס־געמיטן באַגעגענישן. ביי אַ קורצן, נויטיקן שמועס נישט געקוקט אין די אויגן אַריין און זיך נאָר זייער זעלטן געוויזן אויף דער גאַס.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די אָרטיקע זשאַנדאַרן האָבן אָפּט אָנגעהויבן אַרויפצוגיין אויפן אויבערשטן שטאָק. איין מאָל האָב איך געהערט זייער עלטסטן אויספאָרשן דעם פאַמיליען־פאָטער און ביי־זערן זיך און סטראַשען — און דאָס מיידל וויינען... עס האָט זיך אַרויס־געשטעלט, אַז דער מאַן איז דער פּאָליציי שוין לאַנג באַקאַנט און אינעם פאַרברעכער־אַלבום האָט ער אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. נישט אומזיסט האָט ער פאַר זיך אויסגעזוכט די וווינונג דווקא אין אָט דעם פאַרבאָרגענעם ווינקל.

צו די קינדער פון דער גאַס, וועלכע האָבן אין דרויסן באַלאַגערט דאָס הויז, האָט זיך דער זשאַנדאַרן־עלטסטער, אַרויסגייענדיק געווענדט:

— יאָטן, אַז איר וועט דעם פאַרשוין זען קומען אַ היים אויף אַ פאַר־ראַד, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז געגנבעט און תיכף עס מעלדן אין מיין אַמט!

— איך וועל מעלדן! — איז פראַנצל אַרויסגעשפּרונגען.

איצטער האָבן זיך דיביידע ווייבער נאָך מער באַהאַלטן אין זייערע צימערן און די אַלטע שוויגער האָט אויסגעזען נישט ווי אַ ריכטיק בלינ־דע, נאָר ווי איינע, וואָס מאַכט זיך בלינד, וואָס וויל נישט זען...

און מיר? תחילת איז אונדז געווען אַ ביסל נישט ניחא, „אומהיימ־לעך", אָבער ביסלעכווייז האָבן מיר זיך צוגעוווינט צום מצב און די גע־היימניספולע רוישן אין דער נאַכט. אָט הערן מיר אויף אונדזערע געלע־גערס, צוויי אַ זייגער אין דער נאַכט, ווי אַ פרוי נידערט אַראָפּ באָרוועס מיט פאַרהאַלטענע טריט און עפנט שטילערהייט דעם טויער און ווי דער מאַן קומט אַריין און גייט אויף די טרעפּ פאַר אונדזער טיר פאַרביי, מיט פיל מי, מיטן לעצטן אָטעם, ווי טראָגנדיק אַ שווערע משא. וואָס? אַ פאַר־ראַד, אַ געשאָכטענעם חזיר, צי אַ פולן זאַק הינער מיט אַראָפּגעדריי־טע קעפּ?

אונדזער קליין הייזל מיט זיינע צוויי שטאָקן איז איצט אין גאַנצן בויקאָטירט געוואָרן און די אַרטיקע איינוווינער האָבן געזידלט זייערע קינדער, אַז זיי האָבן זיי געזען שפּילנדיק זיך מיט גרעטלען, דעם גנבס טאָכטער. איר שיינקייט האָט איר נישט געהאָלפן! פאַראייניקט כמעט דורך איין גורל, האָבן דיביידע מיידלעך זיך אינטים באַפריינדעט. די אונדזע־ריקע, אמת, האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון איר חברטעס ווינונג אויבן, אָבער גרעטל איז ביי אונדז געווען אַן אָפטע איינגייערין. אָט טומלט זי אַרום אין אונדזערע צימערן אַהין און אַהער און אירע אויגן וואַנדערן איבער אַלע שטוב־זאַכן מיט אַן אומנאַטירלעכן נייגיר; זי האָט געכאַפּט פונעם טיש מיין פרויס האַנט־זייגערל און עס אויף זיך אָנגעמאָסטן מיט אַ ווילדן באַגער... (דעם טאַטנס בלוט ברויזט אין איר!) — ווינטער זענען זיי ביידע געגאַנגען גליטשן זיך אויפן אייז, סקילויפן, און אין זומער — באָדן זיך אָדער אינעם נאָענטן וואַלד קלויבן פּאַזשיאָמקעס.

איין מאָל האָבן די מיידלעך זיך פאַרזוימט צוריקצוקומען און עס איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט. באַזאָרגט וועגן זיי, זענען מיר, ביידע פאָ־טערס, אַרויס זוכן אונדזערע טעכטערלעך. מיר זענען געגאַנגען צווישן די פויערישע הייזער, גענישטערט דאָ און דאָרט און גערופן אויפן קול:

— גרעטל! אסתר!

הינטער די פּלויטן, פון ביידע זייטן, האָבן די הינט צאָרנדיק געבילט און זייערע בעלי־בתים האָבן אונדז נאָכגעשיקט בליקן פון האַס און פאַראַכ־

טונג. די פינצטערניש אין אַט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל איז פון רגע צו רגע געוואָרן שטאַרקער, אָבער מיין באַגלייטער, דער פריינד פון דער נאַכט, זיינע אויגן האָבן געלויכטן ווי די אויגן פון אַ וואָלף און האָבן פאַרטריבן דעם פּחד און דערמונטערט דעם גייסט.

25.3.60

דער נגזל

ער איז אין מיינע אויגן ווי אַ לעצטער איבערבלייב פונעם פרומען יידנטום אין גלות, אַט דער למדנישער ייד פונעם אַלטן נוסח, זילבער־בערדיק און אָנגעטאָן אינעם שוואַרצן „סורטוק" מיטן טראַדיציאָנעלן שפּאַלט פון הינטן. יעדן פרימאָרגן און פאַר נאַכט זע איך אים גיין אין שול אַריין; אַט דער פרומער גאַנג, וואָס איך האָב אים מער נישט געזען זינט מיין קינדהייט. ער מעסט אַדורך זיין וועג צווישן די יינגלעך פון דער גאַס, וועלכע שפּילן מיטן באַל און מאַכן זייערע קונצן סיי מיט די פיס און סיי מיטן קאָפּ — און ער ווענדט זיך נישט אום און זעט נישט און וויל נישט זען.

אָבער פאַר דעם וואָס קומט פאַר אין אונדזער וועלט איז זיין האַרץ וואַך. אַ מאָל האָב איך אים געטראָפן אין... קינאָ. תחילת האָט מיך די זאַך געוווּנדערט, ביז איך האָב פאַרשטאַנען, אַז צוליב דעם „יומן" איז ער זיך מתיר. ווען דער „יומן" האָט זיך געענדיקט, איז ער טאַקע אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען.

איך בין לעבן אים געזעסן בשעת אויף דער לייוונט האָט זיך באַוויזן דער באַרג סיני און אונדזערע בחורים־זעלנער האָבן זיך אונטן געטומלט. איך האָב באַטראַכט זיין פּנים, כדי צו זען דעם רושם...

אַ גרויסער טרויער איז אויף אים געלעגן, ווי אויף איינעם, וועמענס וועלט איז פּלוצלינג חרוב געוואָרן.

17.2.61

„פּאָטער!”...

די פּערצן־יעריקע טאָכטער קיטי האָט ליב געהאַט צו באַטאָנען מיט אַ באַזונדערער גאווה, וועדנדיק זיך צו איר פאָטער, דעם שענקער האַנס קיזלינגער, כדי פרעמדע געסט, וועלכע זי האָט באַדינט זאָלן הערן און וויסן, אַז זי איז דאָ נישט קיין קעלנער־מיידל, נייערט די טאָכטער.

אין דער מדינה זענען דאַן געווען די גוטע צייטן. די מענער מיט זייערע פרויען און קינדער זענען נאָך געזעסן אַרום די לאַנגע טישן, האָבן געזאָפן וויין און ביר און זיך נישט אָפּגעגעבן מיט „פּאָליטיק”. דער ניבול־פּה איז אַריבער יעדע גרענעץ... אַז קיטי, אַליין נאָך אַ קליין מיידל, האָט אַזש פּראָטעסטירט:

— ווען ס'וואָלטן דאָ כאָטש נישט זיין קיין קינדער!...

יאָ, אַרום איז נאָך געווען שלום ושלוה. דעם שענקערס פרוי, כאָטש אַ יידישע טאָכטער, איז ביי אַלעמען אין דער פאַרשטאָט געווען באַליבט און דער מגושמדיקער קצב אַלואיס וואַגנער, זייענדיק בגילופין, האָט אַרויפגעלייגט זיין פאַרבלוטיקטע האַנט אויף איר דיך, בעת זי האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט דעם פולן כוס. זי האָט זיך אַפילו נישט פיל אָפּגע־ווערט, נאָר צוגעוואָרפן:

— מיר זענען דען אין וואַלד?!

אָבער די אידיליע האָט נישט לאַנג געדויערט. נייע ווינטן האָבן אָנ־געהויבן בלאָזן און דאָס אָרט פון די גראָבע וויצן און דעם ניבול־פּה האָבן פאַרנומען די „פּאָליטיק” און די יידן־שנאה. דער קצב וואַגנער האָט שוין מער נישט באַרירט די שענקערין.

מיט זיינע לעצטע כוחות האָט דער קליין־געוואַקסענער קאַנצלער זיך געראַנגלט מיט די נאַצישע כוואַליעס ביז ער איז געפאַלן אַ דערשלאָגע־נער. צוויי מאָל איז ער געפאַלן: קודם האָבן די באַנדיטן אים אַליין גע־הרגעט און דערנאָך צעהאַקט זיין דענקמאָל. זיין נאָכפאָלגער האָט זיך סוף־כל־סוף אויך אונטערגעגעבן. אין איין נאַכט האָט גובר געווען דער

האַנקרייץ און זיינע ריזיקע פּאַנעך האָבן אין דער פּרי געפּאַכעט אין די בייזע, מערדערישע ווינטן. אין דער הויך האָבן זיך אין געשוואַדערס באַוויזן אַעראָפּלאַנען פונעם „רייך“, אויך מיט די סימנים פונעם האַקנ־קרייץ; זיי האָבן געליאַרעמט און געזשומעט אַן אויפהער, אַן אויפהער.

פּאָר קיטין זענען געקומען שווערע טעג. אירע חברטעס האָבן אָנגעהויבן זיך צו דערווייטערן פון איר און די איינע, די געטריי געבליבענע, האָט זיך געמוזט פאַרענטפערן פאַר די אַנדערע מיט איר שטייערישן דיאַלעקט:

— זי איז דאָך נאָר אַ „האַלבירטע“ (האַלב־יידין)!...

צום סוף האָט אָ די זי אויך פאַרראָטן און זי איז געבליבן אַליין, אַליין... אָבער די גרעסטע צרה איז געקומען, ווען איר פאָטער איז פּלוצלינג געוואָרן אַ פאַנאַטישער נאַצי און די שיידונג צווישן אים און זיין פרוי איז פאָרגעקומען אויף אַ באַרבאַרישן אופן. אַזוי זענען זיי ביידע, זי און איר מוטער, פאַרפּלייצט געוואָרן דורכן געמיינזאַמען גורל פון אַלע זייערע אָפּשטאַמיקע.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די לויפערייען און בהלות פון אָמט צו אָמט אויף צו באַזאָרגן די פּאַפּירן און אַן אויסרייזע־דערלויבעניש. דאָרט, אין די רעגירונגס־אַמטן, זיצן די נייע באַאַמטע, יעדער מיט אַ האַקנקרייץ אין לאַץ, און הויך אויף דער וואַנט, איבער זיי, איז שוין אַראָפּגענומען דאָס בילד פונעם אַדעליקן קאַנצלער און אויף זיין אָרט הענגט שוין דאָס מיאוסע פּרצוף פונעם „פירער“! דער אויסשטעלער פון די רייזע־פּעסער האָט געקוקט אויף דער פרוי און פעסטגעשטעלט אויפן קול די געזיכטס־סימנים און פאַרשריבן אין דאָקומענט: די נאָז גלייך, קאָליר פון די אויגן שוואַרץ, די האָר פון קאָפּ... גראָ. איצט ערשט איז איר אַליין קלאָר געוואָרן, וויפל זי האָט געליטן אין משך פון די אַלע טעג און נעכט, וויפל זי איז אויסגעשטאַנען!

אין דער לעצטער רגע האָט זיך אין דער קופּע פונעם צוג, וואָס גייט קיין טריעסט, באַוויזן האַנס קיזלינגער אין ס. א.־אוניפאָרם און נישט קוקנדיק צו דער פרויס זייט, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין טאָכטער,

האָט זי געקושט אויפן מויל און איז אַרויס. דאָס דערשיטערטע מיידל האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער און אים נאָכגעשריגן:
— פּאָטער!...
און דער צוג האָט זיך גערירט.

*

ווי פאַרחלומט גייט זי אַרום דאָ, אין דער שטאָט ביים ים־ברעג, אַ פרעמדע, איינזאַמע, אַ זיך שווער אַקלימאַטיזירנדיקע. ערשט נישט לאַנג איז איר די מוטער געשטאָרבן און זי, קיטי, איז צום סוף אַריין אין אַ פרעמד הויז ווי אַן עוזרת, — אַ זאַך, וואָס אין איר פּאָטערס הויז האָט זיך אַ מאָל נישט געוואָלט, אַז די פרעמדע געסט זאָלן זי בטעות האַלטן פאַר אַזעלכע. אין איר פּנים מיניען זיך צוויי פיינטלעכע ראָסן־עלעמענטן. אַן אינערלעך געהיים, פאַרבאָרגן געראַנגל; אַ דועל אין איין פּערזאָן.

אַ גוטן שמייכל האָט זי פאַר די ענגלישע זעלנער, וואָס וואַנדערן איבער די גאַסן, אויך דעם יונגן אַראַבער, וואָס קומט גאַנץ פרי צו איר בעל־הביתטעס טיר מיט אויבסט און גרינסן, ווייזט זי אַ פריינדלעך געזיכט. ער שיט אויס צו אירע פיס די סחורה און שטעקט איר אַריין איןביידע קעשענעס פונעם פאַרטעך צוויי גרויסע פּאָמעראַנצן, ווי אַ בחינומדיקן צולאָג.

פון צייט צו צייט, אין שבתים, שפּאַצירט זי צו דער דייטשער קאָלאָניע און דאָרט גייט זי פּאַוואָליע אויף דער שמאָלער סטעזשקע, לענג־אויס דעם פּלויט, און קוקט אַריין אין הויף אַריין. לאַנג־לאַנג באַטראַכט זי די שיינע הינער איבערן הויפן מיסט און זאַפּט אַריין דורשטיק דעם אויסגעצויגענעם קריי פונעם רויטן האָן, דעם געזונטן און פעסטן. ביז דער יידישער שוטר אויף זיין וואַך־פּאָסטן שרייט פון דער ווייטנס אויף איר אָן, פאַר וואָס זי האַלט זיך דאָ אויף און דערנענטערט זיך צו פיל צום פּלויט.

אין די לעצטע טעג האָבן זיך אין איר דערוועקט בענקענישן צו איר פּאָטער.

באַזונדערס באַפאַלן זיי זי אין מקלט, צווישן אַן „אזעקה" און „ארגעה", זעענדיק ווי מיידלעך פון איר עלטער טוליען זיך צו זייערע עלטערן.

איין מאָל, אין חצות פון אַ לבנה־נאַכט, איז דער אַלאַרם נישט געווען אומזיסט: אַ ווייט־ווייט זשומען, דינער ווי דין, האָט דאָס אויער אויפגעכאַפּט צווישן דעם גאַנצן געפּלוידער. „שקט״... זיי זענען נישט אונדזערע — אַ פרעמד זשומען... יענץ זשומען פון אַמאָל, פון דאָרט. דאָס איז עס! ס׳איז קלאָר: דער שונא קרייזט איצט איבער אונדזערע קעפּ און אָט... ס׳איז געפאַלן אַ באָמבע גאָר נאָענט און האָט געמאַכט אויפציטערן די ערד און דאָס הויז. די פרויען האָבן געוואַלדעוועט און די מיידלעך האָבן זיך פאַרפלאָכטן געקלאַמערט אין די אָרעמס פון זייערע טאַטעס — און דורך דעם אַלעמען האָט זיך אַדורכגעריסן קיטיס געשריי, אַרויף, אין/ וועלכן ס׳האָבן זיך געהערט אין איינעם טויט־אַנגסט מיט עקסטאַז־באַגעגענונג:

— פאָטער! — — — —

15.12.61

אַליין

דער איינציקער מענטש אין דאָרף, וואָס האָט געוואָגט הויך אויפן קול אויסצודריקן זיין קעגנערשאַפט צום האַקנקרייץ, איידער ס׳איז געקומען צו דער הערשאַפט, איז געווען דער שוסטער נייהאָלד. זיין וואַרשטאַט איז געשטאַנען מחוץ דעם קליינעם ישוב, אין שכנות מיטן ציגיינער־וואַגאָן. ווען איך בין געזעסן, אָפּוואַרטנדיק זיין פאַרענדיקן דאָס פאַרריכטן מיינע שיך, האָט ער געשיט פייער און שוועבל אויף די נאַציס און זייערע מעשים. די איבעריקע תושבים פונעם אָרט, מייסטנס פויערים, האָבן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן „פּאָליטיק״ און האָבן בכלל נישט געשמועסט. יעדער איז געווען פאַרזונקען ביז צום האַלדז אין זיינע טעגלעכע אַרבעטן — אין הויף, אין גאָרטן, אין פעלד און דאָס אַלץ געמיטלעך, שווייגנדיק. אויב עס האָט זיך דערהערט עפּעס אַ וואָרט, איז דאָס געווען צו איינער פון די בהמות.

אָט פירט די פרוי קיגערל איר ציג צום הויף פון די וואַגנערס — צום צאַפּ. די ציג ווייסט דעם וועג און זי איילט, יאָגט זיך מיט אַלע

אירע רמ״ח אברים וויפל דער אָטעם סטייעט איר, אַזוי, אַז די פרוי איז נישט בכוח מיט איר שריט צו האַלטן, זאָגט זי צו איר:
— לויף נישט אַזוי! וועסט נישט פאַרזאַמען, וועסט נישט פאַרזאַמען!...

אינעם סאַמע תוך פון אָט־אָ דער אידיליע, איז שווער געווען צו דערקענען וואָס ס׳שפּינט זיך אינעווייניק, אין די דאָזיקע שוויגנדיקע און פאַרשלאָסענע טעווטאָנען און ווו אַהין זיי גייען. נאָר ווען דער בעס־טיאַלישער מטורף איז אַריין אויך אַהער, אין שטייער־מאַרק, און געמאַכט זיין באַזוך אין דער נאָענטער שטאָט, אין דער היגער רעזידענץ, איז די זאַך קלאָר געוואָרן: אַלע האָבן אָנגעטאָן זייערע יום־טובדיקע בגדים, פאַרשלאָסן הינטער זיך די הייזער און הויפן — און יונג און אַלט, מיט פרויען און קינדער, זענען זיי געגאַנגען אין שטאָט אַריין, צו באַגריסן דעם „פירער״.

נאָר מיר, די איינציקע יידישע משפּחה אין דאָרף, זענען דאָ גע־בליבן אַליין.

איך האָב געבלאָנדזשעט איבער די סטעזשקעס אַהין און אַהער, אין אָט דער מוראדיקער שטילקייט, אין אָט דעם גאַנצן שרעקלעכן שווייגן, בין איך צוגעקומען צו יענעם פּלאַץ. כ׳בין געווען נייגעריק: איז דער שוסטער נייהאָלד אויך געגאַנגען? יאָ, אויך נייהאָלדס וואַרשטאַט איז געווען פאַרשלאָסן. ער איז אויך אַוועק, ער אויכעט!

17.8.62

אל תאמין בעצמך

בלאָנדזשענדיק איבער די פעלדער, האָב איך זיך צו מאָל באַגעגנט מיטן אַלטן שטייערישן פויער פּורגיי, ווי ער גייט מיט אַ היי־גאָפּל אָדער אַ גראָב־ליע איבערן אַקסל צו איינעם פון זיינע פיל פעלדער (ער איז דאָ געווען פאַררעכנט פאַר אַ גאָר רייכן פויער — אַ „גראָסבויער״). ער האָט זיך געוואונדערט אַהין און אַהער, האָט באַלד דערקענט די סימנים פון צע־

טרעטונג און פֿאַר מיר אויסגעגאָסן זיין האַרץ אויפֿן יונגן דור, וואָס שאַנעוועט נישט די דאָזיקע טייערע פעלדער. כדי צו פאַרקירצן דעם וועג, אָדער סתם אַן אַריבערהיפּערונג, גייען זיי אַריין אין סאַמע פעלד אָדער לאָנקע און צעטרעטן און צעקאָפּען און פאַרדאַרבן. און די ליבע־פאַרלעך, די ליבע־פאַרלעך!... יעדן זונטיק ציען זיי אַהער פון דער שטאָט און קאַטשען זיך אויפן בעסטן גראָז און אַפילו אין דער תבואה. דער האָגל איז בעסער פון זיי!

אָט איז ער, פורגיי, אַ זיבעציקער, און ער האָט נאָך נישט געפּרוּווט אַרויסשטעלן זיין פוס פון דער סטעזשקע. איין מאָל, אויף דעם אָרט, האָט זיך צו אים געלאָזט אַ שלאַנג; איז ער אים אָנגעפאַלן מיט דעם היי־גאָפּל, אָבער פונעם פלעק, ווו ר'איז געשטאַנען, האָט ער זיך נישט גערירט, כדי נישט צו שעדיקן די תבואה.

— מיר אַלטע ווייסן ווי צו שאַצן דאָס פעלד!

אַזוינס און אַזעלכעס האָט דער תמימותדיקער פויער צו מיר גע־רעדט און ער האָט ליב געהאַט צו הערן מיינע ענטפערס און באַמערקונגען.

אָבער נאָך דער נאַצישער איבערקערעניש האָט ער זיך אויך „איבער־געקערט”, האָט זיך אָפּגעפרעמדט און אויסגעמיטן אַ באַגעגעניש מיט מיר, פאַר פחד אָדער צוליב בושה? נאָך זעענדיק מיך פון דער ווייטנס, האָט ער זיך געבריהט צו מאַכן אַלערליי דריידלעך — און זיך אַרויס־געדרייט.

איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז מיר זענען זיך ביידע אַנטקעגנגעקומען אויף אַ שמאָלער פעלד־סטעזשקע, ווו ס'איז נישט מעגלעך געווען אויס־צוּווייכן. וואָס זאָל ער איצטער טון?... דער אַלטער פויער האָט נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון — און ער איז אַריין אין דער תבואה, אַריין אין דער תבואה — — —

אל תאמין בעצמך עד יום מותך!

2.11.62

אומעטיקע שטיינער

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך זיך באַגעגנט מיט איינעם פון די אָפּגעראַטעוועטע פון לעמבערג. ער איז דאַן געווען אַ זעכצן־יעריקער גימנאַזיסט און היינט — אַ באַיאָרטער דאָקטאָר. די באַגעגעניש האָט לע־בעדיק געמאַכט אין מיין זכרון די גאָלדענע לעמבערגער עפּאָכע מיט איר שיינער יידישער יוגנט, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט צו נאַציאָנאַלער אויפ־לעבונג מיט איר רוישיקן לעבן אין מיטן שטאָט. כ׳האָב אים אויסגע־פרעגט וועגן אונדזערע בשותפותדיקע באַקאַנטע, כאָטש כ׳האָב שוין גע־ווּסט, וואָס ס׳איז געוואָרן זייער סוף.

— וואָס איז מיט לעאָנעקן ?

און ער האָט מיר דערציילט דאָס גאַנצע קאַפּיטל פונעם טראַגישן סוף פון אָט דעם טייערן ייִנגל.

— וואָס איז מיט סימקאַן, סימקא קאַצאָוונאַ ?

—אָט־אָ די סימקאָ מיט די בלאָלעכע און שמייכלדיקע אויגן, איז געווען די נשמה פונעם „קאָרזאָ״ און יעדן פרימאָרגן, גייענדיק אַביסל אַ פאַרשלאָפענע מיט אירע שול־ביכער אין גימנאַזיע אַריין, — איז דאָס געווען אַן איבערלעבונג פאַר דעם, וואָס האָט זי באַגעגנט אויפן וועג. אַפילו אַדאָם מיצקעוויטש אַליין, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיין הויכן מאָנומענט, האָט זיכער דערפילט אַ ציטער אין זיינע בראָנדזענע גלידער

— זי איז אומגעקומען ביי דער צווייטער „אַקציע״...

— און ווי אַזוי זענט איר ניצול געוואָרן ?

— מיר זענען אַ צוויי יאָר געווען באַהאַלטן אין אַ בונקער, איך מיט מיין פרוי און קינדער...

ער האָט דערציילט די אַלע גרוילן, וואָס כאָטש זיי זענען גוט באַ־קאַנט, זענען זיי נאָך אַלץ אַ חידוש.

— די מענטשן, ממש היפּנאָטיזירטע, האָבן זיך לויטן באַפעל אויס־געטאָן נאַקעט און אַזוי זענען זיי אַקעגן געלאָפן דעם טויט...

ביז... ביז די רוסן זענען אָנגעקומען.

— ווי אַזוי איז די דאָזיקע גרויסע מינוט געשען?

— איין מאָל, אין האַלבער נאַכט, האָב איך אַרויסגעשטעקט מיין קאָפּ פונעם באַהעלטעניש און כ׳האָב דערהערט די צווי רוסישע ווער־טער: „דאַוואַי נאַזאַד" (גיב צוריק! קענטיק האָבן זיי געוואָלט פאַרבעסערן זייער פּאָזיציע) — און דאַן האָב איך זיך געאיילט מיט דער בשורה...

און ער האָט אָפּגעזיפצט:

— יאָ, זיי זענען געקומען אָבער צו שפּעט!...

לעמבערג! נישט אומזיסט האָבן אַפילו אין די אַמאָליקע גוטע צייטן די פּלאַסטער־שטיינער און די טראָטוואַרן אין די יידישע גאַסן אויסגעזען אַזוי אומעטיק, באַזונדערס אין די פאַרנאַכטן.

אומעטיק זענען שטיינער נישט נאָר צוליב די גרוילן, וואָס זענען דאָרט געווען, נאָר אויך מחמת אָ די, וואָס וועלן דאָרטן זיין.

15.3.63

אונדזער איינגעפאַלענע סוכה

אויך ווייס־רוסלאַנד, מיין געבורטס־לאַנד, האָט געטרונקען פונעם בעכער: חורבות, חורבות און צעשטערטע פּלעצער זענען אוודאי אויך דאָרט, אויך דאָרט פאַראַנען. דאָך דאַכט זיך מיר, אַז יענע סוכה, וואָס מיר, איך און מיין עלטערער ברודער, האָבן געבויט אין אונדזער יוגנט, איז נאָך נישט אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן (מיר האָבן זי נאָכן יום־טוב נישט איינגעוואָרפן); עפּעס איז אפשר פון איר איבערגעבליבן.

מיר זענען צוגעטראָטן צום בוי כמעט אָן שום פּלאַן. מיר האָבן אַריינגעזעצט סלופּעס, געבערענגט סנאָפּעס שטרוי פון די נאָענטע פּויערים־שייערס; פאַרבונדן, באַהאָפטן, פאַרפעסטיקט זיי — און די פיר שטרוי־ענע ווענט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן. מיט צוויי העק האָבן מיר גע־מייסטרעוועט: מיט אונדזערער, אַ ביסל אַ פאַרזשאַווערטער, און מיט אונדזער שכן טרישקאָס האַק, די שאַרפע און געשליפענע. ס׳איז געווען אַ געהויבענע שטימונג, ווען ס׳איז געקומען צום פאַרלייגן אויבן די

דרענגלעך, אין דער לענג און אין דער ברייט, כדי אָוועקצולייגן דעם „סכך״.

דער סכך, דער סכך! זיין וווּנדערלעך־פרישער ריח און די זיסע נאָדלען־שטאָכן... און יענער ערשטער קוק אין אָוונט,ביים פּראַווען דעם יום־טוב, צו דער הויך: אַזעלכע שטערן, וועלכע מיר האָבן דעמאָלט געזען דורכן סכך, האָבן מיר שוין מער נישט געזען, מער נישט געזען. חורבות, רואינען און אָפּגעסמאַליעטע ערד. אָבער איין וואַנט, וויניקסטנס פון יענער סוכה, אונדזער מלאכה, איז אפשר נאָך געבליבן. אַזוי איז דאָך דער שטייגער פון חורבנות — איין וואַנט בלייבט.

8.11.63

דאָס איז עס...

דער אַלטער פּראָפעסאָר איז פאַרבעטן געוואָרן אין איינעם פון די מושבים אויף אַ פאַרטראָג אויף דער טעמע, וואָס ער האָט איר געווידמעט זיין גאַנץ לעבן: דאָס יידנטום. ער איז אַהין אָנגעקומען נאָך מיטאָג און די וותיקים פונעם אָרט האָבן אים צוגעגרייט אַ הערלעכן קבלת־פּנים, אַ מושבניק, אַ פאַרערער פון תלמידי חכמים און אַליין אַ למדן, האָט געבעטן דעם פּראָפעסאָר, צו זיין צו גאַסט אין זיין הויז. דער גאַסט האָט נישט אָפּגעזאָגט און איז אַריינגעגאַנגען צו דער משפּחה: פרוי, צוויי יונגע טעכטער און אַ שיין יינגל פון אַ צוועלף יאָר, אַ ביסל אַ געשפּרענקלטער.

— אָן אויפגענומען יינגל... מ׳האָט אים שוין געהאַט געפירט אין אַ פאַרניכטונגס־וואַגאָן...

דערנאָך האָט אים דער בעל־הבית געוויזן זיין משק אין דרויסן, דעם פרוכט־גאָרטן, די בינשטאָקן, דעם לול און די שטאַל. צוויי האָלענדישע קי מיט שווערע אייטערס האָבן מעלה־גירה געווען. דאָ האָט ער ווידער באַגעגנט דאָס אָפּגעראַטעוועטע יינגל, וואָס האָט אין דער

רגע געברענגט פון דרויסן דאָס פערד און עס אַוועקגעפירט אין זיין ווינקל.

— ער האָט זיך שוין ביי אונדז אַקלימאַטיזירט — האָט דער פויער דערקלערט — ער האָט ליב די אַרבעט...

אין אָוונט האָט דער פּראָפעסאָר געהאַלטן די פאַרלעזונג. צוליבן פעלן פון אַ פּאַסיקן זאַל און אויך צוליב דער שווערער היץ איז זי געהאַלטן געוואָרן אין דרויסן. דער לעקטאָר האָט זיך זייער באַגייס־טערט (אפשר האָט דאָס אָרט גורם געווען?), ער האָט כמעט נישט געזען דאָס פובליקום און אַקעגן איבער די טרויעריקע ביימער און פעלדער אין דער אָוונט־פינצטערניש, איז ער געווען פאַרכאַפּט פון זיין אייביקער טעמע; ער האָט באַגריפן דאָס יידנטום ווי אַ פּילבאַר באַשעפעניש און מאָדנע גלוסטונגען האָבן געצאַפּלט אין אים — ממש צו זען דאָס יידנטום אויג אויף אויג, און ווי דער איש האלוהים פאַרצייטנס, האָט ער אין האַרצן געבעטן „הראיני נא את כבודך”...

נאָכן פאַרטראָג האָט דער פּראָפעסאָר, ביי זיינע מכניסי־אורחים, ווידער דערזען דאָס געשפּרענקלטע יינגל, אָפּגעגעסן זיין מאָלצייט און איז אַריבער אין זיין צימער.

ביי נאַכט האָט ער נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. אויסער קאָש־מאַרע געדאַנקען און געקלאַג פון שאַקאַלן הינטערן פענצטער־נעץ, האָבן אים דערקוטשעט די קליינטשיקע, כמעט אומזיכטבאַרע „זאַמד־פליגעלעך”, וואָס שטעכן ווי מיט נאָדלען. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעצונדן די עלעקטריע און אין נאַכט־מאַנטל האָט ער גענומען שפּאַ־נען אַהין און צוריק.

דורך דער אָפענער טיר צום נאָענטן עס־צימער האָט דער פּראָפע־סאָר געזען ליגן אויף דער סאָפע דאָס יינגל, אַליין, פאַרזונקן אין אַ טיף־טיפן שלאָף (די ביסן פון די קאָמאַרעס האָט ער, קענטיק, בכלל נישט געפילט!), אַן איינגעקאָרטשעטער און צוגעדעקט מיט עפּעס אַ בגד. לאַנג, אַן אַ ריר, האָט דער אַלטער פּראָפעסאָר אויף אים געקוקט —

און אַ פלוצימדיק אויפלויכטן איז אים אַדורך: „אָט איז טאַקע דאָס יידנטום... דאָס איז עס"...

שטיל־שטיל האָט ער גענענט צו דער סאָפע און מיט אַ הייליקן ציטער געקושט דאָס ייִנגל אויפן שטערן.

18.12.64

דריי האָבן דערציילט

מיין באַקאַנטער איז געווען אין ווין אַ לעדער־קרעמער, באַליבט ביי זיינע קונים, וועלכע פלעגן קומען ביי אים קויפן דאָס גאַנצע נויטיקע מאַטעריאַל זייערס אַפילו אונטערן נאַציישן רעזשים; שטילערהייט זענען זיי געקומען, פאַרבאַהאַלטן. ביז אין איין נאַכט האָט מען אים אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט קיין דאַכאַו. אַז מ'האָט פאַר אים באַקומען אַ סערטיפיקאַט און ער האָט געזאָלט באַפרייט ווערן, האָט דער לאַגער־דאָקטאָר אונטערזוכט זיין קערפּער, מיטן אויג געשיקלט אויף די פרישע סימנים פון די בלוט־געפּעסן, וואָס האָבן געבלוטיקט, און באַפוילן אים צוריקצוהאַלטן ביז זיי וועלן פאַרטרוקענען. אין דער ערשטער צייט האָבן זיי זיך נאָך אַ ביסל געשעמט פאַרן אויסלאַנד.

און אָט איז דער קוילן־סוחר נאַגלער! אַ ייִד שוין אַ זעכציקער, אָבער אַ געזונטער, פריילעכער, אַ לץ און אַ לעבנס־לוסטיקער. אויך ער איז אַדורכגעגאַנגען אַלע זיבן מדורי גיהנום. ער האָט זיך אויך געפּלאָגט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

—...דער שד איז נישט אַזוי שרעקלעך — האָט ער דערציילט — דאָס עסן איז געווען נישט שלעכט. אויב דו האָסט אַכטונג געגעבן אויף ריינלעכקייט און אָפּגעהיט די באַפוילענע „אָרדנונג", האָט מען דיך נישט זאַטשעפּעט. מען האָט מיך טאַקע צו מאָל געלאָזט לויפן „דורכן סטראָי", אָבער איך האָב פאַרשטאַנען איינצובויגן זיך אינעם ריכטיקן מאָמענט און דער שלעגער האָט פאַרפעלט. פון דערווייטנס האָב איך שוין אויפגעפּאַסט אויף דער באַוועגונג פונעם שטעקן און איך האָב געטראָפן די רגע. מ'דאַרף נאָר צילעווען די ריכטיקע רגע!... איצטער בין

איך דאָ און בין באַרייט צו טאָן יעדע אַרבעט, אַלצדינג, אין שטאָט, צי אין דאָרף, אין פעלד צי אין ווייגאָרטן, אַבי צו קענען לעבן...

אַ דריטער באַקאַנטער, אַ ייד אַ פרומער און אַ פאַנטאַסט האָט דערציילט:

— ...מיר האָבן זיך געשטופּט אין פּאַלעסטינע־אַמט מסדר צו זיין אונדזערע פּאַפּירן און אַט — די געסטאַפּאָ! זיי האָבן אונדז געשלאָגן מכות רצח, געזוכט אין אונדזערע קעשענעס, צוגענומען אַלע דאָקומענטן אונדזערע און דערנאָך אונדז געהייסן אַרויסגיין צו צווייען. אונטן, ביים טויער, האָבן אונדז אָפּגעוואַרט פון ביידע זייטן צווי ס.א.־באַנדיטן מיט שטעקנס אין די הענט. אַדורכגייענדיק צווישן די ביידע, האָט זיך מיר אַ רגע געדוכט, אַז דאָס הויז איז איינגעפאַלן איבער מיין קאָפּ און נאָר ווי איך האָב דערזען ווי זיי שמייכלען צו אַנאַנדער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען נאָר קלעפּ מיטן שטעקן: כ'בין געגאַנגען ווייטער און האָב געהערט אַ פרויען־שטים הינטער מיר:

— ווישט אָפּ דאָס בלוט!

ווי אַ נאַכטוואַנדלער בין איך געגאַנגען ווייטער, ווייטער; אין אַט דער מדינה אַריין בין איך אַ מאָל אַנטרונען געוואָרן בעת די פּאָגראָ־מען אין אוקראַינע; די דאָזיקע ערד האָב איך געקושט, ווען איך האָב זי באַטרעטן — און אַט!... כ'האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון וויינען. דאָס איז שוין צו פיל! אַצינד, האָב איך געטראַכט, מוז שוין קומען דער גואל. איצטער טאָר ער שוין נישט פאַרזאַמען אפילו אַ רגע! פּלוצלינג — שטורמישע אָוואַציעס פון אַלע זייטן, אָוואַציעס פון די אַרומיקע מאַסן, אַן אַ שיעור פאָנען און בלומען, בלומען, דער גואל ?...

אויפגעשטעלט אין אויטאָ, מיט אַ דערהויבענער האַנט, איז אַקעגן מיר אויסגעוואַקסן ער אַליין מיטן שווידערלעכן פּרצוף זיינעם — דאָס איז געווען זייך טריומפאַלער אַריינקום קיין ווין — נאָענט — נאָענט, פּנים אל פּנים!

אַזוי האָט דערציילט דער דריטער.

21.1.66

אינעם בלאָען ים
(1937 אין שטייערמאַרק)

די בלאָע אויגן פון אַרום, בלאָע אויגן אָן אַ סוף, האָבן זיך צו־נויפגענומען צו איין בלאָען ים, צו אַ פאַרניכטנדיקער סטיכיע, אויף וועלכער דו טראָגסט זיך ווי אַ צעפּאַלנדיק שיפל. ס׳בלענדן די האַקנ־קרייצן אויף די ברוסטן, און דער קאָפּ שווינדלט אַזש.

די פּלאָג וואַקסט פון טאָג צו טאָג און פון שעה צו שעה. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט אויך צו די מיידלעך, אויך צו די מיידלעך. וועגן דער שיינער אינגע, דאָס מיידל פון מיין פאַרשטאָט, ציטערט מיין האַרץ. דערווייל, אמת, איז איר ברוסט פריי, — אָבער ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען?

פאַר אַ יאָרן האָט זיך צווישן אונדז ביידע געמאַכט, אַזוי ווי פון זיך אַליין, אַ לייכטע באַקאַנטשאַפט. איר שמייכל, ביי אַ באַגעגעניש, האָט דערפרישט, דערהויבן, גענעפּנט וועלטן. טייל מאָל, אַז מיר האָבן איין וועג, גייען מיר צוזאַמען און מיין האַרץ פלאַטערט ווי אין אַמאָ־ליקע צייטן — ביי די ערשטע ליבע־טריט.

— אייער פריינדין ערִיקאַ — האָב איך איר אַ מאָל געזאָגט — גע־פעלט מיר נישט. אירע אויגן זענען נישט גוט, גיפטיק...

— וואָס רעדט דער הער? ביים לעצטן פאָלקספעסט, אויפן באַרג, האָט עריקאַ באַקומען דעם ערשטן שיינהייטס־פּרייז און איך, נאָר דעם דריטן.

— טאַקע?! אָט די ריכטער פאַרשטייען גאָרנישט. ווען איך וואָלט געווען דער ריכטער...

דעם יושר פאַרקרומט מען אין אַלץ, אין אַלעמען. דווקא אָט די אָרדינערע עריקאַ, וואָס איך קאָן נישט ליידן, באַקומט דעם ערשטן שיינהייטס־פּרייז. איצט זעט מען זי אויף דער גאַס שוועבן האָפערדיק, אַ מלכה, אַ „מיס" און צו פאַרמערן די חוצפה — גייט זי אַרויס מיט אַ האַקנקרייץ.

דער בלאָער ים ווערט אַלץ שטורמישער. דער עקלהאַפטער האַס־

אָפּצייכן, וואָס זיינע טרעגערס זענען ביז איצט געווען נאָר די מנוול־דיקע פּרצופים, נעמט זיך איצט אויסשפּרייטן אויך אויף די שיינע, יונגע מענטשן — שלעכט, שלעכט.

נעכטן, זונטיק, איז פאַרגעקומען אויפן גרויסן פּלאַץ, לעבן דעם וואַלד, אַ זומער־פעסט — פון דער היטלער־יוגנט. עס האָבן זיך דאָרט באַטייליקט אַלע פאַרשטעטישע זין און טעכטער און צווישן זיי אויך איינע, אויך איינע.

אַ פאַרנעפּלטע, נישט־אויסגעשלאָפענע, האָב איך זי היינט אין דער פרי באַגעגנט, ווען זי איז געגאַנגען אין ביורא. מיט אַ פאַרציטערט האַרץ האָב איך אַ קוק געטאָן אויף איר לאַץ... אַ האַקנקרייץ, אמת, איז נאָך דאָרט נישטאָ. אָבער ענטפערנדיק אויף מיין גרוס, האָט זי דאָס מאָל נישט געשמייכלט. זי האָט נישט געשמייכלט.

איצט איז ביטער!

אַן אייזל הירזשעט

אַ האַלב־געליימטער, יונגער אַראַבער האָט זיך באַשעפטיקט מיט פאַרקויפן צו בעלי־בתים אין שטאָט שוואַרצע ערד פאַר זייערע גערטנדלעך. ער האָט די דאָזיקע גוטע ערד אַרויסגעגראָבן פון אַ נישט־וויטן וואַדי, אויפגעלאָדן זי אין צווי פולע זעק צוביידע זייטן פונעם אייזל, זיך אַליין אויך דערלייגט און רייטנדיק איז ער אָנגעקומען צו די קונים זיינע. מיט איבערמענטשלעכער מי האָט זיך אים דאָס איינגעגעבן, מיט ציטערן און פרייכן.

שטעגן קרומע און בערגלדיקע, אַרויף און אַראָפּ, שטיינער און גרודעס, אָבער דעם אייזלס פיס זענען דינע און שטאַרקע און זייערע טלאָען פּילנדיקע און טאַפּנדיקע. מיט אַ װוּנדערלעכער געשיקטקייט קלויבט ער זיך אויס די טיילן ווייכע ערד, און שטייגט אַרויף און אַראָפּ און זיין גאַנג אונטער דער שווערער משא איז פעסט. דער באַזיצער זיינער קען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

ווי בלעם אין זיין צייט, האָט דער אַראַבער זיך פּונדעסטוועגן נישט אָפּגעהאַלטן פון שלאָגן אים. געטרייסלט אַהין און אַהער, מיטן לעצטן אָטעם און אָנגעבויגענעם קאָפּ. מיט דער טוריה, מיט וועלכער ער האָט געגראָבן די ערד, אין דער האַנט, האָט ער געשטאָרקעט און „געהאַקט" די נעבעכדיקע, געדולדיקע בהמה אין דעם דיך אַריין.

ער האָט כלומרשט מחמת ליבשאַפט געסמאָטשקעט מיט די ליפּן — און געשלאָגן ביז ווונדן. און אָט האָט דער אייזל אַרויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך און גענומען הירזשען לאַנג, אָן א סוף, אַ ספק צי טריומף, צי קלאָג — האָט ער געוווּסט וואָס איצט וועט געשען?

דער רייטער זיינער איז הינטערווייַלעכץ אַרונטערגעפאַלן און איז מער נישט אויפגעשטאַנען.

13.12.51

זכרון יעקב

שטיל און פאַרטראַכט איז דער מושב־גאָרטן. עטלעכע פון זיינע אייקאַליפּטוסן זענען איינגעבויגן אין דער זייט, ווי קראַנקע, און זיי לענען אָן זייערע ווערכעס צום שויס פון זייערע געזונטע, אַרויפגעשטרעקטע ברידער. טרויעריק איז דער גאָרטן און די יינגלעך און מיידלעך, וואָס וואָיעווען דאָ אַרום, זענען נישט בכוח אים אויפצולעבן.

דער מאַרק דערמאָנט דאָס שטעטל אין גלות. געוועלבלעך, פּרוכטן־סטראַגאַנעס, פאַרקויף פון אַלטע מלבושים אויף דער גאַס, אַלערליי „סחורות" אויפן באָדן, פאַרזשאַווערט אייזן. ווילד־אויגיקע און פעסט־נאַקיקע סטאַרטשען אַרויס די רעשטלעך אַראַבער. די „איראַקער" פון די נאָענטע מעברות מאַכן דאָ פיל געפּילדער און געוואַלדן. זיי שמאַיען דאָ אַהין און אַהער צעשויבערטע, צעטומלטע. נאָר דער „רומענישער" שוסטער אויפן בענקעלע, אויך אַ נייער עולה, זעט אויס צו זיין אַן „איינגעאָרדנטער" און זאָרגלאָזער; די טשוועקלעך אין מויל, ווי דער שטייגער איז ביי שוסטערס פון אייביק אָן, און די פרוי זיצט נעבן אים.

אויפן ראַנד פון דער מושבה, הינטער דער אַלעע פון די אַלטע פאַרשטויבטע ציפּרעסן, זענען פאַרבאָרגן די דערהאַלונגס־הייזער און דורך די צוימען זעט מען איצט, ביים סוף סעזאָן, די רו־שטולן — ליידיקע און פאַרלאָזענע. ווייטער, נאָך דעם אַלעמען, פירט דער שטעג צום ים, פירט צווישן שטיינער און פעלדזן, וווּ אַ מאַסע יאַשטשערקעס, פאַרלעכ־וויז, ווימלען איבער זיי און אין זייערע שפּאַלטן — גראָ אין גראָ. אָט־אָ־די יאַשטשערקעס קוקן דיך אָן מיט זייערע רונדע, קליינטשיקע אייגעלעך, פון וועלכע עס קוקט אַרויס די חכמה עליונה.

איצט ביסטו אַרויס אויף דער פריי און שפּאַנסט געמיטלעך ביי דער לענג פונעם ים־ברעג. אויף אַ בערגל לינקס, בליקנדיק אַקעגן דער רויקער סטיכיע, שטייט אַן איינזאַם שטיינערן הייזל, אַ ניי וווּנדערלעך־שיין הייזל, אַ שפּילעכל־הייזל, ווי אַרויסגעוואַקסן פון אָט דער מאַסע שטיינער פון אַרום, שטיינער אָן אַ סוף, העלע און פריילעכע, ווי דאָס הייזל אַליין. חשוון — מיטאָג־שטילקייט און רו. אָט האָט זיך געעפנט אַ טיר און אַ יונגע פרוי אין אַ לופט־דינער קימאָנע איז אַרויס אויף דער וועראַנדע, וועגדט זיך אַהער און אַהין און גייט צוריק אַריין, צוקלאַפּנדיק הינטער זיך די טיר.

21.4.60

א ב י ב ה

איר אָפּשטאַם איז פון די ירושלימער מזרח־עדות, צווישן פופציק און זעכציק (אויך אין דעם עלטער זענען פאַראַן „אביבות״!). געניי ווי אַלט זי איז, ווייסט זי אַליין נישט. צוויי שיטערע צעפּ, באַרוועס. פול לעבן אין די אויגן און אינעם רעדן. זי איז זיך מפרנס פון הילפס־אַרבעט אין פאַרשידענע הייזער.

ביים אַריינקום: „מה שלומכם ?״ און תיכף גייט זי אַרויס אויף דער וועראַנדע און נעמט זיך אויסקלאַפּן די מאַטראַצן און די טעפּיכער. איר שווערע אַרבעט ביים רייניקן און וואַשן מאַכט זי אָן באַזונדערע אָנשטרענגונגען און עס איז קענטיק, אַז זי וועט אַזוי קענען אָנגיין ביז

אין איר טיפן עלטער, ווי יענע אַלטע לאַסט־טרעגערס, וועלכע פילן שוין נישט זייערע לאַסטן.

זי ווינט אין אַ בויפעליקן צריף, צווישן יפו און תל־אביב, און אין די טעג פון שיסערייען און באַמבאַרדירונגען האָט זי דערציילט וועגן די אַלע שרעקן און גרוילן, וועלכע זי האָט אַדורכגעמאַכט. אָבער ס׳איז נישט געפאַלן איר געמיט. זי באַגרייפט די גרויסקייט פון די טעג און נעמט זיך מיט זיי איבער. אַז ס׳האָט פּלוצלינג זיך דערהערט אַן אַליאַרם, איז זי די לעצטע פאַמעלעך אַראָפּ אין מקלט און דאָ האָט זי זיך נישט אַריינגעמישט אין די שמועסן פון די פּלוידערנדיקע ווייבער, נייערט זי איז געזעסן אין אַ ווינקל, אַן אָפּגעשיידטע און פאַרטראַכטע.

אין די הייזער, ביי אירע אַרבעטסגעבערס, זענען פאַראַן אַלערליי דאגות און צרות. זי, אָט אָ די אַלטע עוזרת, ברענגט מיט זיך תמיד באַרויִקונג און אויפמונטערונג — אַפילו וועגן „פּכים קטנים״. אָט רעדט פאַר איר די בעל־הביתטע אַרויס דעם צער אירן צוליב אַ שיינער פאַרצעלאַן־שאַל, וואָס איז איר היינט אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און צעבראָכן געוואָרן.

— פערצן יאָר האָב איך געהאַט די דאָזיקע טאַסע און כ׳האָב זי אַזוי ליב געהאַט. נאָר פון איר, פון אָ דער טאַסע, פלעג איך תמיד טרינקען. פון אַן אַנדערער האָב איך אינעם קאַפע נישט געפילט קיין שום טעם. פערצן יאָר — און היינט אַרויסגעפאַלן פון מיין האַנט און צעבראָכן.

— ס׳איז געקומען איר צייט... — טרייסט אביבה פילאָזאָפיש.

זי איז אַ יידישע באַבעשי פּונעם בעסטן, אַלטן סאָרט. דעריבער, אַז זי איז אַ מאָל נישט געקומען אינעם באַשטימטן טאָג, האָט די פרוי געזאָגט מיט צער:

— אביבה איז היינט נישט געקומען. זי האָט נאָך אוודאי נישט צוריקגעקערט פון ירושלים.

וואָרום יעדן פרייטיק פאָרט זי צו אירע אויסגעגעבענע טעכטער, וואָס זיצן אין דער הייליקער שטאָט, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן, און אין וועלכער זי קען, ווי זי זאָגט, אַ יעדן שטיין. נאָכן פאַרטרייבן די אַראַבער, איז זי צוריקגעקומען פול באַגייסטערט און האָט

אַ סך דערציילט וועגן אירע שפּאַציר־גענג מיט אירע טעכטער און איי־
דעמס אין דער שטאָט און אין דער סביבה.

— דאָרט איז אַצינד אַלץ אונדזער. נישטאָ קיין אַראַבער, נישטאָ.
מיר זענען געווען אין עין־כרם און דאָרט געטרונקען קאַלט, זיס וואַסער,
גלייך פונעם באַרג. יופּי!

27.5.60

ד ב ו ר ה

די „עמק"־מענטשן אַליין, צי צוליב געוווינהייט אָדער „מקוצר רוח
ועבודה קשה", האָבן קיין שום דרך ארץ פאַר זייער תנ"כישער לאַנדשאַפט
און די היסטאָרישע ערטער טרעטן זיי מיט די פיס. איך אָבער, ווי אַן
אורח בין גאַנץ אויסער זיך און קען נישט משיג זיין, אַז אָט דער קוואַל,
צופוסנס פונעם גלבוע, איז יענער קוואַל, ווו גדעון האָט באַצייכנט זיינע
לייט, וועלכע האָבן זיך פאַרטיילט אין צוויי מינים טרינקערס: אַזעלכע,
וואָס זופּן מיט זייער צונג „כאשר ילוק הכלב" און די, וועלכע שעפּן
מיט די הענט אין מויל אַריין. שטיל פליסט דאָס דאַזיקע וואַסער און עס
איז לויטער ווי דעמאָלט, פאַר דריי טויזנט יאָר.

און דער גלבוע אַליין! צוגעדעקט מיט אַ זעלנערדיק־ברוין, וויסט,
טרוקן „טל ומטרל".

ס'איז שווער אָפּצוטאָן אַן אויג פון אָט דער בערגלעך־קייט, און איך
באַמי זיך צו טרעפן, ווו אַווו, אויף וועלכן בערגל זענען שאול און יהונתן
געפאַלן. אין די לעצטע טעג איז צווישן די ביידע צוליב דודן אַדורך
אַ בייזער גייסט, מיט אַ שווערן פאַרוווּרף „בן־נעות המרדות!" האָט
זיך דער פאָטער געבייזערט אויפן זון און אַפילו אויף אים געוואָרפן דעם
שפּיז, אָבער דעמאָלט, בעת דער שלאַכט אין אָט דער גורלדיקער שעה,
איז דער זון געווען ביי דער זייט פון זיין פאָטער, געווען מיט אים אין
איינעם און אין איינעם זענען זיי געפאַלן — „ובמותם לא נפרדו". אָט
דאָס צאַרטע, ליבע־קראַנקע יינגל, וואָס דער געליבטער האָט נישט פאַר־
שטאַנען נישט אים און נישט זיין ליבע: „נפלאתה אהבתך לי"...

*

אָבער היינט האָט מיין פאַנטאַזיע מער ווי אַלץ פאַרנומען — דבורה. דאָס האָט באַווירקט דער אויספלוג (אין געזעלשאַפט פון אַ באַגלייטער) איבער די פעלדער פון יזרעאל, קוקנדיק צום הר־תבור מיט די פרעמדע בניגים אויף זיין שפּיץ. דאָ אָדער אויף די דאָזיקע פעלדער האָט דבורה זיך געגרייט מיט אבינועמס זון און זיין מיליטער אַנטקעגן איבער דער סכנה פון סיסראָס זייט. דאָ האָט געשפּאַנט די גרויסע פרוי, פון דאַנען האָט זי געקוקט, ווי איך אַצינד, צום גבעת המורה... און ווי פריש זענען די פּסוקים פון איר ליד, ווי אַקטועל „בהתנדב עם״... הולכי נתיבות ילכו אורחות עקלקלות״... „חדלו פרזון״... און דער סאַמע לעצטער: „מן השמים נלחמו״... פאַר ווייטע צייטן האָבן אַלע נביאים געזאָגט זייער נביאות, אָבער איר, דבורהס נבואה איז ממש אויף אונדזערע טעג.

כ׳האָב אַלץ געטראַכט וועגן איר, דער „אם בישראל״, און איר ליבשאַפּטס־ציטער פאַר אונדז, אויך פאַר אונדז, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דער קליינער, שיינער קבוצה מיט די פיל פלאַנצן און ביימער. אַ ברונעט מיידל אין כאַקי־הויזן איז פאַר אונדז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ שמייכל — אַ מין שיינקייט, וואָס אַזוינס האָב איך שוין לאַנג נישט געזען, און צוגלייך מיט עפּעס יתומדיקס, וואָס דערוועקט רחמנות.

— ווער איז דאָס מיידל? — האָב איך געפרעגט מיין באַגלייטער, דעם חבר פון דער קבוצה.

— פונעם נוער העולה, פון דער טשעכאָסלאָוואַקיע.

— אפשר ווילסטו זי מיר פאַרשטעלן? — האָב איך געבעטן.

ער האָט עס מיר גערן צוליב־געטאָן און גערופן:

— דבורה!...

12.1.62

צ פ ת

אין דער צייט וואָס אין די אָרומיקע „נקודות״ רוישט און רעשט זיך דער יונגער, נייער ייד מיט זיינע יינגלעך און מיידלעך, רוט אינעם אַלטן צפת דאָס אַלטע יידנטום אין איר אָפּגעשטאַנענקייט. אַזוי, ווי גראָבנדיק

קאַרטאָפל, שטויסן מיר זיך פּלוצלינג אָן אין דער צעקוועטשטער זריעה־בולבע — דער „מוטער".

דאָס לעבן איז דאָ ווי פאַרגליווערט. די צייט האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט. אַזוי איז דאָ אוודאי אַלץ געווען פאַר הונדערט יאָרן און אַזוי וועט עס נאָך זיין אין הונדערט יאָר אַרום. אָן שום פאַרענדערונג.

אומעטיקייט פּילט אָן דעם חלל פונעם אר"יס קליינער שול. דו וואַרפסט זיך אויף דעם איינציקן ספר, וואָס ליגט דאָ אויף איינע פון די שטענדערס, און צו דיין גרויסער אַנטוישונג איז דאָס נישט קיין קבלה־ספר, נייערט... אַ פּשוטער „עם־ארצישער" סידור!

אין דרויסן איז אַ שווערע היץ, אַ חמסין, אָבער די מענטשן פונעם געסל איילן זיך צום „מרחץ" (ס'איז געווען אַ פרייטיק), אַ שוויץ־באָד אין מענדעלעס נוסח. נאָר דאָ געפינען זיי אָן אַנטרינונג פונעם שווערן חמסין.

באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן. די פלאַסטער־שטיינער זענען קרום און האָרבאַטע. אין איינער פון די „בישעס", אין דער מויער, פּראַוועט מען איצט אַ ברית־מילה; אָט דערהערט זיך אַלץ העכער דער געשריי פונעם קינד, דער גלייכער אין אַלע צייטן און ערטער, און וועלכער רירט נישט אָן קיין שום האַרץ אין אַרום, אַפילו נישט דאָס האַרץ פון זיין אייגענער מוטער...

אין דער דערבייאיקער נישע זיצט אַן אַלטער שוסטער ביי זיין וואַרשטאַט. דער פאַרשוין האָט ליב צו שמועסן, און ער דערציילט מיט חשק וועגן די אָרטיקע באַדינגונגען.

— קענט איר אויך נייע שיך מאַכן?

— ניין, נאָר פאַרריכטן און פאַרלאַטען.

דאָ איז דאָס מלכות נאָר פון דעם, וואָס איז אַלט.

פון דער נאָענטער „וווינונג" קוקט אַרויס אַ הונדערט־יאָריקער זקן. אַזוי זאָגט אויף אים עדות זיין פרוי, די זיבעציק־יאָריקע. אַ פאַרשטאַרטער בליק, אַ בליק פון אַן „עובר־בטל". אָט אַזוי האָט אים דאָס לעבן געשטופּט פּאַוואָליע־פּאַוואָליע, אַ שטופּ נאָך אַ שטופּ, מיט אַ מין כיטרעקייט, ביז ס'האָט אים צוגעדריקט צו דער וואַנט — און אַן עק. אַ צער בעלי־חיים!

סתם אַ קראַנקער, ווען ער איז אַפילו אַ חולה מסוכן, קען ער נאָך גע־היילט ווערן און ס'איז פאַראַן אַ האָפענונג; אָבער אַ הונדערט־יעריקער זקן — וואָס מאַכט מען מיט אים? וואָס פאַראַ רפואה געפינט מען פאַר אים? וואָס? און פאַרט בעטן מיר אויף אַריכות־ימים, „ביז הונדערט און צוואַנציק". נאָט אייך „הונדערט און צוואַנציק"!

ווי איך שטיי נאָך און וווּנדער זיך אויפן הונדערט־יעריקן, קומט דער שוסטער פון הינטער אונדז אַרויס פון זיין נישע, מיט אַ שוך אין האַנט, און מאַכט צו מיר:

— נישט גלויבן זיי! ניינציק אָדער עפּעס מער — אפשר! אָבער הונדערט יאָר האָט ער נאָך נישט. הונדערט — נישט!

דאָס לעבן איז דאָ פאַרגליווערט; די צייט האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט. אויך אין הונדערט יאָר אַרום, בין איך זיכער, וועט דער אייגענער שוס־טער שטיין און וואָרענען פאַר צופיל גוזמא:

— ניינציק אָדער עפּעס מער — אפשר; אָבער הונדערט — נישט!

6.7.62

אין מיטן פעלד

דער ריח פון די פּרדסים אין זייער בלי פאַרכאַפּט די פאַרשטאָט און די נאָענטע פעלדער. דורך די צוימען זעט מען דאָס ווייסע בליעכץ אין שכנות מיט די לעצטע מאָגערע אָראַנזשן. אָנהייב און סוף האָבן זיך באַגעגנט.

אַ ליבע־פּאָר האָט זיך דאָ אַוועקגעלייגט אויפן גראָז־פלעק אין מיטן דעם פּלאַץ. פאַרזונקען אין זייער טוליען־זיך האָבן זיי נישט באַמערקט די פאַרבייגייערס. זיך שלעפּנדיק פּאַוואָליע אויף זיין אייזל דרייט אויס אַן אַראַבער דעם קאָפּ צום פּאָרל.

אויך אַ גרופּע רייטערס אויף פערד, בחורים און מיידלעך פון דער רייט־שול, האָט דאָ פאַרלאַנגזאַמט דאָס רייטן. אָבער זיי — ביי זייערס! אַט דער אַבסאָלוטער ביטול לגבי דער וועלט און אַלץ אַרום האָט מיך

אַ ביסל געטראָפן, אָבער איך האָב זיי מוחל געווען; זיך דערמאָנט, ווי „היטלער־יוגענד"־באַנדיטן האָבן אַ מאָל פאַרטריבן אַ יונג יידיש פּאָרל פון דער לאָנקע אין דער גראַצער סביבה, נאָכשרייענדיק זיי: „נאָך פּאַלעסטינאַ!"

איך בין אַריבער און געגאַנגען ווייטער אין די פעלדער. אין אַ שעה אַרום, צוריקוועגס, האָב איך זיי ביידע באַגעגנט (עלעגאַנטע און סימ־פּאַטישע) פאַרווירטע און פאַרשעמטע, ווי זיי ווערן ממש געיאָגט דורך אַ חברותא צוועלף־פופצן־יאָריקע מיידלעך, וועלכע חוזקן פון זיי: „אַ ראַנ־דעוווּעלע אין פעלד!"... און דער איינציקער יינגל דאָ האָט זיי נאָכגע־וואָרפן גרודקעס ערד. דער מאַנסביל האָט צו מאָל צוריקגעווענדעט דאָס פּנים, ווי ער וואָלט געדראָט, האָבן זיי זיך דאַן אַ ביסל צוריקגעצויגן, אָבער באַלד האָבן זיי ווידער אָנגעגריפן.

— וואָס טוט איר, מיידלעך?! — האָב איך זיך אַריינגעמישט — מיט וואָס האָבן זיי דערוועקט אייער כעס?

די גרעסטע פון זיי האָט געענטפערט מיט אַ געשריי:
— זיי ליגן און קושן זיך אין מיטן פעלד!

דער אַכצן־יאָריקער

פאַרגעסט נישט, אַז דאָס דאָזיקע שיינע און צאַרטע יינגל, וואָס די שול־העפטן פאַלן אים אַרויס פון דער שויס, מוז אויסקעמפן נישט נאָר די קעגנוואַרט־מלחמה, נייערט אויך „קאָרעגירן" אונדזערע אַמאָליקע מלחמות. די לאַסט פון פאַרגעלטונג דרוקט אויף זיינע אומרייפע אַקסלען און ער דאַרף איצט פאַר אונדז זיגן און אויך געבן אַ „תיקון" צו די מפּלות פון אונדזערע אבות.

אָט איז ער איינגעקורטשעט אין דער פּאָזיציע און צילט מיט זיין ביקס נישט נאָר קעגן דעם שונא, נאָר אויך קעגן אונדזערע שונאים פון

אַ מאָל און אייביק, קעגן אַלע, אַלע, אַריינגערעכנט נבוכדנצרס און טי־טוסעס האָרדעס.

נישט אומזיסט שטרענגט ער אַזוי אָן זיין זע־קראַפט: ער צילט אין נישט געאַנטע ווייטקייטן. — — —

13.4.62

אל־עלמיין

אין יוני 1942, ווען ס'האָבן זיך, נאָכן פאַלן פון טאָברוק, שוין גע־הערט ראָמעלס טריט צו אונדז צו, איז דער גאַנצער ישוב געווען פאַר־כאַפּט פון אַ מאָדנעם דרימל פון דעם מין, וואָס די נאַטור־שלאַנג, דער־נענטערנדיק זיך צו איר קרבן, וואַרפט אָן אויף אים. כ'בין דאָן געווען צוגאַסט אין אילת־השחר. ס'האָט געדריקט אַ שווערער חמסין. פויל האָבן די מיידלעך אָפּגערוימט די טישן אינעם חדר־האוכל.

די קיבוץ־לייט, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דרויסן אין איינעם מיט די אַראַבער, האָבן דערציילט ווי אַזוי אָט די שמועסן אָפּן וועגן צעטיילן זיך מיטן „זאַק־רויב": „מיידלעך לרוב פאַר יעדן מאַנסביל".

ווען מיר זענען פאַראייניקט מיטן זכר פון אונדזערע קינדער, די קעמפער פון דער באַפרייונגס־מלחמה, לאָמיר נישט פאַרגעסן אויך אָט די קינדער, טייערע קינדער, וועלכע זענען געפאַלן פאַר אונדז אויף צע־גליטע פעלדער פון אל־עלמיין — און וואָס באַגרייפן נאָך אַלץ נישט, וואָס ס'האָט אונדז דאָן דערוואַרט, ווען נישט די דאָזיקע פעסטע בחורים.

איינער האָט געוויינט

אַ דערהאָלונגס־היים פאַר מעברה־קינדער אין אַ לאַנדשאַפטלעך־שיי־נעם ווינקל, אונטער דער השגחה פון די „שוועסטערס" אין זייערע ווייסע קיטלען, האָט דאָס קליינוואַרג געטומלט פול מיט לעבנס־פרייד און מיט

נייגער באַטראַכט די אַלע באַזוכער, וואָס זענען אַהער געקומען. אַט־די פרעגן:

— פון וואַנען ביסטו?

— פון איראַק.

— און דו?

— פון טערקיי.

— און דו?

— פון רומעניע.

— און דו?

— פון פוילן.

„שאי סביב עיניך וראי: כולם נקבצו ובאו לך".

פאַרשידענע פּנימער, ווייסע און שוואַרצע, און נאָר די אויגן, די יידישע אויגן, און זייער עברית — פאַראייניקן זיי אַלע.

אַט האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אַרום די געגרייטע טישן און עסן מיט אַפּעטיט. ס'איז קענטיק, אַז די מאכלים שמעקן זיי. נאָר איין שיין יינגל האָט נישט אָנגערירט זיין טעלער. ער איז געזעסן און האָט געוויינט. אַלע צורעדענישן פון דער שוועסטער האָבן נישט געפּועלט.

ער בענקט אַהיים, צו דער מעברה... — האָט זי פאַרצווייפלט געזאָגט.

דעם קאָפּ אין דער הייך, מעברות!

1.12.62

א ב י ש ג

והמלך לא ידעה

(מלכים א׳)

אין מיין קינדהייט האָב איך זי געזען אין דער געשטאַלט פון חנה ביינישׁ דעם קאָוואַלס, דאָס שענסטע מיידל אין דער פאַרשטאָט. אַ ברונעטע און חנעוודיקע מיט טונקעלע פלעקן אונטער אירע רייצנדיקע אויגן. צו פיל האָט דער קאָוואַל געקאָוועט און געפאַרעמט דאָס גליענדיקע אייזן

ביז ס׳איז געוואָרן אַ האַק צי אַ פּאַדקאָווע. די טאָכטער איז ווי זיינע אַרבעטן — פּולקאָם.

יאָ, ס׳איז טאַקע נישט געווען ווי חנה׳קע אַזאַ „נערה יפה בכל גבול ישראל" און איך האָב זי געזען אין מיין פאַנטאַזיע, ווי זי באַדינט דעם מלך אין איר ווייסן פאַרטעך, בעת בת־שבע קומט ביי אים עפּעס בעטן.

כ׳האָב זיך דעמאָלט נישט געריכט, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג און איך וועל זיין אין איר היים־אָרט, אין שונם. יאָ, ממש אין שונם. ס׳איז נישט ערגעץ אויפן הימל; נאָר אַ שעה־וועג פון מרחביה. איך גיי, באַגלייט פון אַ חבר, וועמען די שטעגן פון לאַנד זענען באַקאַנט, און פאָרש נאָך די טריט פון דודס געטרייע קנעכט, וועלכע זענען אין זייער צייט געגאַנגען אויף דעם וועג, כדי דעם מלך צו מאַכן אָנגענעם זיינע לעצטע טעג. פאַרטרוקנטע פעלדער, ברוינע גרודעס פון אַלע זייטן. זענען דען פון דאַנען פאַרטריבן געוואָרן אַלע צויבערן פון דער לאַנדשאַפט אין איינעם מיט אונדזערע אבות? דאָ און דאָרט, אין די זייטן פונעם וועג, שוואַרצע שליאַדעס פון פאַרברענטע דערנער. צעבראָ־ביימלעך — און אָט איז שונם!

אַ קרום געסל צווישן שטיינערנע הייזלעך, הייזלעך אָן פענצטער. צברעס און שטיין און קינדער, קינדער, קינדער. אין דער מיטן, אויפן דאַך פון אַ נידעריקן הויז, שטייט אבישג און הענגט וועש אויף אַ שטריק... זי איז עס!

מיין פאַנטאַזיע האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. ס׳איז דאָס פּנים פון חנה בייניש דעם קאָוואַלס. יענע טונקעלע פלעקן אונטער די שיינע אויגן, כאָטש אַ פרעמדלעכן אויסדרוק האָבן אָט די אויגן און זענען שוואַרצער. מיט אַ מאָל בין איך צוריק געשליידערט געוואָרן צו מיינע קינדערישע יאָרן. איך הער דאָס קלאַפּן פונעם האַמער אין דער קוזשניע. אָט שפּרייזט זי באָרוועס איבער די אַלטע אייזנס, גענענט צו איר פאָטער און טשאַטעס פונקען הילן זי איין. די לאַנדשאַפט אין דרויסן איז אין פולער פּראַכט. אַ גאַנצער רעגנבויגן און טראָפּנס רעגן אויפן גראָז, און אַלץ האַלט זיך נאָך ווי ס׳איז געווען. ווי ס׳איז געווען אין איר ערשטער אומבאַרירטקייט — יחי המלך.

12.7.63

מ ד י נ ה

אין דער פרעמד דאַרט, אין די לענדער פון זיין וואָגלען, ביי יעדער פאַרענדערונג פונעם רעזשים, יעדן נייעם „קורס”, האָבן אים קודם כל איבערגעשראָקן די נייע פאַרשריפטן און גזירות אין מסחר־ענינים. אויב די קריסטלעכע סוחרים האָבן זיך דערשראָקן, וואָס זאָל ער טאָן, דער יידישער סוחר? און פון שרעק איז ער אויף אַן אמת אַריינגעפאַלן אין נעץ, האָט פאַרפלאָנטערט, צעטומלט זיך, און געלאָפן צו אַדוואָקאַטן. „דער פחד האָט גרויסע אויגן” — און ער האָט פאַרלוירן דעם אַפעטיט, איז נישט געשלאָפן אין די נעכט, האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס, ביז איין מאָל האָט ער פאַר זיך אויסגעזוכט אַ באַקוועם אָרט בייַם ברעג טייך, אַווו, אַז ס׳וועט קומען די לעצטע מינוט, וועט ער זיך וואַרפן אין וואַסער אַריין.

אָבער די שטאַרקע, פרישע לעבנס־קרעפטן, וועלכע האָבן דאַן אין אים געשוימט, פון איין זייט, און דאָס לאַנד פון דערלייזונג, וואָס האָט צו אים געווונקען, פון דער אַנדערער זייט, זענען אים בייגעשטאַנען אַרי־בערצושפּרינגען די אַלע תהומות און ניצול צו ווערן פונעם אונטערגאַנג. ער האָט פאַרשאַרצט די פאַלעס, געריסן זיך און געשווומען און גע־שווומען... ווען, ווען וועט ער דערגרייכן דעם געגאַרטן ברעג?

סוף־כל־סוף איז געקומען דער טאָג! דאָ האָט ער אַנטוויקלט און ברייטער געמאַכט זיינע געשעפטן מיט מער שווונג. אין אַן אַטמאָספער פון פרייהייט און אָן צוואַנג. צווישן זיין פאָלק.

אָבער אָט איז אויפגעשטאַנען די מדינה און מיט די נייע פאַרשריפטן און גזירות אויך. יאָ, זי אויך. צווישן זיי טאַקע די אייגענע גזירות. וואָס איז דאָס — אויך דאָ? ער איז ווידער געשטרויכלט געוואָרן, האָט פאַר־פלאָנטערט, צעטומלט זיך, איז געלאָפן צו אַדוואָקאַטן. די אַלטע דערשיטער־רונגען האָבן זיך דערוועקט — ווי אַ רעצידיוו פון אַ געפערלעכער קראַנ־קייט. וויפל מ׳האָט אים נישט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיין חטא איז אייגנטלעך קיין חטא נישט, אַז ער זעט דעם שאָטן פון בערג ווי בערג, אַז ס׳איז נאָר אַן אומזיסטער פחד — ער האָט זיך נישט געקענט באַרויקן.

די לאָגיק איז עקסטער און די „נערוון״ זענען עקסטער. צו זיין אַ פּאַר־ברעכער אין די אויגן פון די אייגענע איז דאָך זיבן מאָל שווערער ווי צו זיין אַזעלכער אין די אויגן פון די גויים אין גלות. די מעלאַנכאָליע האָט אים אָפּגעשוואַכט, איינגעבראָכן, אַוועקגענומען דעם באָדן פון אונטער די פיס, ביז די פאָלגן פון דער דעפּרעסיע האָבן אים געמאַכט זאָרגן מער ווי די אייגנטלעכע סיבה אירע, אַ שטייגער ווי „פּן יחדל אבי מן האתונות ודאגלנו״. אַ פולשטענדיקער צוזאַמענברוך — און ס׳איז נישטאָ קיין רעטער.

וועט ער אפשר זיצן און וואַרטן ביז אַ פּאָליציאַנט — אַ פּאָליציאַנט אין ישראל איז אויך אַ פּאָליציאַנט! — וועט קומען און אים אַוועקפירן אין קרימינאַל אַריין און די שכנטע, די גיפטיקע פיינדין זיינע, וועט דאָס זען?

און ווי ביים ברעג טייך דאָרט, האָט ער גענומען בלאָנדזשען דאָ... אויפן שפת הים.

20.2.59

אַ קיבוץ אין עמק

פּאַר צוויי יאָרן, נאָך די רעגן־טעג, האָט זיך מיר אַלץ דאָ אויסגע־וויזן אַזוי פרישׁ, אַזוי וווּנדערלעך. כ׳האָב לאַנג אַריבערגעקוקט איבערן פּלויט צו די פעלדער אין מאָרגן־שיין און עס האָט אויסגעזען, ווי אָט די אַראַבישע מיידלעך, וואָס פּאַרקען זיך נאָענט אין די מיסט־הויפנס, געפינען דאָרט אוצרות. לייכטע ווינטן, יוגנט־ווינטלעך האָבן זיך גע־טראָגן פון דאַנען פון גבעת־המורה און פון דאָרטן פונעם גלבוע, — אין די דאָזיקע ווינטן האָט זיך, דאַכט זיך, נאָך צעבלאָזן יהונתנס בלוזע ביים „אויסטון זיך״.

אַ געפאַנגענער אינעם כישוף־געוועב, אינעם געוועב פונעם אַ מאָל און היינט, האָב איך דאָ געבלאָנדזשעט אַהין און אַהער, פון צריף צו צריף, פון

וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט. אַט איז דער הויכער, שאַפּערישער מאָלער, דער שוסטער־פילאָזאָף, דאָס שיינע יינגל־דיכטער אין דער בלאָער חולצה. אָבער מער פון אַלץ האָט מיך געפּאַקט דאָס גרעזעלן־מיידל אין דער קווישניע, — אין די כאַקי־הויזן און מיטן טעמבעל, מיטן פאַרריסטן פּנים און הענט. זי האָט זיך געוואָקלט מיר צו דערלאַנגען איר פאַרריסטע האַנט, נישט אַנענדיק, ווי אָנגענעם עס איז מיר דווקא, אַט די פאַרריסטע האַנט אירע אַרומצונעמען!

אַזוי איז געווען פאַר צוויי יאָרן, אין אָנהייב פרילינג. אָבער אַצינד, ביים צווייטן באַזוך, אַנטקעגן סוף זומער, אין די חמסינען, שלעפּן זיך שווער די טעג. אין די גרויסע זון־היטלען האָקן פויל די פרויען אונטער די צווייגן ביי דיביימער־ווערכעס. די רויזן זענען טריב, פאַרוויאַנעט. די גבעת־המורה איז פּוסט און לאַנגווייליק, דער פאַרטרוקנטער גלבוע באַדריקט שווער און יהונתן אויף זיינע היגלען איז טויט! אויפן יינגל־דיכטערס שטערן זענען טיפע קנייטשן, די בלאָקייט פון זיין חולצה איז זייער אָפּגעבליאַקעוועט און דעם שוסטער־פילאָזאָפס רעיונות זענען נישט אַזוי אָפּטימיסטיש ווי אַמאָל. אָבער מער פון אַלץ האָט מיך אַנטוישט דער פאַקט, וואָס יענץ גרעזעלן־מיידל געפינט זיך שוין נישט אין דער שלאָסעריי, נייערט זי איז צוליב עפּעס אַריבער צו אַרבעטן אין דער קיך און זי איז אַצינד, אינעם קליידל און אין דעם פאַרטעך, ווי איינע פון די מיידלעך!

3.5.65

דער אינסטאַלאַטאָר
(פון מיין פריינדס דערציילונגען)

פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען, אַז איך בין נאָר פאַרטאָן אין די סאַמע העכסטע זאַכן, און ווייסן נישט וויפל „קליינקעפּיקייט" ס'איז אין מיר, אַזוי, למשל, בין איך פעיק נישט צו שלאָפן צוליב אַ קליינינקייט, צוליב אַ שטות. כ'האָב פאַר זיך געקויפט אַ נייעם אַנצוג און ס'דאַכט זיך מיר,

אַז דער קרעמער האָט מיק אָפּגענאַרט — און דאָס איז מיר גורם אַ ליידן, וואָס מ׳קען זיך נישט משער זיין. נישט צוליב דעם געלט־היזק, נייערט וועגן מיין „בטלנות״ אַליין.

אָט איז אַ מעשה מיט אַ „בוילער״. ס׳איז קאַליע געוואָרן דער קעסל און דער אינסטאַלאַטאָר האָט אים גענומען אין זיין וואַרשטאַט אַריין, נאָך דעם ווי ער האָט באַשטימט זיין לוין און איך האָב מסכים געווען. אויך דאָ האָב איך פאַרדעכטיקט דעם מייסטער, אַז ער האָט אויסגענוצט מיין נישט־געניטקייט, וואָרום כ׳בין דערוויל געוואָר געוואָרן, אַז אַ נייער בוילער קאָסט אויך נישט פיל מער. אינעם באַשטימטן פרימאָרגן האָט זיך דער פאַרשוין באַוויזן מיטן פאַראַכטענעם שווערן קעסל אויפן אַקסל, זיין פּנים שוויס אַדורכגעוויקט העמד איז דאָ און דאָרט אָפּן און ס׳זעט זיך אַרויס זיין אַנטבלויזט לייב.

כ׳האָב אים געקוקט אין פּנים אַריין און געזען וווּנדערלעך יידיש־מענטשלעכע אויגן, וואָס אַזעלכע האָב איך שוין לאַנג נישט געזען, — אומשולד און ריינקייט. כ׳האָב אים באַלד געגלייבט. מיטן טאָן פון זיין ענטפער און מיטן גאַנצן מהות זיינעם האָט ער געוואָרפן אַן איידל ליכט אויפן כלל און צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערפילט דעם טעם פון דעם, וואָס מ׳רופט עס „אהבת ישראל״. זיי האָבן נישט אָפּגע־נאַרט, קיינער האָט נישט אָפּגענאַרט און אַפילו ווען זיי האָבן אָפּגענאַרט — האָבן זיי נישט אָפּגענאַרט !...

אַז ער האָט שוין אין גאַנצן פאַרענדיקט זיין אַרבעט, האָב איך זיך מיט אים אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס. כ׳האָב אים געפרעגט וועגן זיין אָפּשטאַם־לאַנד, זיין לעבנס־געשיכטע און זיך פאַרטראַכט וועגן זיין וויזן. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז נישט אומאינטעליגענט און ער איז אַפילו אַ „פילאָזאָף״ אויף זיין שטייגער. ער האָט פאַר מיר, ווי איינער וואָס איז שוין אויסגעשטאַנען אַ סך נסיונות אין זיין לעבן, אויס־געשיט זיין ביטער האַרץ „וועגן דעם כאַראַקטער פון אָט דער אומה״. האַרטע רייד. דווקא ער, דער גרויסער פאַרטיידיקער מיט זיין שווייגן, איז געוואָרן אַ גרויסער אַנקלאָגער מיט זיינע רייד !

אָבער איך בין שוין געווען פאַרכאַפּט פונעם ערשטן.

11.5.59

דער אַלטער אַפּטייקער

צו מאָל איז ער אַראָפּ פון זיין דירה, ר׳איז אַריין אין אַפּטייק און האָט צוגעהאָלפן זיין יונגן, געשיקטן און ענערגישן זון. ער, דער פאָטער, האָט זיך דערנענטערט צו די אַכציק; זיינע מידע אויגן, וואָס זייער בלויקייט איז נאָך נישט אין גאַנצן אָפּגעבליאַקעוועט, האָבן געקוקט שוין נישט פון דער וועלט, אָבער אין זיין ווייסן קיטל, אינעם רוים פול מיט מעדיצינען אָן אַ סוף, האָט ער זיך קענטיק געפילט, אַ ביסל זיכערער. אַנדערש ווי זיין זון, האָט ער זיך באַוועגט לאַנגזאַם — לאַנגזאַם פויל האָט ער זיך געווענדעט צו די קונים, די רעצעפּטן האָט ער געלייענט מיט אַן אַפּאַטישן, זייער סקעפּטישן בליק און דאָס בילד פונעם סקעלעטן־קאָפּ איבער דער אָפּטיילונג „גיפט" האָט זיך שטאַרק בולט געמאַכט.

ביז איין מאָל האָב איך זיך געווענדעט צו זיין זון:

— שוין לאַנג אַז מ׳זעט נישט אייער פאָטער.

— מיין פאָטער איז שוין נישטאָ.

— אָ, ר׳איז דאָך נישט געווען אַזוי אַלט.

— אָ, אַ ניין און זיבעציקער.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אין אונדזער לעצטער באַגעגעניש. דעמאָלט האָב איך אים דערלאַנגט אַ רעצעפּט פון אַ ווינער קליניק (ער האָט געשטאַמט פון ווין) און זיינע מאַטע אויגן האָבן זיך אויף אַ רגע צעפלאַקערט, ווי ס׳פלאַמט אויף אַ ליכט איידער ס׳ווערט פאַרלאָשן.

ל יי כ ט ע ר

אַ קלינג אין דער טיר. דער פינף־און־זיבעציקיעריקער האָט געעפנט און אָט איז זיין זון מיט דער ביקס אויפן אַקסל. ער איז געקומען אויף אַ קורצן אורלויב, אויף פיר־און־צוואַנציק שעה, גלייך פונעם פעלד.

דער אַלטער טאַטע, וועלכער איז בשעתו אויך געווען אַ סאָלדאַט, האָט אָנגערירט די ביקס, ווי אַ יוגנט־פריינד נאָך אַן אָפּשייד פון פופציק

יאָר, האָט זי אָנגענומען לויט פאָרשריפט, זיך אַליין אויספּרווונדיק, צי ער געדענקט נאָך „גירסא דינקותא״.

און דער זון האָט געפרעגט:

— איז דייך ביקס דעמאָלט געווען אַקוראַט אַזוי?

— לייכטער.

דער צוויק

„אַצינד איז די מדינה פאַראַן״ — האָב איך מיר געדאַכט, הערנ־דיק ווי אונדזער קאָנדוקטאָר צוויקט אין אונדזער באַן מיט זיין צווענגל, ווי אַלע קאָנדוקטאָרן אין דער וועלט, די רייזע־בילעטן.

אויף אָט דעם צוויק האָב איך שוין לאַנג געוואַרט.

אַצינד איז די מדינה פאַראַן!

10.7.59

אַן אם בישראל

(צום אָפּשייד פון גאָלדען)

אַז זיין שוידערלעך, פאַרברעכעריש קול האָט זיך דערהערט אין ראַ־דיאָ און דער האַקנקרייץ האָט שוין געוועלטיקט אויך דאָ, אין עסטרייך — האָט זיך די שיינע לאַנדשאַפט פון אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ שרעק־לעכער וויסטע. די געדיכטע וועלדער האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן פאַר־באָרגן געהאַנגענע. מיר האָבן אַ סך געליטן ביז מיר האָבן זוכה געווען אַריינצוגיין אין צוג, וואָס האָט געפירט צו דער איטאַליענישער גרענעץ.

די איטאַליענער זענען קליינע און אָרעמע. מיט הילכנדיקע קולות רופן זיי אויס זייערע געטראַנקען און צובייסנס, וועלכע זיי דערלאַנגען צו די וואַגאָן־פענצטער. אָט איז, ביים נעמען דאָס געלט דורכן פענצטער, אַראָפּגעפאַלן אַ מטבע און זי איז נעלם געוואָרן, — ס׳אַראַ זוכענישן, ס׳אַראַ געשרייען, סאַראַ פאַרצווייפלונג!

איבער די בנינים און טראָטואַרן אין טריעסט הערשט אַ מרה־שחורה. ביז ס׳איז געקומען די דערהויבענע רגע, וואָס מיר זענען אַראָפּ אין דער גרויסער, פּרעכטיקער שיף.

אָט האָט זי זיך גערירט און זיך אָוועקגעלאָזט... אַ שוואַרם מעוועס האָט אונדז באַגלייט. זיי הויבן זיך אַרויף און נידערן אַראָפּ און רירן אָן מיט זייערע פליגל די שפּיצן פון די כוואַליעס; די דאָזיקע פייגל און די שוימענדיקע כוואַליעס האָבן דעם זעלבן ווייסן קאָליר, ווי זיי וואָלטן גע־פּאָרעמט געוואָרן פון איין שטאָף.

דאָרט הימל און ים און דאָ ענגע און וואַרעמע קאַבינעס אין די ווינקלען פון דער שיף. איין טאָג איז גלייך צום אַנדערן. אָט איז אַ ברעקל יבשה: ציפּערן. דאָ האָט מען מיט שטריק אַרויפגעצויגן בהמות אויפן דעק אַרויף; מיט גרויל אין די אויגן האָבן זיך די קי געהויבן אין דער לופט — ס׳אַראַ פּחד פאַר דער הייך!

צווישן די פּאַסאַזשירן איז מיט אונדז געפאָרן די גרויסע, האַרציקע פרוי מיט אירע בלאָע אויגן און דער שיינער, געטאָקטער נאָז. זי איז איינע פון די ותיקות פון דעם ישוב, וועלכע באַטייליקט זיך אין דער אָנפירערשאַפט, און אַצינד קערט זי צוריק פון אייראָפּע און אַמעריקע, ווו זי האָט אַ יאָר צייט אויסגעפירט אַ געוויסע שליחות. ס׳איז אין איר שטאַרק דער מוטערלעכער עלעמענט און אירע שיינע אויגן זענען אַ ביסל פייכטלעך, — ווי אַ טרערל וואָלט זיך אין זיי פאַרהאַלטן...

אין זעקסטן טאָג פון דער נסיעה, גאַנץ פרי, האָט זי אָנגעטאָן אַ יום־טובדיק קלייד, כדי צו באַגריסן דאָס לאַנד. די דעק פון דער שיף איז נאָר וואָס געוואָרן געוואַשן און געשייערט. פייכטקייט און ריינקייט — און ווונדערלעכע ווינטן האָבן געגלעט. דאָס פּנים פון דער גרויסער פרוי האָט געשטראַלט. אָנגעשפּאַרט אין דעק־צוים, זענען מיר אַלע געווען פאַר־טיפט אין שטאַרקער דערוואַרטונג, ביז די שפּיצן פון די בנינים זענען אַרויף אויפן האָריזאָנט — און די פרוי־מוטער האָט אָנגעוויזן:

— תל־אביב!

4.2.66

צווישן „פאַראַן" און „נישטאָ"

אַ העכערן חן פאַרמאָגן אונדזערע מיידלעך פון דער רעליגיעזער יוגנט־באַוועגונג. כ'בין אין ספק, צי אונדזערע פרומע מאַמעס און באָבעס אַ מאָל ביי יידן, אין יענע ערטער און צייטן, האָבן אין זייער יוגנט אַזוי פאַרכאַפּט ווי די דאָזיקע. דאָ איז פאַראַן עפּעס נייעס, וואָס ס'איז נאָך קיין מאָל נישט געווען. וואָרום יענע אמונה פון פאַר דער כפירה, איז נישט געגליכן צו אָט דער וווּנדערלעכער אמונה פון נאָך דער כפירה. איינע פון יענע מיידלעך איז די זיבעצן־יאָריקע רחל. ס'איז נישט קיין ווונדער, וואָס דער יונגער דיכטער, יהושע, האָט אויף איר געוואָרפן אַן אויג. מיט עקשנות האָט ער זיך געסטאַרעט, ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו געווינען איר פריינדשאַפט.

אַ צאַרטע ליבע איז דאָס געווען, אַ פּילפּאַרביקע, כאָטש זי האָט זיך באַגרענעצט אויף באַגעגענישן, קורצע שפּאַציר־גענג, ריר־מיך־נישט־אָן. זי האָט אים דערלויבט צו באַזוכן זי אין איר צימער (צוליב איר אָנקער מיטן בית־אולפּן האָט זי דאָ געוווינט אַליין, די עלטערן אירע זענען געזעסן אין אַן אַנדער שטאָט). יעדער פּרוּוו זיינער זיך צו איר מער צו דערנענטערן, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטרענגן אָפּזאָג, אַ פרומען צוריקקווייכן.

מיט פאַרזיכט האָט ער זיך געדרייט אַרום דעם צאַרטן פּונקט פון איר וועלט־באַנעם. ער האָט צוריקגעהאַלטן זיין אַפּיקורסות און איז געווען פאַרזיכטיק לגבי אירע געפילן. דאָך אַ מאָל דורך עפּעס אַ פּלוצעמדיקן לייכטזין, איז ער געשטרויכלט געוואָרן מיטן מויל.

אין אַ האַרבסט־פאַרנאַכט איז דאָס געשען. זיי זענעןביידע געגאַנגען ביים ים־ברעג. אַנטקעגן דער גראָער סטיכיע, וואָס האָט שטורמיש געבושעוועט, איז דאָס מיידל אויף אַ רגע געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט און האָט פאַרציטערט אויסגערופן:

— גאָט!...

— נישטאָ קיין גאָט, רחל!

זי איז בלאָס געוואָרן, האָט אויסגעדרייט די פּלייצע, אים דאָ צו־ריקגעלאָזט אַליין און מיט שנעלע טריט איז זי אַוועק אַהיים.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט זי נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. אַ לאַנגע, לאַנגע שרעק־נאַכט... מיטן אָנהויב טאָג, ווען אין צימער האָט דאָס פענצטער גענומען בלאָען, האָט איר אויער אויפגעכאַפּט פון דרויסן דעם ערשטן צוויטשער, אַ שוואַכן פאַרדרעמלטן פויגל־צוויטשער. אַ קליין, שוואַך, איינזאַם, פאַרלאָזן, שוצלאָז פייגעלע — ווי זי...

און זי האָט געוויינט.

אין דער רגע האָט אין איר טיר אָנגעקלאַפּט יהושע!

אַ בלאַסער, אַ פאַרטונקלטער פונעם פרימאָרגן־נעפּל, האָט ער גע־שעפּטשעט:

— כ׳האָב איצט געמוזט קומען צו דיר. כ׳בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן... אַ שרעקלעכע נאַכט איז דאָס געווען... נאָר ביינאַכט האָב איך דערפילט דיין גאַנצן כוח... דו ביסט געטלעך...

זי איז פאַר אים געשטאַנען אַ פאַרהילטע אין איר דעקע, אַ באָרוועסע און צעשויבערטע, מיט טרערן אויף איר באַק — און האָט געענטפערט מיט ציטער:

— נו־זשע, ס׳איז פאַראַן?...

— פאַראַן! פאַראַן! פאַראַן!!!

גליקלעכע זענען זיי זיך געפאַלן אויפן האַלדז, זיך אַרומגענומען און נישט געוואָלט צעשיידן זיך — און גאָטס גייסט האָט געשוועבט איבער זיי.

26.5.67

לא לישון, לא לישון!...

— „לא לישון, לא לישון!" — שרייט דאָס קינד און בעט זיך, ווען די מוטער זיינע טראָגט עס אויף אירע אָרעמס פון זיינע עלטערנס צריף צום קינדער־הויז. עס גאַרט צו בלייבן דאָ, מיט טאַטע־מאַמע, און זיין וואַך, וואַך.

ווי שאָטנס בלאָנדזשען די חברים פונעם קיבוץ אין דער נאַכטיקער פינצטערניש צווישן די צריפים, „ליפטן“ און געצעלטן. יחידים און פּאָרלעד טאָפּטשען זיי אין טיפן זאַמד אַהין און צוריק. „אין וואַרשע האָב איך זי דערקענט“ — דערציילט איינער. די גרויסע אַלימיניום־טשייניקעס בלישטשען אַרויס פון דער באַלויכטענער קיך. אָט עפנט זיך אַ רגע די טיר פון דער מקלחת און עס באַווייזט זיך דאָרט אַן איינציקער נאַקעטער בחור, וואָס הענגט עפּעס אויף.

די „פּאָזיציעס“ זענען פאַרנומען און דער פּראָזשעקטאָר פירט אַרום זיין ליכט־פּאַס איבער די פעלדער און באַלייכט אַ מין מאָדנעם רויטלעכן פונקט, וועלכער איז ווי אָנגעזאַפּט מיט די בלוטן פון פאַרצייטיקע מלחמות. ווייטער, ווייטער, — ווייט ביז עק־וועלט וואַרף דיין אויסשפּיר־ליכט! וואַרום די גאַנצע וועלט — איז דעם שונאס לאַגער. פון אַלע זייטן, אַרום און אַרום, לויערן זיי אויף אונדז, נישט כּדי צו פּלינדערן, אויך נישט צו פאַרנעמען אונדזער פּלאַץ, נאָר סתם אַזוי —אונדזער לעבן אַליין איז זיי אַ דאָרן אין אויג.

מיט אונדזערע ייִנגלעך און מיידלעך זאָלן מיר זיך צונויפנעמען מער און מערער, צו שטיין אויף דער וואַך, צו קוקן אַהין און אַהער מיט זיבן אויגן, צו צעשפּאַלטן די פייַנטלעכע פינצטערניש און צו פאַרשטאַרקן די וואַכזאַמקייט זיבן־און־זיבעציק מאָל — „נישט שלאָפן, נישט שלאָפן!“ דאָס האַרץ ציטערט וועגן די קינדער, וועגן דעם געליבטן מיידל און רגעזווייז דערוועקט זיך דער באַגער צו באַשיצן זיי מיט אונדזער גוף שוין אַצינד. ווייל דעם ווילדנס אויג וועט נישט קיין רחמנות האָבן אויך אויף דעם יונגן און צאַרטן ביי אונדז, וועט זיך נישט דערבאַרעמען!

אַדורך דער סאַמער, געדיכטער פינצטערניש ווייזן זיך די זעק זאַמד פון הינטערן גדר, יענע זעק זאַמד, וואָס ליגן איבעראַנאַנד און לאָזן נישט פאַרגעסן דעם מצב. ווייטע און קאַלטע און גלייכגילטיקע פינקלען די שטערן פון זייערע שטעגן, דבורהס שטערן. ווייטע, קאַלטע און גלייכגילטיקע און מ׳קען זיך אויף זיי נישט ווידער פאַרלאָזן, ווי אין סיסראָס צייטן, ווען דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט... יחידים און פּאָרלעד טאָפּטשען די חברים פונעם קיבוץ אינעם טיפן זאַמד. „אין וואַרשע האָב איך זי דער־

קענט״... — דערציילט איינער. דער קאָפּ פון אַ מיידל, וואָס איז אָנגעבויגן איבער אַ בוךביים ליכט פון אַ נאַפט־לאָמפּ, באַווייזט זיך דורכן פענצטער פון אַ צריף. אַן איינציקער נאַקעטער בחור אין דער מקלחת... דער פּראָזשעקטאָר באַשיינט אַ רויטלעכע וויסטעניש, אַן אָנגעזאַפּטע מיטן בלוט פון פאַרצייטיקע מלחמות — און סטאַרעט זיך אויסצוציען זיין ליכט־פּאַס וואָס ווייטער, איבערן גאַנצן פיינטלעכן שטח, אַרום־און־אַרום, ווייט־ווייט — ביזן עק־וועלט; און דאָס קינד, בשעת מ׳טראָגט עס אין בית־הילדים, שרייט און בעט זיך:

— לא לישון, לא לישון!!!...

21.7.67

א. נ. גנעסין און זיינע מיידלעך

בלוט־יונג איז אַוועק דער שיינער מענטש און גרויסער דיכטער געשטאָרבן, אָבער ער האָט באַוויזן אָפּצונעמען ביים גורל טאָפּלט פון אַנדערע. מיידלעך האָבן אים ליב געהאַט, יונגע און צאַרטע מיידלעך. אַזוי, אַז ער האָט געלעבט ווייניק און... אַ סך.

וועגן דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פּרשה קאָן מען לייענען אינעם קאַפּיטל „גנעסינישע מאַטיוון״ פון מנחם פּאָזנאַנסקי („דמיות מלוות״ הוצאת הקיבוץ המאוחד).

„אָנהייב ווינטער, שניי, מיידלעך צוויי און נאָך צוויי מיידלעך, שוועסטערן און נאָך אַ מיידל, אַלע גאַרן זיי צום הויכן מאַן, אַן אַדעליקן, אַ שרייבער״ אאַז״וו.

איינע פון זיי, צילא לעווין, אַ באַברויסקערין (נאָך דער חתונה: צילאַ דראַפּקין אין אַמעריקע, אַ דיכטערין און דערציילערין אין יידיש 1888־1956), שילדערט אין אירע בריוו די ליבע אירע צו גנעסינען, אַלט זייענדיק אַכצן יאָר; אַ ליבע מיט פיל ליידן אַזש ביז צו אַ זעלבסטמאָרד־פּאַרזוך.

„כ׳האָב זיך געפּרוווט אויפהענגען מיט אַ שלייף, אַ געמאַכטע פון מיינע צעפּ״ — שרייבט זי אין דער אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג אין

דער זאַמלונג לידער און דערציילונגען. „אין הייסן ווינט״, ניו־יאָרק 1959, שרייבט זי צווישן אַנדערן וועגן גנעסינען „ווי אַ גלאָק, אַ פּאַרזונקענער אין ים, האָט זיך געהערט זיין קול ווי דורך אַ נעפּל, ווי דורכן רויש פון ווייטע כוואַליעס״.

דאָס איז ליבע!

פון דעסטוועגן... פון דעסטוועגן איז ער אויך נישט פאַרשוינט געוואָרן. אין זיין דערציילונג „הצדה״ — אין דער פולקאָמענסטער און גערעכטסטער זאַך זיינער, שילדערט גנעסין דעם אייפערזוכטס־שמערץ אַזוי: „און חגזר (דער הויפּט־העלד) האָט פּלוצלינג דערפילט אַ שרעקלעכן האַרץ־קורטש און אַ הייסער בלוט־שטראָם האָט פאַרגאָסן זיין פּנים און געברענט אים די אויגן — וואָס טוט ער דאָ!״ אאַז״וו.

וואָרום ס׳איז נישט פאַראַן אַ מענטש, אַ ליבלינג פון די געטער און געטינס, וואָס האָט נישט אויכעט אַן אומגליקלעכע שעה.

פאַר אונדז...

דער טויט אַליין פאַר זיך וואָלט נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווען נישט די דערשיינונגען, וואָס זענען מיט אים פאַרבונדן: דאָס ליגן אַן איינגעשרומפּענער אויף דער ערד, די ברענענדיקע ליכט, דער וואָגן און דער אָרון, די שוואַרצע פערד (פאַר וואָס זענען זיי נישט ווייס?) אאַז״וו.

גאָר ענערגיש, מיט אַ זעלטענער לעבעדיקייט, נישט קוקנדיק אויף רעכטס און לינקס, האָבן זיי דאָס מאָל געאַרבעט מיט זייערע לאָפּאַטעס, די צוויי שטאַרקע קברנים, און האָבן אָנגעפּולט דאָס קבר מיט זיין ערד.

אַן איינזאַמער איז דער מענטש געווען און מען האָט נישט געהערט קיין געוויין. איבער די קעפּ פון די צונויפגעדרענגטע באַגלייטער האָט בלייז־שוועך געהאַנגען אַ שטומע האַרטע גלייכגילטיקייט. סתם טעמפּקייט, אָדער צוליב דעם חמסין? די דאָזיקע גלייכגילטיקייט האָט זיך אויס־

געשפּרייט אויך איבער דער געדרייטער סטעזשקע אויסערן בית־עלמין, ווו ס׳האָבן זיך נאָך געלאָזט הערן די הספדים. מען האָט שוין געזען די צוויי קברנים דערווייטערנדיק זיך, נאָך דער אָפּגעטוענער אַרבעט, און טראַגנדיק, יעדער פאַר איין עק, דעם ליידיקן ארון צו זיין שטענדיקן פּלאַץ — פאַר אונדז...

16.10.59

פון מעזריטש ביז סומעל

כדי אויפצופרישן דאָס ציוניסטישע באַוווסטזיין און די באַהעפטונג מיטן לאַנד, דאַרף מען נישט דווקא זיך אַרונטערלאָזן צו די הויפּט־קוועלן אויף דעם „דרך־המלך" ווי די געשיכטע פון עזרא און נחמיה און דאָס גלייכן; מער פון זיי העלפן דאָ צו זייטיק־צופעליקע אָפּנויגן. אָט האָט דניאל, דאָס שיינע יידישע ייִנגל, וואָס איז געווען אויסדערוויילט „לעמוד לפני המלך", פאַרט נישט פאַרגעסן ירושלים: „וכווין פתיחין ליה בעיליתיה נגד ירושלים" (אין זיין דאַך־שטוב האָט ער אָפענע פענצטער צו ירושלים). גיט נישט לייענענדיק אָט דעם אַראַמישן פסוק, אַ ציטער אין אונדזער האַרץ אַן אייגנאַרטיקע „ציוניסטישע" סטרונע? אָדער... אָדער די קלאָג פון פּנחסעס ווייב פאַר איר טויט, אַז עס דערגרייכט זי די שלעכטע בשורה: גלה כבוד מישראל!" (זע „בחרט אנוש" פון מאיר מוהר ז׳ 180) און נאָך און נאָך.

אַזוי איז, למשל, כדאי ווידער און ווידער צו לייענען אַ ספר, וואָס איז נישט זייער פּאָפּולער: „חלוצי הפרדסנות העברית בא"י" פון אברהם פלמן און פאַראַלעל מיט דעם בוך — די קאַפּיטלען איבער דער טעמע אין „משפחה האדמה" פון משה סמילאַנסקי. יענער ר׳ דוב־דוד פון מעזריטש, וועלכער איז אין איין פרימאָרגן פון יאָר תרמ"ג, ממש דורך אַ העכערן רוף, אויפגעשטאַנען און זיך אָפּגעריסן פון זיין אָרט, ער מיט זיין פרוי שרה־איטה און זייערע קינדער פון אַ לעבן פון הרחבה און כבוד — און איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. לעבן דאַרף סומעל, צווישן די שווערע זאַמדן, האָט ר׳ דוב־דוד געפונען אַ נחלה.

פאַרלאָזנדיק זיך אויפן זכרון פון די לייענער, וואָס די פרשה איז זיי באַקאַנט פון די דערמאָנטע מקורות, וויל איך נישט מאריך זיין מיט קיין פרטים. ער האָט געגאַרט צו פאַרפלאַנצן אַ פרדס, זיין אידעאַל, און אין אַ גליענדיקן תמוז־טאָג, אַרבעטנדיק מיט זיין רידל צווישן די ביימער, איז ער געטראָפן געוואָרן פון אַ זון־שלאָג און ער איז אַוועק־געפאַלן. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן אין עלטער פון נאָר 42 יאָר.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די העלדן־עפּאָכע פון דער יונגער אלמנה, וועלכע האָט אומבאַדינגט געוואָלט פאַרזעצן איר מאַנס ווערק! דער עול פונעם פרדס, פון קינדער, אַלערליי קראַנקייטן און די אַרומיקע וויסטעניש האָבן שווער געמאַכט איר לעבן.

*

גוטע פריינד האָבן איר געראָטן, צוריקצופאָרן קיין מעזריטש, אָבער זי, שטאַרק ווי אַ פעלדז, געטריי איר אונטערנעמונג, האָט זיך נישט גע־רירט. בדרך נס האָט איר דער שייך פון סומעל, מוחמד אבו ג׳אַבראַ, צום גוטן דערמאָנט, פיל געהאָלפן און באַשיצט זי פאַר די רויבערס פון דער סביבה. נישט אַנדערש, אַז דורכן איינפלוס פון דער גרויסער יידי־שער פרוי איז דאָס ציוניסטישע באַוווסטזיין אַריינגעדרונגען אויך אין זיין האַרץ אַריין (הלוואי, אַז דער דאָזיקער נס זאָל זיך אַ מאָל טרעפן אויך ביי אַלע אַראַבער!).

דער „מעזריטשער פרדס״ איז געוואָרן אַ שם־דבר. שרה־איטה איז אַרויף, האָט מצליח געווען און די ערשטע אין ישוב אָפּגעצאָלט דעם באַראָן, צו אַלעמענס גרויסער איבעררעשונג, איר חוב. זי האָט אויסגע־געבן אירע קינדער אַאַז״וו א״וו.

ביז... ביז ס׳האָט אַרויסגעשפּראָצט תל־אביב, גענומען זיך אויסשפּרייטן און דערגרייכט ביז די טויערן פונעם „מעזריטשער פרדס״. שרה־איטה, וואָס צוליב די אומשטענדן האָט זי געמוזט אַריבער וווינען אין שטאָט, איז צום לעצטן מאָל געגאַנגען באַזוכן איר לעבנס־אינהאַלט. ווייל מאָרגן וועט מען אים אָנהייבן אויסצורייסן!... אַ צעבראָכענע און דערשלאָגענע

איז זי צוריקגעקומען פון אַט דער נסיעה, אַריינגעפאַלן אין בעט אַריין און נישט מער אויפגעשטאַנען. אַ דריי־און־זעכציק יעריקע.

עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ טראַגעדיע, וואָס טשעכאָווס „קאַרשנבוימער־סאַד" איז אַ גאַרנישט אַקעגן איר.

אָט ווו עס דאַרפן שעפּן און אויפפרישן ציוניזם אין זיין דערהויבנסטן זין די אַלע, וואָס נייטיקן זיך אין דעם!

11.12.59

דורך אַ ליטעראַרישער פּריזמע

ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל, האָב איך אַלץ געזען דורך אַ ליטעראַרישער פּריזמע. אַלצדינג, אַפילו די פּאָליטישע וועלט. אַז איך האָב געלעזן, אַלט זייענדיק זעכצן־זיבעצן יאָר, וועגן דער באַגעגעניש צווישן דעם לעצטן צאַר ניקאָליי דעם צווייטן, מיט קייסער ווילהעלם, פון דייטשלאַנד האָב איך זיך משער געווען, אַז דער ערשטער וואָרט־אויסטויש זייערער איז געווען:

— איך האָב געטעטן און שילערן!

— און איך האָב פּושקינען און לערמאָנטאָוון!

און איצטער? אַפילו איצטער בין איך נישט ווייט פון דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג. מיר דאַכט זיך, למשל, אַז ווען ביי די סאָוויעט־רוסישע אָנפירערס וואָלט זיך נאָך היינט געפונען אַ פונק פון זייערע אָבות, די גרויסע דיכטערס, וואָלטן זיי אַליין דערשיטערט געוואָרן פונעם געדאַנק, אַז דאָס פיל קריגס־מאַטעריאַל, וואָס זיי באַשענקען דערמיט אַן אויפהער אונדזערע שונאים, קען אונדז טרעפן אין דער רגע, בעת עמעצער פון אונדז, אַן אויפגעכאָוועטער אויף דער רוסישער ליטעראַטור, וועט מיט עקסטאַז רעציטירן פּושקינס „באָריס גאָדונאָוו" אָדער לערמאָנטאָווס „דעמאָן".

אָבער דער דאָזיקער פונק איז, דאַכט זיך, נישטאָ אין זיי, נישטאָ.

17.6.66

ס'ערשטע באַגעגעניש אונדזערס

אַצינד, דאָ אין לאַנד, איז מיר גוט. איך הענג מער נישט אין דער לופט, אָן בירגערשאַפט און אָן „פּאַפּירן". ווי איינער וואָס האָט פאַר־לאָזן רוסלאַנד נישט לעגאַל, „גנבענענדיק די גרענעץ" בין איך אין חוץ־לארץ געווען נע־ונד, אָן אַ שום דאָקומענטן אין טאַש און דאָס איז מיר געווען אַ שטערונג און שטרויכלונג ווו איך האָב זיך נאָר געווענדעט.

אין דער ערשטער נאַכט אין לעמבערג האָבן שפּיצלעס מיך אין האָ־טעל אַרונטערגענומען פונעם בעט און אַוועקגעפירט אין אַרעסט. ווען נישט גרשום באַדער, וועלכער האָט זיך צומאָרגנס באַוויזן אויף דער פּאָליציי און אין מיר מקיים געווען די מצווה פון „פּדיון שבויים" וואָלט איך דאַן געווען אויף גרויסע צרות. אַ „פּאַספּאָרט" און נאָר אַ „פּאַספּאָרט" האָבן די קאָמיסאַרן אומעטום פאַרלאַנגט און איך בין געווען אָנגעוויזן אויף אַ באַקאַנטן, אַ שטאָטסבירגער, אַז ער זאָל זיך פאַר מיר משתדל זיין און האַפטן פאַר מיר.

ווען איך בין, נאָך ניין יאָר אין סוף יאָר *1913*, אַריבער פון גאַליציע קיין ווין און די גאַנצע פּרשה האָט זיך אָנגעהויבן פונעם אָנהייב, האָב איך זיך יעדן טאָג געריכט אויף אַ „שפּיצל", וואָס וועט קומען, ווי דער שטייגער איז אין אַזוינע פאַלן, נישטערן און אויספאָרשן אָט־אָ דעם פרעמדן „רוס", וועלכער איז אין „קאָמיסאַריאַט" איינגעמאָלדן אָן „פּאַפּירן" — אַ באַזוך, וואָס קאָן זיך ענדיקן מיט דער לעמבערגער מעשה. כ'האָב געוואַרט מיט ציטערניש.

אין איין פרימאָרגן — אַ קלונג אין טיר. כ'האָב געעפנט און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכער מאַן, אַ רויטער מיט בלאָע אויגן.

אָט־אָ דאָס איז ער!... האָב איך געטראַכט.

ער פרעגט:

— שאַפמאַן?

— יאָ.

— איך בין יעקב פיכמאַן.

15.7.60

פּאָעזיע אין דער פּראָזע

אינעם קאַפּיטל פון זיינע זכרונות איבער טשעכאָוו, דערציילט איוואַן בונין וועגן אַ נאַכט־שפּאַציר, וואָס ביידע האָבן געמאַכט, בעת וועלכן צווישן ביידע שרייבער איז פאָרגעקומען אַזאַ שמועס: טשעכאָוו האָט פּלוצ־לינג געזאָגט:

— ווייסט איר וויפל יאָרן מ'וועט מיך נאָך לייענען? — זיבן.

— פאַר וואָס זיבן?

— נו, זיבן און אַ האַלב.

— איר זייט אַ דיכטער, אַנטאָן פּאַוולאָוויטש — האָב איך געזאָגט.

— די זאַך, אין וועלכער ס'איז פאַראַן פּאָעזיע, לעבט אַ לאַנגע צייט און וואָס לענגער זי לעבט, אַלץ שטאַרקער ווערט זי. ווי גוטער וויין...

יאָ, די פּאָעזיע איז דער גרונט־עלעמענט און נאָר אין איר זכות באַשטייט די פּראָזע. נאָר זי, די פּאָעזיע, טיילט צו דער פּראָזע די איי־ביקייט. פון „מסעות בנימין השלישי", למשל, געדענק איך נישט מער ווי דעם קריי פונעם האָן: „וקורא קוקוריקו בזעף ובהתלהבות רבה כל כך, עד שכמה רגעים אחרי הקריאה היתה נשמעת בת־קול מתגלגלת ומתנהמת בגרונו"...

דאָס איז עס! כל־זמן די הענער וועלן אַרומגיין אויף דער ערד און זיי וועלן קרייען מיטן צוגאָב פון יענעם „בת־קול", וועט מענדעלע נישט שטאַרבן. פון דער אַנדערער זייט: אַ פּראָזע, וואָס איז אַבסאָלוט טרוקן, אַ פּראָזע שבפּראָזע, וואָס זי פאַרמאָגט אַלצדינג, נאָר נישט קיין פּאָעזיע, וועט אַוועק מיטן ווינט און האָט נישט קיין צוקונפט. אַ צוקונפט? אויך אַ קעגנוואַרט האָט זי נישט.

„צו אויפּאָטעמען אין אַן אַנדערער וועלט"...

...„ער האָט געוואָלט, כאָטשבי נאָר אויף איין רגע, אויפּאָטעמען אין אַן אַנדערער וועלט. — אַזוי האָט פאַרשטענדלעך־געמאַכט דער באַשאַפער פון „פאַרברעכן און שטראָף" ראַסקאָלניקאָווס מצב־רוח בשעת ער איז

געזעסן, געפאַנגען אינעם נעץ פון זיינע מחשבות־קלעמען פאַר דער שרעק־לעכער טאַט, אין יענער קנייפּע, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט מאַרמאַ־לאַדאָוון און אויסגעהערט זיין באַוווסטע דערציילונג.

אויפאַטעמען אין אַ פרעמדער וועלט — דאָס איז עס! נישט איין מאָל, ווען מיר זענען מיד פון זיך אַליין און פון אַלץ אַרום אונדז, איז דאָס אונדז אַ זעליש באַדערפעניש. פון דאַנען נעמט זיך אויך אונדזער דורשט נאָך שאַפונגען, וואָס זייערע שאַפערס, לויט דעם שורש פון זייער נשמה, זענען גאָר ווייט פון אונדז.

דעריבער, אַז ס׳קומט צו דיר אַ באַקאַנטער אָדער פריינד, פרעג אים נישט: וואָס הערט זיך ביי איך? וואָס מאַכן אייערע בני־בית? וכדומה. ער איז דאָך געקומען, כדי צו אויפאַטעמען אין אַ פרעמדער וועלט, אין דיין וועלט, און דו, צוליב פאַרשטענדעניש־מאַנגל, קערסט אים צוריק אין זיין וועלט אַריין — מיט געוואַלט.

18.11.60

בריוו פון שרייבערס

דער ווערט פון שרייבערס בריוו האָט נישט קיין שיעור, בפרט ווען זיי זענען געשריבן אָן אַ שום געדאַנק: טאָמער וועלן זיי אַ מאָל פאַר־עפנטלעכט ווערן.

וויפל צאַרטקייט, אַדל, האַרציקייט, און שכל, שטראָמען פון פלאָ־בערס בריוו! און אַ מאָל איז עס רירנדיק: „אין דער לעצטער צייט פיל איך, אַז מיין שרייב־קראַפט איז אָפּגעשוואַכט און דער גלויבן אין זיך ווערט אַלץ קלענער" אאַז"וו.

דאָסטאָיעווסקי אין אַ בריוו צו סטראַכאָוון: „אין דער פילאָזאָפיע בין איך שוואַך", כאָטש דווקא אין דער געדאַנקלעכער ספערע איז ער אַריבערגעשטיגן זיינע חברים, — און טאָלסטאָי פאַרקלענערט אין זיינע בריוו דעם ווערט פון „דער האַר און זיין קנעכט", אַ דערציילונג, וואָס

לויט מיין מיינונג האָט דער שאַפער אין איר דערגרייכט זיין הויכפּונקט. צו פאַרשידענע, גאָר וויכטיקע מחשבות ברענגען אונדז אָט די בריוו.

פאַרן רעקאָרד אין דער עפּיסטאָלאַרישער ליטעראַטור רעכן איך אָבער יענעם זאַץ אין אונדזער מענדעלעס אַ בריוו צו מרדכי ספּעקטאָר. דער לעצטער האָט געבעטן ביי מענדעלען אַ דערציילונג פאַר דעם פון אים רע־דאַגירטן זאַמלבוך. דאָ פאַרענטפערט זיך מענדעלע פאַר אים אין יידיש (דער בריוו איז געדרוקט אינעם זכרונות־בוך פונעם פאַרלעגער שרע־בערק) דערפאַר, וואָס ביז היינט האָט ער אים נישט געענטפערט, און ער ענדיקט זיך אַזוי:

„און צום סוף מוז איך זאָגן, אַז מיר איז נמאס ומאוס געוואָרן די גאַנצע שרייבעריי״.

20.10.60

קאַפקאַ

אין חלום בלא דברים בטלים.

אין קעגנזאַץ צו די מענטשן, וואָס זייער שלאָף ביי נאַכט איז געזונט, זיס, פריי פון חלומות, זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס חלומען אַזוי פיל, אַז זייער לעבן איז אַ טאָפּל־לעבן. „כי בא החלום ברוב ענין״. פראַנץ קאַפקאַ, דאַכט זיך, האָט נאָך אַריבערגעכאַפּט: זיין חלומות־וועלט האָט גובר געווען די פון דער וואָך. ער האָט זיי געדענקט, די חלומות, נאָכן דערוואַכן. און, ווי ער האָט זיי געדענקט! זיין שרייבן (אַ חוץ אַ געוויסן טייל פונעם „פּראָצעס״) זעט אויס ווי אַ געטרייע קאָפּיע פון זיינע חלומות, ווי ער וואָלט געשריבן ביי טאָג דאָס, וואָס ער האָט געחלומט ביי נאַכט. ער האָט נישט געזען, נישט פאַנטאַזירט, נייערט געחלומט, און מיר ווילן, פאַרמאַכנדיק דאָס בוך זיך אָפּטרייסלען פון דעם אלעמען, אַזוי ווי מיר טרייסלען זיך אָפּ אין דער פרי פון אונדזערע חלומות מיט אַלע זייערע דברים בטלים.

מאָפּאַסאַנס אַ גוזמא

מאָפּאַסאַן האָט בשעתו פאַרעפנטלעכט אַ מאמר איבער זיין רבין פלאָ־בער, ווו ער האָט צווישן אַנדערע שבחים געשריבן: „און תלמוד קען ער (פלאָבער) ווי אַ רבי ביי יידן". געריירט פון אָט דעם גאַנצן מאמר, האָט צו אים פלאָבער געשריבן: „איך דאַנק דיר פאַר דיין אַרטיקל, טייערער פריינד מיינער. מיין ברודערס טאָכטער איז באַגייסטערט פון דיין עסיי און זי געפינט, אַז דאָס איז די בעסטע זאַך, וואָס איז ווען ס'איז וועגן מיר געשריבן געוואָרן. נאָר דער צוגלייך תלמוד — דאָס איז שוין צופיל. אין תלמוד בין איך נישט אַזוי שטאַרק".

פון אַ־דעם מודה־זיין־זיך פלאָבערס איז קענטיק, אַז קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען. תוספת און מהרש"א האָט ער נישט פאַר־שטאַנען. אויף דעם דאָזיקן געביט איז מיין רבי, דער דובראָוונער ראש־ישיבה, געווען שטאַרקער פון אים.

23.12.60

„גזלנים זענט איר"

„אונדזער הויז איז געווען אומעטיק, טריב, ס'האָט געקאַרגט סיי מיט שפּייז און סיי מיט ליבע, אָבער די ליכט־גאַרבן פון אַנטפּלעקונגען פון דעם ספר הספרים האָבן אונדז תמיד געוואַרעמט" (ווייצמאַן וועגן זיך — פונעם בוך „גדעון יוצא למלחמה").

קענטיק, אַז דער תנ"ך איז אַריין אינעם בלוט פון אָט דעם אַדעליקן גיבור און ער האָט אין זיינע קאַמפן מיט די „כנופיות" זיך געפילט ווי אַ גלגול פון גדעונען, פון אהודן אַ"אַנד. ווען די הייניקע וועלט־הער־שערס וואָלטן פאַרמאָגט כאָטש אַ ביסל פון אָט דער ווייצמאַנישער דער־קענטעניש, — וואָלטן די זאַכן זיכער אויסגעזען גאַנץ אַנדערש. זיי וואָלטן באַשיימפּערלעך געקוקט אויף אונדזער רעכט אויף אונדזער לאַנד ווי אויף זייער באַזיץ־רעכט אויף זייערע אייגענע לענדער. וואָרום ס'איז ווי עמע־

צער זעצט זיך סתם אַוועק אויף אַ ליידיקער שטול און אַט קומט צוריק דער, וועלכער איז אויף אים פריער געזעסן, און זאָגט: „סליחה, דאָס איז מיין אָרט", — אַזוי איז עס. פשוט ביז גאָר. ס'איז קיין ספק נישט, אַז ס'זענען פאַראַן יחידי סגולה, און דווקא צווישן די אַראַבער, וואָס זיי האַלטן טאַקע אַזוי (כ'האָב געזען איינצלנע אַראַבער מיט ווונדערלעך גוטע און ערלעכע אויגן), און בכלל וואָס איז דאָס? האָבן מיר טאַקע נישט קיין שום חלק אינעם ערד־קיילעך?! — —

אָבער דער רוב, דער רוב, צי במזיד, צי בשוגג, לאָזט זיך נישט באַהערשן פונעם תנ"כישן געפיל און זיי ווידערשפּעניקן אַקעגן אַלץ. פיל העלפן דערצו די גויִישע היסטאָריקער, וועלכע סטאַרען זיך איינצושרומפּן און צו פאַרווישן ווי וויִט מעגלעך אונדזער אַמאָליקעווירקלעכקייט אין אָט־אָ דעם וועלט־ווינקל. די דערציילונגען פונעם תנ"ך זענען זיי ווי אַ דאָרן אין אויג און זיי שטעלן העכער עפּעס אַ פראַגמענט אין הער־ראָגליפן־שריפט אויף אַ צעבראָכענעם שאַרבן. וועגן די היקסאָסן צע־ברייטערן זיי זיך מיט חשק, אָבער די „עברים" שלינגען זיי אַראָפּ פאַר־בייגייענדיק ווי אַ שד וואָלט זיי געצווונגען.

יאָ, דאָ האָט זיך געפּלאָנטערט אַן עִברישער שבט מיט זיינע סטאַדעס און ער האָט אויך דערגרייכט צו מלכות, וועלכעס האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. „וויניקער ווי הונדערט יאָר" — האָבן זיי אויסגע־חשבונט. אָבער די מצרישע מלכה חטשפּסוט, זי איז עס פאַר זיי אַ גרוי־סער ענין, די מומיעס וואָלטן זיי ממש געוואָלט קושן.

די דאָזיקע פאַקטאָרן און אַנדערע, מער „מאַטעריאַליסטישע", האָבן זיך אין איינעם באַהאָפטן אַקעגן אונדז, בפירוש צי ברמז, אַרויפצוברענגען די פּוסטע און בייזוויליקע טענה, וועלכע מיר געדענקען פון רש"יס ערשטן פסוק צו בראשית: „לסטים אתם".

16.6.61

בן־ציון כ״ץ

פּאַר זיבן יאָר זענען מיר געווען אין איינעם אין זכרון־יעקב, אין „בית־דניאל״. נישט געקוקט אויף זיין עלטער, האָט ער בעת זיין שפּאַציר־גאַנג צום ים לייכט געשפּאַנט פון שטיין צו שטיין. מיט דער אייגענער לייכטקייט איז ער אויך אינעם פליי פון זיין שמועס געשפּרונגען פון ענין צו ענין, פון דער קעגנוואַרט צו דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער קעגנוואַרט. ער האָט דערציילט וועגן וואַזשנע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אין מיין יוגנט נישט ווייניק באַשעפטיקט מיין פאַנטאַזיע, וואָס כ׳האָב נאָר געהערט וועגן זיי און ער — האָט זיי געזען. וועגן אונדזערע פאַרשטייערס אין דער רוסישער „דומאַ״, וועגן ווינאַווערן, דעם ארי שבחבורה, וואָס מיליוקאָוו האָט וועגן אים גע־זאָגט, אַז ס׳איז נישט פאַראַן אַזאַ לויטערער מוח ווי זיינער. פיל, פיל האָט ער געדענקט, פּרטים און פּרטים פון פּרטים — „כבור סיד שאינו מאבד טיפה״.

און פון דאַנען צו דער וויטער פאַרגאַנגענהייט, דער תקופה פונעם בית־שני, אין וועלכער ער איז געווען אַ בקי. אַ גראָדער שכל, וואָס האָט נישט געקאָנט ליידן קיין פּלפּול. וועגן אַ ניי ספר, וועמענס מחבר איז צוגעגאַנגען צו אָט דער תקופה מיט געוואַגטע, שאַרפע סברות, האָט ער קורץ געפּסקנט: „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן״. און אים מעג מען גלויבן.

ביי זיין גאַנצער פאַרזונקענקייט אינעם פאַרצייטנס, איז אין אים אויף אַ רגע נישט אַנטשלאָפן געוואָרן דער זשורנאַליסט, דער ריכטיקער זשורנאַליסט, וועלכער איז וואַך פאַר אַלץ אַרום, פון נאָענט און וויט, דער מענטש מיט דער שטאַרקער אינטויציע.

אַ גלאַטיקער מענטש, דאַכט זיך פון סאַמער פּשטות, אָן „אָפּגרונטן״, און פון דעסטוועגן, אַז ער דערציילט אין זיינע „זכרונות״ וועגן זיין יאָר אַרעסט אין האַרקי, אַ שטעטל נעבן מיין שטעטל אָרשאַ (פאַר אָפּ־דרוק אין „הזמן״ דעם וויבאָרגער מאַניפעסט), זאָגט ער וועגן זיך: „דאָס

איז געווען דאָס בעסטע יאָר אין מיין גאַנצן לעבן". אַ זאָג וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ פּראַקטישן פילאָזאָף.

יאָ, פון איין זייט אַ מין סאָקראַטעס און פון דער אַנדערער זייט אַ געטרייער צו די טראַדיציעס פון זיינע אָבות. אַ מאָל, ביי אַ לוויה מיט אַ גרויסן קהל, האָב איך אים געזען שטיין מיטן רוקן צום טויער פונעם בית־עלמין.

— פאַר וואָס גייט איר נישט אַריין מיט אונדז אַלע? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך בין אַ כוהן... — האָט ער שטיל געענטפערט.

און אָט איז ער סוף־כל־סוף אויך אַריינגעגאַנגען.

21.7.61

פאַרשטאָפּטע אינספּיראַציע־קוואַלן

ס'זענען געווען צייטן, ווען דער ייִד־שרייבער, נאָך דעם ווי ער „האָט אויפגעשלאָגן זיך געצעלט" אין איינעם פון די ווינקלען אין אייראָפּע און איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער לאַנדשאַפט און פון דער באַפעלקערונג, האָט ער אין זיינע שאַפונגען דאָס אַלץ שטאַרק פּאָעטיזירט.

אויך אַז ער איז פון דאָרטן אַוועק, זענען יענע מקומות פאַר אים ווייטער געווען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע. אָבער איצט, נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, זענען פאַר אונדז ייִדן־שרייבערס יענע מקומות פאַרשטאָפּט געוואָרן, און דאָס, וואָס ס'איז פאַר אַ פרעמדן שרייבער מעגלעך, וועלן מיר שוין נישט קענען טאָן.

אין זיין אָריגינעלער דערציילונג „די מענטשלעכע קאָמעדיע" סטאַ־רעט זיך דער טאַלאַנטפולער אַרמעניש־אַמעריקאַנער שרייבער „וויליאַם סאַראָיאַן צו אַנטפּלעקן דאָס מענטשלעך־גוטע בעת דער מלחמה אין „היג־טערלאַנד", נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, וואָס ס'קומט פאַר אויף דעם פראָנט. ער ברענגט אונדז אַריין אין אַ קאַליפאָרניש שטעטל מיט דער גאַנצער אידילישקייט, ליבלעכקייט און גוטער „פילאָזאָפיע" זיינער.

— אַלע מענטשן זענען איין מענטש — זאָגט דער אַלטער טעלע־גראַפיסט צום יינגל, וועלכער צעטראָגט די טעלעגראַמעס — אַזוי ווי דו ביסט איינער אאַז״וו. דאָס גוטע באַשטייט אייביק, און דאָס שלעכטע פאַרשווינדט פריער אָדער שפּעטער.

אין דער דאָזיקער „פילאָזאָפישער״ אַטמאָספער געפינען זיך דאָ אויך די אַנדערע איינוווינער פונעם שטעטל. אַ קעגנזייטיקע אינטימיטעט און אַ העכערע פאַרשטענדעניש. איינער קומט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט צו באַרויבן אַ קאַסע, און דער פּאָסט־באַאַמטער גיט אים דאָס גאַנצע פאַראַנענע געלט, זאָגנדיק: „איך וואָלט דיר סיי ווי סיי גע־געבן דאָס געלט און נישט דערפאַר, ווייל דו שטעלסט אויף מיר אַן דעם רעוואָלווער. כ׳וואָלט דיר געגעבן דאָס געלט, ווייל דו דאַרפסט עס. דו ביסט נישט קיין פאַרברעכער. כ׳וועל נישט מעלדן וועגן דער גניבה, דאָס פעלנדיקע וועל איך באַצאָלן פון מיין קעשענע...״ אַ ווונדערלעכע ווירקלעכקייט. דער מחבר וואָלט געוואָלט, אַז אַזוי זאָל עס זיין. „די ליבע איז אומשטערבלעך, דער האַס שטאַרבט אין יעדער רגע״.

דאָס יינגל, וואָס צעטראָגט די טעלעגראַמעס, ברענגט אין די הייזער די נאַכריכט וועגן אַ געפאַלענעם זון, ביז אין איין טאָג האָט ער גע־דאַרפט ברענגען אַזאַ טעלעגראַמע אויך צו זיך אַהיים די ידיעה, אַז זיין ברודער איז געפאַלן. אָבער אין דער אַטמאָספער פון „ליבע״ פאַר־מילדערט זיך דער טרויער — און די „געפאַלענע״ זענען אין איר זוכה צו השארת הנפש.

צי וואָלט אַזאַ אידיליש שטעטל אין קאַליפאָרניע, אָדער נישט אין קאַליפאָרניע, אויך אונדז יידן־שרייבער נאָך איצט געקענט באַווירקן, אַז מיר זאָלן זינגען אים אַזאַ מין הימן? ניין! איצט — ניין! דער נישט־יידישער שרייבער קוקט אין די אויגן, אָבער מיר — אין האַרץ. געווי אַזוינע אידילישע ווינקלען האָבן מיר דאָך אַ מאָל געזען אין דייטשלאַנד אויך. מיר קענען נישט און טאָרן נישט מער מאָלן מיט אַ ליבשאַפט אַ פרעמדן ווינקל, ווו ער זאָל נישט זיין. אָבער צי מעג דאָס איצט טאָן אויך אַ נישט־יידישער שרייבער? — — —

10.9.61

דער מענטש איז גוט

דער אַלטער שטייערישער דיקטער פּאָול פּראַניוס איז אין זיינע לעצ־טע יאָרן פאַראַרעמט געוואָרן. זיינע פיל לירישע ביכער האָבן אויפגע־הערט פאַרקויפט צו ווערן. די וועלט איז אַוועק פונעם בוך. די יוגנט איז פאַרזונקען אין פוטבאָל, אין סקי־גליטש, קלעטערט אויף פעלדזן און צו פּאָעזיע קערט זי זיך נישט, ווענדט זיך נישט. דער דיכטער איז אַראָפּ!

נישט אומזיסט איז ער אַרויסגעטראָטן אין האַרבסט 1914 קעגן דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַרויסגעטראָטן מיטן מויל און מיט דער פּען, אַז ס'איז אַזש געווען נאָר אַ שפּאַן צווישן אים און דער תפיסה. זיין האַרץ האָט אים דעמאָלט נביאות געזאָגט, אַז זי וועט מיט זיך נישט ברענגען קיין גוטס. איצט זעט ער, אַז זיין געפיל האָט אים נישט אָפּגע־נאַרט. פון אונטער די חורבות איז אויפגעשטאַנען אַ נייע פרעמדע וועלט.

מיט זיינע בלאָלעך־גרויע לאָקן, זיינע אַלט־מאָדישע מלבושים, קראַגן און קראַוואַט — זעט ער אויס ווי אַן איבערבלייבעניש פון בעטהאָווענס און גרילפּאַרצערס צייט. אין דער פאַרשטאָט, ווו ער וווינט קען אים קליין און גרויס און פריער, ווען ער איז נאָך געווען פאַרמעגלעך, האָט מען אים געגריסט פון דער ווייטנס. איצט, נאָך זיין ירידה, אַז ער האָט גע־נומען זינקען אין חובות, גייט מען אים פאַרביי שווייגנדיק, ווי ער וואָלט נישט עקזיסטירט.

זיין פרוי איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק. אין אַמעריקע האָט ער אַ זון, זיין איינציקן אָנלען. אָבער וויפל פּטרט ער זיינע אויגן, אויסקוקנדיק אויף אַ געלט־בריוו פון אים! מיט האַרץ־קלאַפּעניש וואַרט ער יעדן פרימאָרגן אויפן בריוו־טרעגער, אָבער דער ברענגט אים דאָס מוראדיק־גראָע „פּאַפּיר" פונעם געריכט: איינער פון זיינע מאַנערס האָט אים פאַרקלאָגט. אויפן פּרצוף מיט דער עקלהאַפטער נאָז פונעם בריוו־טרעגער, זעט ער ווי אַ פאַרהאַלטענעם שמייכל, אַ מיאוסן שמייכל פון שאָדן־פרייד: נאַדיר פּאָסט!

אַט־אָ־די שאָדן־פרייד זעט ער אויף אַלע פּרצופים פון שכנים, וועל־כע ער באַגעגנט אויף זיין וועג. די פאַרשטאַט איז קליין, אָבער דער רעש איז דאָ גרויס. אַלץ ווייסן זיי, אַלץ. איצט וואַרטן זיי אוודאי מיט נייגיר אויפן טאָג, ווען ס׳וועט צו אים קומען דער „פענדער״ קראַי, דער בייכי־קער קראַי מיט זיינע ניקל־ברילן, די גאַנצע שטאָט שרעקט זיך פאַר־אים; ער איז אַ שרעקלעכער מענטש, אַ תליין! אַז ער קומט, פאַרנעמט ער וואָס ער געפינט. ער וועט נעמען דעם אַלטן וואַנט־זייגער, דעם אַנ־טיק, דעם ווינטער־מאַנטל, די קישנס און איבערבעטן!

יאָ, אויף דעם טאָג קוקן זיי אַלע אַרויס. איצט־אָ, איצט האָט ער דערקענט דעם מענטש, אַזוי ווי ר׳איז באַשאַפן. איצט ווייסט ער, וויפל שלעכטקייט ס׳שטעקט אין אים, וויפל גיפט! פריער האָט ער אים נישט געקענט, נישט געקענט. אין האַרבסט 1914 האָט ער איינגעשטעלט דאָס לעבן זיינס און פאַרעפנטלעכט לידער און אויפרופן קעגן דער מלחמה. איז דאָס כדאי געווען? מ׳האָט אויסגעמאָרדעט מיליאָנען מענטשן — איז וואָס? מנוולים זענען דערהרגעט געוואָרן! אַזוי קומט זיי. דער מענטש איז נישט ווערט קיין רחמנות, נישט ווערט.

אַ קלאַפּ אין טיר. זיין האַרץ גיט אַ צאַפּל: דער עקזעקוטאָר קראַי?!... אויפגעעפנט — און מיט זיינע פאַרפינצטערטע אויגן זעט ער פאַר זיך זייער אַ סימפּאַטישן יונגנמאַן (אַ לייענער פאַרערער?...) מיט אַ קליין לעדער־רענצעלע אין זיין האַנט. ער בלייבט שטיין אויף זיין אָרט, אויף יענער זייט שוועל, און וואַקלט זיך אַריינצוגיין.

— איר זענט דער הער פּראָניוס? — פרעגט דער פרעמדער.

— יאָ, איך בין עס.

— איך בעט אייך אויף אַ רגע אַרויסצוקומען — האָט יענער געבעטן מיט אַ שטיל קול.

דער דיכטער איז צו אים אַרויס, אין קאָרידאָר אַריין.

— איך בין צו אייך געשיקט פונעם געריכט און וויל נישט, זיך פלוצלינג אַריינרייסן אין שטוב אַריין, נישט מעלדנדיק פריער: טאָמער איז איצט גראָד עמעצער אַ פרעמדער ביי אייך.

— ניין, קיינער איז נישטאָ. כ׳בעט אַריינקומען. ווו איז דער הער קראַי?

— דער הער קראַי איז געשטאָרבן. איצט בין איך אויף זיין אָרט.
— דער הער קראַי איז געשטאָרבן ?!...
— יאָ, פאַרגאַנגענע וואָך איז ער געשטאָרבן. נאָך אַן אָפּעראַציע.
דער יונגער „פענדער" איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך געווענדעט אַהין און אַהער — יאָ געזען און נישט געזען. ר'איז צוגעטראָטן צום פענצטער.
— אַ שיינע אויסזיכט... — האָט ער באַמערקט — וויפל צאָלט איר פאַר דער דירה ?
— פופצן שילינג אַ חודש.
— פאַר אַזאַ „לאָך"! די בעלי־בתים זענען איצט ממש גזלנים.
ער האָט געמאַכט אַ שריט אַהין און אַהער און געבעטן:
— כ'בעט מיר צו עפענען די קליידער־שאַפע.
מיט ציטערנדיקע הענט האָט דער דיכטער געפאָלגט. יענער האָט אַריינגעקוקט אין דער אָפענער שאַפע און געזאָגט:
— איר קענט שוין פאַרמאַכן. איך געפין גאָרנישט.
ער האָט פאַרשריבן אין זיין בוך, וואָס ער האָט דאָרט פאַרשריבן, און זיך זייער פריינדלעך פאַרנייגנדיק — איז ער אַרויס.
— אַ גליקלעכער האָט דער דיכטער אָפּגעאָטעמט און איז צוריקגעקומען צו זיך.
דער מענטש איז גוט !...

גראַץ, 1920

די צוויי זקנים

די קאָמענדאַנטן פון די דייטשע דיוויזיעס זענען געקומען צעטומלטע צום העכסטן קאָמענדאַנט גודעריאַן, ווי נבוכדנצר אין זיין צייט, ווען ער האָט דערזען אינעם פייער־אויוון דעם פערטן, און האָבן דערציילט, אַז ביי זייער ריקצוג אין רוסלאַנד איבער יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, האָבן זיי געזען אויפשטיין דעם אַלטן פון זיין קבר און ווי ער שטייט און גייט, אין זיין רו־

באַשקע מיטן גאַרטל און אין זיינע שטיוול, איז ער אַריין אין דער ערש־טער ריי פון די אַרמייען פון זיין לאַנד און מאַרשירט מיט זיי אין קריג — און אַצינד ווער וועט זיך זיי קענען אַנטקעגנשטעלן?

דער אויבער־קאָמענדאַנט האָט זיך אויף אַ רגע פאַרטראַכט און באַרויִקט:

— סע שאַדט נישט. זאָלן זיי נאָר אַריינדרינגען קיין מזרח־פּרייסן און דערנענטערן זיך צו די טויערן פון דער הויפּטשטאָט — דאַן וועט אים אַנטקעגנקומען דער אַלטער פון קעניגסבערג, אונדזער אַלטער, און זיך מיט אים פאַרמעסטן. אונדזער אַלטער איז שטאַרקער פון זייער אַלטן „באַל־שעוויק" און וועט אים גובר זיין.

און פאַרוואָר, ווי די רוסן האָבן זיך נאָר דערנענטערט צו די פאָר־שטעט פון קעניגסבערג, איז אויפגעשטאַנען פון זיין קבר זייער גרויסער זון, דער אַכציק־יעריקער זקן, אינעם קאַפּל און דעם אָפּגעריבענעם און צעקנייטשן „סורטוק", ווי ער וואָלט איצטער־אָ אַראָפּגענידערט פון דער קאַטעדרע — און ער איז געמיטלעך אַקעגנגעטראָטן דעם צוויי־און־אַכציק־יאָריקן זקן פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, וועלכער האָט אויף אים געקוקט מיט נישט קיין גוטן שמייכל ווי ער וואָלט אים שוין פון לאַנג געקענט.

— איך קען אייך נישט... — איז דער זקן פון קעניגסבערג געווען פאַרווירט.

— איר קאָנט מיך נישט קענען — האָט דער זקן פון יאַסנאַיאַ פּאָ־ליאַנאַ געענטפערט — ווייל ווען איך בין געבוירן געוואָרן, זענט איר שוין פיר־און־צוואַנציק יאָר געלעגן אין קבר. אָבער איך קען אייך. מער ווי גענוג קען איך אייך. איר זענט געווען פאַרכאַפּט פון צוויי: פון די שטערן איבער אייך און פונעם מאָראַלישן געזעץ אין אייך, — און איך פון דריי: פון די שטערן איבער מיר און פונעם מאָראַלישן געזעץ אין מיר און פון... אייך. נאָך מער: אָט דאָס מאָראַלישע געזעץ, וואָס איר האָט אַנטדעקט, איז דער גרונטשטיין פון מיין תורה. אַצינד קוקט־זשע און זעט, וואָס די קינדער פון אייער פאָלק, אייער בלוט און פלייש, האָבן אָפּגעטאָן דעם געזעץ אייערן. איר האָט געזאָגט: געזעץ. ווי דאָס

געזעץ פון דער נאַטור, ווי דאָס געזעץ פון די סטיכיעס. ווו איז דאָס געזעץ, עמנואל ? ! *)

זייער פּאָרטראַכט האָט דער זקן פון קעניגסבערג געקוקט דעם זקן פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ אין פּנים אַריין, געלאָזט אים פאַריבערגיין — און ער האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין קבר אַריין.

פון זיין פּאָזיציע, פון דער ווייטנס, האָט דער אויבער־קאָמענדאַנט גודעריאַן געקוקט דורך זיין פעלד־גלאָז, אָבסערווירט מיט ציטער דאָס דאָזיקע באַגעגעניש און זעענדיק דעם סוף האָט ער פאַרצווייפלט אויסגערופן:

— איצט זענען מיר פאַרלוירן!

7.2.64

זיי זענען אויך געווען יידן

ס'דאַכט זיך — וואָס קערן מיר זיך אָן מיט טאָלסטאָיען און דאָסטאָיעווסקין? פאַר וואָס האָט עס אונדז יונגערהייט אַזוי צו זיי געצויגן? סוף־סוף — אַ פרעמד פאָלק, אַ פרעמדע ראַסע. דער תירוץ איז: לויטן שורש פון זייער נשמה, לויט זייער גאַנצן מהות, זענען זיי אויך געווען יידן. קוקט זיך נאָר איין אין זייערע פּנימער — ראשי־ישיבות אָן יאַרמלקעס.

קופּרין דערציילט אויסדריקלעך אין זיינע זכרונות, אַז טאָלסטאָי האָט אין פּנים אויסגעזען ווי אַ ייד פון דרום־רוסלאַנד. אויף דאָסטאָיעווסקין האָט טאָלסטאָי געזאָגט — אַזוי גיט גאָרקי איבער, — אַז עס איז אין אים דאָ עפּעס יידישעס. אין דאָסטאָיעווסקיס ביאָגראַפיע האָב איך געפונען אָט אַ דעם עפּיזאָד: איין מאָל האָט זיך צו אים אין גאַס צוגעטשעפּעט אַ כוליגאַן, געשלאָגן אים אויפן קאָפּ און אומגעוואָרפן אים אויף דר'ערד. אַ פּאָליציאַנט האָט דאָס געזען און איבערגעגעבן דעם

---

*) געמיינט דעם דייטשן פילאָזאָף עמנואל קאַנט.

כוליגאַן אין געריכט, ווו מ׳האָט אים באַשטראָפט מיט פופצן רובל. דאָס־טאָיעווסקי האָט געאײלט צו זיין שלעגער און אים דערלאַנגט אָט דעם סכום. איז אין דעם נישט פאַראַן עפּעס „יידישקייט״?

און טשעכאָוו? אַ חוץ דער לונגען־קראַנקייט האָט ער כל ימיו אויך געליטן פון העמאָראָידן. יינגלווייז האָט אים זיין שטרענגער פרומער פאָטער געצוווּנגען צו גיין אין קלויסטער אַריין און מיטזאָגן מיטן גלח און אויך צו העלפן אין זייער שפּייז־קראָם ביים פאַרקויפן ליכט, הערינג אאַז״וו. ער איז אויך אָפּט געשמיסן געוואָרן דורך זיין טאַטן, ווי אַ מאָל אַ יידיש יינגל אין תחום־המושב.

דער אייגענער קופּרין דערציילט אויך, אַז טשעכאָוו האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּראָווינציאַנעלן גימנאַזיע־לערער, אַ מלמד הייסט עס. מיט איין וואָרט: זיי זענען אויך געווען יידן.

די באָבע און דאָס אייניקל

אין זיין סקיצע „מ׳פּירט מיך שיסן״ (אין איינעם פון די „היימיש״־העפטן) דערציילט דער מאָלער א. באַגען ווי אַזוי, זייענדיק אין אַ רוסישער פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג ערגעץ־ווו אין די וועלדער, איז ער דורכן קאָמענדאַנט פון דער אָפּטיילונג פאַר עפּעס אַן עבירה פאַרמשפט געוואָרן צום טויט און אין דער לעצטער רגע באַגנעדיקט געוואָרן. תחילת האָט ער נישט פאַרשטאַנען אין אַ וואָסער זכות, ביז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ מאָל האָט אים יענער קאָמענדאַנט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ יידישע באָבע. אַזוי אַרום איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז צוליב זיין האַלב־יידיש אייניקל וועט כרושטשאָוו סוף־כל־סוף זיך ענדערן פאַר אונדז צום גוטן. אפשר?

10.7.64

מענדעלע, געשילדערט פון י. ד. בערקאָוויטש

אין מיין גאַנצן לעבן האָב איך עס באַדויערט, וואָס איך האָב נישט זוכה געווען צו זען מענדעלען און ערשט נאָכן איבערלייענען די הערלעכע קאַפּיטלען וועגן אים אין „הראשונים כבני אדם" (איינס פון די חשובסטע ספרים, וועלכע זענען אַזוי־וויניק ביי אונדז אין די לעצטע צען יאָר געוואָרן פאַרעפנטלעכט), בין איך אַ ביסל געוואָרן באַפרידיקט.

אָט זע איך אים זיצן ביים שרייב־טיש, אַ באַהערשטער פון שאַפונגס־ווייען: „עפּעס פעלט מיר דאָ"... און אָט קוועלט ער אָן בשעתן שפּאַציר פון דער שיינקייט פון דער שווייצאַרישער לאַנדשאַפט און זאָגט: „די שווייץ איז שיין אָבער איין חסרון האָט זי — די בערג"... אָט איז ער נישט צופרידן מיטן „מגילת האש" (זאָלן זיך דאָס די עסייִסטן נעמען צום האַרצן!), בעט אים דערנאָך איבער די „הברכה", „ואתא מיא וככא לנורא" — האָט ער וועגן דעם געזאָגט צו בן־עמין.

אין זיינע שאַרפע רייד און משלים האָט ער אַליין באַרירט דעם דאָ־זיקן „שוואַכן" פונקט, וואָס צוליב אים געפינען זיך היינט צו טאָג מקטריגים אַנטקעגן אים. דאָס איז געווען בעת זיין קעגנערשאַפט צו „משא נמירוב". „איך בין אויך נישט פון די זיסע שרייבערס, וואָס זייערע לעפצן טריפן נאָר האָניק אויפן פאָלק, איך בין אויך גורס דעם פּסוק: חושך שבטו שונא עמו... אָבער ווען זענען די רייד געזאָגט געוואָרן?" אאַז"ו. א"וו.

איך זע אים פון פאַרשידענע זייטן און פונקטן. אָט איז ער אָנגעלענט מיט דער פּלייצע צו דער שטול־וואַנט, שטעלט אַ ביסל אויף זיין קאָפּ אין דער הויך און באַטראַכט זיין פּאַרטנער מיט איין דרייסט אויג, ווי פּרוּוונדיק אים, צי איז ער ראוי צו הערן די דאָזיקע ווערטער".

ווי כדי אַריינצופלאַנצן אין גאַנצן אין אונדזער האַרץ דעם פּאָרטרעט פון אונדזער פּרעכטיקן זיידן, ברענגט בערקאָוויטש די ווערטער פון בן־עמי דעם „מענטש פון צאָרן און ליבע". ווערטער וואָס רירן דאָס האַרץ און שטעקן אונדז אָן מיט בענקשאַפט און אַ טוליען זיך:

„...איך געדענק אים ווי אַ לעבעדיקן — און וויסטו ווי אַזוי ? ווי איך וואָלט אים דאָ געזען פאַר די אויגן !... איי, ר׳ מענדעלע, ר׳ מענדעלע, אין גן־עדן זאָל ער רוען ! ער לעבט דאָך, לעבט נאָך !... אָט זיצט ער מיט מיר און איך הער אים רעדן... ווער האָט אויסגעטראַכט דעם שקר, אַז ר׳ מענ־דעלע איז טויט ? ס׳איז אַ ליגן — ער לעבט !... ער לעבט אין דער ליטע־ראַטור, לעבט אומעטום, אין אַ יעדן ווינקל, וווּ דו קערסט זיך !... וואָלטן דען די תל־אביבער פישטשאַלקעס געוווּסט וואָס אַ לעבעדיק עברית איז, ווען ר׳ מענדעלע וואָלט זיך נישט געמיט פאַר זיי ? זיי האָבן דאָך אַלע ביי אים געלקחנט : שלום עליכם, ביאַליק, אַפילו איך... און ווער נישט ? אַפילו אָט דאָס קליינוואַרג וואָס צוויטשערט אָט דאָ... און דו, בערקאָ־וויטש, גנב איינער, האָסט אפשר נישט ביי אים שטילערהייט געגנבעט און אַריינגעלייגט אין דיינע איבערזעצונגען פון שלום עליכמען ?... זיי זיך מודה !״...

מען דאַרף מקנא זיין בערקאָוויטשן וואָס ער האָט זוכה געווען צו שטיין אין מענדעלעס מחיצה און מיט אים צו רעדן פנים אל פנים, אָבער אויך מענדעלע פאַרדינט קנאה, וואָס ער האָט זוכה געווען געשילדערט צו ווערן פון אַזאַ צאַרטן פאָרטרעטן־קינסטלער ווי י. ד. בערקאָוויטש.

23.7.65

קאָראָלענקאָ

די ערשטע צייטן האָט ער זייער באַשעפטיקט מיין פאַנטאַזיע. אַ באַזונ־דערע צאַרטקייט, אַ נישט־רוסישע (זיין מוטער איז געווען אַ פּאָליאַטשקע), האָט זיך געפילט אין זיינע דערציילונגען : „דער בלינדער מוזיקאַנט״, „דער וואַלד רוישט״, „ביינאַכט״, „מאַקאַרס חלום״ און נאָך. אַ דינער הומאָר און אויך אַ באַציונג אָן שנאה צו דער יידישער גאַס, וועלכער ער האָט געווידמעט עטלעכע נאָוועלן. קיין גרויסער „למדן״ איז ער אייגנטלעך נישט געווען. „באַלעגולע״, למשל, האָט ער אָנגערופן נישט דעם בעל־העגלה, נאָר דעם וואָגן אַליין, און די יידן זעט מען ביי אים אין יום־כיפּור אין תפילין ; אָבער אַלץ איז מיט חן און אַ גוטן שמייכל.

אויך זיין פּאָרטרעט האָט דעראָבערט מיין אַכטונג. די לאַצן פון זיין מאַנטל זענען אויפגעשטעלט אַרויף, ווי ביי איינעם וואָס זיין העמד איז נישט בסדר און ער וויל עס אויף אַזאַ אופן פאַרדעקן, בעת עמעצער אי־בערראַשט אים מיט אַ באַזוך. פּשטות און האַרציקע היימישקייט.

באַזונדערס פּאָפּולער איז ער געווען דורך דעם באַוווסטן אַרטיקל „אָגאָנקי" (פייערלעך), וואָס ער האָט בשעתו געגעבן דער רוסיש־יידישער ליטעראַרישער זאַמלונג, וועלכע איז אַרויסגעקומען לטובת די פּאָגראָם־געליטענע. דאָס דאָזיקע „געדיכט אין פּראָזע" האָט זייער געפּאַסט צו די שטימונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אינעם צאַריסטישן רוסלאַנד. דאָ שילדערט ער זיין שיפן זיך ביי נאַכט אין שיפל איבער אַ סיבירישן טייך, „אַ שוואַרצן ווי טינט" — „און פלוצלינג פינקלט, פון הינטער די פינצטערע בערג צו אונדז אַריבער אַ ליכט". דאָס האָט דערפריייט זיין האַרץ, אָנזאָגנדיק אַן אָרט, ווו צו נעכטיקן. דאָס אָרט האָט זיך נאָר אויס־געוויזן נאָענט, אָבער אויף אַן אמת איז עס נאָך געווען גאָר ווייט. און ער ענדיקט: „און פאָרט... פאָרט זענען פאַר אונדז — ליכטער!"...

אַזוי האָט ער געזען די צוקונפט פונעם מענטשלעכן מין. אָבער פון וואַנען ווייסטו, וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש, אַז הינטער דעם פייערל געפינט זיך אַ הויז פון גוטע מענטשן און נישט קיין נעסט פון רוצחים?... ווער ווייסט?

לויט ער האָט באַוויזן אין ביילִיס־פּראָצעס איז ער געווען אונדזער פריינד און אין זיין געבורטס־שטאָט פּאָלטאַווע האָט ער זיך געחברט מיט אלכסנדר־זיסקינד ראַבינאָוויטשן. בעת מיינעם אַ באַזוך ביי דעם לעצטן אין תל־אביב, ווען ער איז שוין געווען נאָענט צו ניינציק און אַ סגי־נהור, אָבער ער האָט נאָך פאַרמאָגט הומאָר, האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערציילן וועגן קאָראָלענקאָן. צווישן אַנדערן האָב איך געפאָרשט:

— ער איז אַ פּנים געווען אַ געזונטער מאַן, אַ שטאַרקער רוס?

— איך האָב זיך מיט אים נישט געבאָרעט — האָט אז"ר געענטפערט.

29.4.66

שאול טשערניכאָווסקי

(אַכצן יאָר נאָך זיין טויט)

סיי אַלס מענטש און סיי אַלס דיכטער האָט ער נישט גורס געווען דעם טויט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין גאַנצער „ראָמאַנטיק". מוחל „טובות!" מיט אַ מין פאַראַכטונג האָט ער זיך תמיד צו אים באַצויגן און אים איבערהויפּט נישט באַמערקט, אַפילו הערנדיק זיינע טריט, און אויף גיך, מיט ווידערווילן, דאָס איז ביי מיר זיכער, האָט ער אָנגעשריבן זיין צוואה, ווי געצווונגען פונעם נישט־גוטן, זי פאַרשטעקט ערגעץ־ווו און איז תיכף ומיד אַריבער צום שרייבן די „כוכבי שמים רחוקים" — ווייט פון די ערד־טיפּעונישן.

יאָ, ביז דער לעצטער רגע איז ער זיך געבליבן געטריי, האָט נישט געמאַכט קיין חנדלעך צום פינצטערניש־מלכות וואָס האָט אויף אים גע־לויערט נישט ווי יענע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע בוקן זיך פאַרן פיינט, חנפענען אים און פאַלן אַריין אין פאַרראַט, נייערט ווי אַ שטאָלצער און גראָדער געפאַנגענער, וואָס פאַרלירט נישט דעם מוט און באַציט זיך צו זיין פאַנגער מיט פאַרעקשנטן ביטול, מיט אָפענער שנאה.

דער שטאָלצער געפאַנגענער.

*

ס'עכאָט נאָך אין מיינע אויערן דאָס אויסגעשריי פונעם תורנית־מיידל אינעם חדר האוכל פון „מצפה הים", צוגרייטנדיק די טישן צום מיטאָג־עסן אין חול־המועד סוכות, פאַר 18 יאָר — ביי דער ידיעה פון ראַדיאָ וועגן זיין טויט. צו אַזאַ געשריי איז נישט יעדער דיכטער זוכה.

„לו לצעיר מעל קברי פרחים ילקטו לזר".... נאָר נעכטן, דאַכט זיך, האָבן מיר דאָס צום ערשטן מאָל געלייענט. פון אַ שפע פון יוגנט און יוגנט־קראַפט האָט ער דאַן געזונגען „על קברי", נאָך נישט גלויבנדיק אַפילו אין דעם. אָט שטייען מיר ממש ביי זיין קבר! און די פיל פרישע בלומען ווו זענען? פון דעסטוועגן וויפל קראַפט און מאַכט טיילט דער דיכטער אויס אויך דאָ. דאָ אויך!

אין זיין לעצטן יאָר האָט ער אויסגעמיטן באַגעגענישן. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיין קראַנקייט האָט אים מיאוס געמאַכט, און ער האָט נישט געוווסט, אַז דווקא זי האָט אים געמאַכט פּולקאָמער, צוגע־בנדיק אים, צו אַלע פריערדיקע גאָטס מתנות, נאָך די מאַיעסטעטע פון ליידן. ער אַליין האָט טאַקע דאָס נישט גורס געווען, אָפּגעלייקנט עס, אָבער אָן דעם, אָן די ליידן פון זיין סוף, וואָלט ער נישט אַריינגעבליקט אין די געביטן, וועלכע זענען אים פריער געווען פרעמד, און ער וואָלט אפשר אויך נישט אויסגעזונגען זיין לעצט ליד, דאָס ליד פון די שטערן, וואָס דער אָפּשייד פון זיי איז אים אוודאי געווען שווערער פון אַלץ.

און אָט זענען שוין אַכצן יאָר, אַז ער זעט זיי נישט מער, אָבער זיי, די שטערן, קוקן צו זיין מצבה מיט ליבשאַפט און געדענקען מיט שטאָלץ דאָס אַלץ, וואָס ער האָט צו זיי געזאָגט איידער ער איז אַוועק.

20.10.66

דעם דיכטערס מוטער

מיט אַ באַזונדערער נייגעריקייט לייענט זי, די שיינע, צאַרטע פער־ציקיעריקע, איר יונגן זונס לידער, ווייל דורך אָט דעם לייענען דרינגט זי פיל אַריין אין דער אינטימער וועלט פונעם געליבטן יינגל.

און אָט היינט מאַכט איר זיין ניי ליד שווער דאָס האַרץ. פאַר אַן אָנאָנימען „דו" פּיעשטשעט ער זיך אינעם מעלאַנכאָלישן ליד און בעט ביי איר „אַ גוט וואָרט, אַ היילנדיקס". ערשט נאָר וואָס האָט ער פאַרלאָזן די שול־באַנק און שוין קען אַ פרעמדע פרוי אים ראַטעווען, און נישט די מאַמע.

מיט גרויס באַרעמהאַרציקייט, געמישט מיט איפערזוכט, גייט זי אים אַקעגן, ווען ער קומט צוריק פון דער גאַס, און כדי זיך צו פעדערן פאַר דער „ריוואַלין", איילט זי זיך און זאָגט אים עפּעס, וואָס ס'איז נישט פאַראַן נאָך אַזאַ היילונג פאַר דער נשמה פון אַ דיכטער, און מעגן זיינע געהיימע

ליידן זיין ווי זיי זאָלן נישט זיין, — יענעם מאַגישן זאָג, וואָס קיין שום אַנדער „גוט וואָרט" קען מיט אים נישט קאָנקורירן:
— דאָס איז וווּנדערלעך!

13.12.51

דערהויבענע רגע׳ס

ס׳איז אַ רחמנות אויף אַ מענטש, וואָס גייט ביי נאַכט אַרויף אויף זיין בעט מיט אַן עגמת־נפש.

דאַכט זיך, איצט וועט ער רוען און זיין פיין וועט אים אַ ביסל אָפּ־לאָזן, אָבער ס׳איז פאַרקערט. דווקא אויף זיין געלעגער, אין דער סאָמער נאַכט, הייבט אָן די זאַך, וועלכע באַדריקט אים, ווילדעווען, נעמט אָן דער־שרעקנדיקע מאָסן, באַהערשט איר קרבן מיט דער גאַנצער אכזריות אי־רער — און ליגנדיק איז דאַך שווער צו פאַרטיידיקן זיך... אַ פאַרענ־דיקטער צונויפבברוך. ער דערפילט שוין דאָס האַרץ זיינס ווי אַ ריכ־טיקער האַרץ־קראַנקער; איצט האָט ער שוין פאַרגעסן די ערשטע אור־זאַך און ער ציטערט פאַר זיין געזונט. אַ צעבראָכענער דרייט ער זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער — און ס׳איז נישטאָ קיין רעטער.

אין דער פרי — אַן ערד־ציטערניש; אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע איז זי, דאָס מאָל, ממש אַ דערוואַרטעטע. די שטאַרקע, צאָרנדיקע, פון אַ טעמפּן דונער באַגלייטע דערשיטערונגען, ווי אָנגענעם זיי זענען עס — אַ מחיה. אַלע נעכטיקע דעפּרעסיעס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן צו־נישט, — אָט איז ער, דער געגאַרטעטער סוף! אָבער די דאָזיקע רגע׳ס האָבן נישט לאַנג אָנגעהאַלטן און אַלץ האָט זיך באַרויִקט — ווידער ווי געווען.

וואָרום אַזוי פירט זיך די וועלט: דערהויבענע, באַפרייענדיקע רגע׳ס הערן גיך אויף.

13.12.51

דאָס איייקל

נאָך זיין דורכפאַל אינעם געראַנגל וועגן דער פרוי (אים האָט זיך פאַרט געדוכט, אַז פאַרבאַרגענערהייט האָט זי אים ליב) האָט ער ווי קאָנסערווירט זיין לעבן און געהאָפט... ער האָט זיך געטראַכט: עס וועלן זיך נענטערן די טרויער־טעג נאָך איר מאַן — און דאַן...

עס איז נישט קיין ווונדער, וואָס די עלטער האָט אים גאָרנישט בייגעקומען, כאָטש ער איז שוין געשטאַנען אויפן שוועל פונעם זעקסטן צענדלינג, וואָרום ער האָט נישט געלעבט, נייערט געוואַרט. אָבער יענץ פאָר־פאָלק האָט דערווייל געלעבט, געלעבט זיין לעבן מיט דער פולער פאָרע. זיי האָבן צוגעשטעלט אַ סך קינדער, קינדער און קינדס־קינדער, און אין איינעם געשלעפּט דעם שווערן עול. דער מאַן, ווייל ער האָט געלעבט, האָט ער זיך געעלטערט אויכעט — און איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

דער פאָרזעסענער האָט נישט געאיילט זיך, נאָר האָט באַשלאָסן צו וואַרטן אַ ביסל, ביז אירע טרויער־טעג וועלן זיך ענדיקן און זי וועט זיך באַרויִקן. דערנאָך איז ער אַרויס פון זיין „קאָנורע" אין וועלכער ער האָט זיך באַהאַלטן און געלויערט שוין אַ דרייסיק יאָר, און זיך געלאָזט גיין צו דער אלמנה.

די פרוי האָט אים העפלעך אויפגענומען; זי האָט אים געבעטן זיצן. ער איז געזעסן און באַלד אויפגעשטאַנען און האָט געענדערט זיין פּלאַץ אין דער פאַרקערטער זייט, ווייל אין דער הויך אויף דער וואַנט אַקעגן איבער איז געהאַנגען אַ גרויס בילד פונעם פאַרשטאָרבענעם. אָבער אויך דאָ, אויפן פרישן פּלאַץ, האָט צו אים געקוקט אַן אַנדערע פאָטאָגראַפיע פון זיין ריוואַל. אַזוי איז ער געזעסן צווישן ביידע בילדער, פון פאָרנט און פון הינטן, האָט געצופּט און געגעסן פון די שטענגלעך טרויבן און געקוקט דער געליבטער פרוי אין פּנים אַריין וואָס נאָר אין די אויגן אירע האָט נאָך געצאַנקט עפּעס אַן איבערבלייבעניש פון דער אַמאָליקער שיינקייט. איר שטערן און די באַקן זענען שוין נישט געווען אַזוי גלאַטיק

און פריש ווי דעמאָלט, נאָר צעאָקערט מיט קנייטשן און שפּאַלטן און שפּעלטעלעך, געגליכן צו מוזיק־פּלאַטן, פּלאַטן, וואָס די סימפאָניע פון אַ גאַנץ לעבן, מיט אַלע זיינעליידן און דערשיטערונגען, איז אין זיי אַריינגעקריצט...

זי האָט געריעדט וועגן אים, ירוחמען (דעם טויטנס נאָמען) און נאָר וועגן אים; וועגן זיין קראַנקייט האָט זי גערעדט, וועגן זיינע לעצטע טעג און נעכט און אויך וועגן דער מצבה, וואָס זי וויל בקרוב אויפשטעלן אויף זיין קבר.

ער האָט געפּרוווט איבערפירן דעם שמועס אויף אַנדערע שינעס און עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. ער האָט איר דערמאָנט עטלעכע אינטימע מאָמענטן פון יענע אַמאָליקע טעג.

— צי געדענקסטו ?...

— ניין. ווער קען דאָס געדענקען זאַכן פון פאַריבער דרייסיק יאָר ?!

דערווייל האָט מען אַנגעקלונגען אין דער טיר און עס איז אַריינגעקומען אַ יונגע, שוואַנגערע פרוי.

— דאָס איז מיין שנור, דעם ייִנגערן זונס פרוי...

עס איז נישט אַריבער אַ ווײַלע און אַן אַנדערע פרוי איז אַריינגעקומען; אַ גרינע, מאָגערע און גיפּטיקע, און אַ יינגל פון אַ זעקס יאָר האָט זיך אין איר אָנגעהאַלטן, אַ בלאָס יינגל פול מיט זומער־שפּרענקעלעך.

— מיין צווייטע שנור איז דאָס, מיין עלטערן זונס ווייב. און דאָס איז מיין אייניקל, ירוחמס ליבלינג. ער איז נאָך אים ממש אויסגעגאַנגען. דו זעסט ווי ענלעך ער איז טאָקע צו אים אין פּנים. יוסי, קום נאָר אַהער!

זי האָט אַרויפגעזעצט יוסין אויף אירע קניען און אים אָפּגעקושט מיט אַן אַ שיעור קושן. דערביי האָט דער קליינער „צברע" צום גאַסט אַרויסגעשאָסן אַ שנאה־בליק און באַפוילן:

— שילך מפּה!

— מה לך, יוסי? אסור!

— מותר!

און דער איינזאַמער גאַסט האָט זיך דאָ שוין נישט לאַנג אויפגעהאַלטן.

האַלטן, ער האָט זיך אויסגעניכטערט און אין פאַרלויף פון עטלעכע רגע׳ס איז ער אויכעט אַלט געוואָרן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אַ געהיימער, פאַרעקשנטער, פיל־יאָריקער „ראָמאַן״.

7.11.58

וַיִּרְאוּ בְנֵי הָאֱלֹהִים אֶת בְּנוֹת הָאָדָם, כִּי טֹבֹת הֵנָּה וַיִּקְחוּ לָהֶם נָשִׁים, כֹּל אִשָּׁה בָּחָרֶן.

(ביאליק)

אַ בראשית־מיידל

אין די עפּנטלעכע טענץ פון אָט דעם ניינצן־יאָריקן מיידל, אין די דאָזיקע פאַנטאַסטישע סווישעטן און זייער אויספירונג און אויך אין דער פילפאַרביקער, ווונדערלעכער קליידונג, וועלכע זי פאַרענדערט ביי יעדן „אַרויסטריט״, — אין דעם אַלעמען איז קענטיק דער ציל — צו קומען אין באַריר מיט אַנדערע, ווייטע וועלטן. די אַלע שוועב־ דריי־און פאַל־קונצן, און אָט דאָס אויסשטרעקן די אָרעמס מיט עקסטאַז אַקעגן עמעצן אַן אומזיכטבאַרן — וואָס איז דאָס, אויב נישט אַ גיגאַנטיש גאַרן צו עפּעס, וואָס איז נישטאָ?

וואָרום, מיט אָט דער גראָער וועלט אונדזערער איז זי, דאַכט זיך, נישט צופרידן. זעט ווי אַזוי זי רעאַגירט אויפן בייפאַל פונעם פּובליקום. מיט אַ פליכטיקן, קילן פאַרבויג, אַן אַ שמייכל, ווי אַ שד וואָלט זי געגייט. זי איז ווייט פון אונדז, ווייט.

זי איז ברוין און געטאָקט. אַ גריכישע נאָז, דינע ליפּן, רייכע, פרישע, פּרעכטיקע האָר — און דאָס איז איר שטאָלץ. איר גאווה גרענעצט זיך מיט רשעות. נאָר איך מאָל האָט זי געטאָן אַ חסד צו אירע צושויערס און אויפגעבליצט, אינעם ווירבל, דעם נאַקעט פון אירע שענקלען — און געננג. ווי פון חרטה אויף אָט דער פאַרשוועכונג, איז זי דערנאָך

אַרויסגעגאַנגען אין מאַנטל, שאַליק און הויזן, אַ פאַרדעק איבער אַ פאַר־דעק — איז אין דעם נישט עפּעס רשעות ?

פון תמיד אָן איז זי געווען אַ שווייגנדיק, פאַרשלאָסן און רעזערווירט מיידל. „ריר־מיך־נישט־אָן". ס'איז מיר אַ מאָל אויסגעקומען צו זען, ווי די מוטער אירע האָט געוואָלט פון הינטן אַרום אַ ביסל אויסגלייכן די פאַלדן פון איר קלייד. מיט אַ וואָסער ווידערווילן האָט זי רעאַגירט אויף דעם דאָ־זיקן באַריר !

אירע פאַרערער האָבן גרויסע צרות און ס'איז כמעט זיכער, אַז זי וועט קיין מאָל נישט חתונה האָבן. זי האָט נישט ליב דעם מענטשלעכן מין, האָט אים נישט ליב. ווארום זי שטאַמט פון די בראשית־טעכטער, וועלכע האָבן געגעבן זייער ליבע נאָר צו געטער־זין.

מ'טאָר נישט

די באַשולדיקטע וועמענס רוקן איך זע נאָר, פאַרענטפערט זיך מיט אויסוועגלאָזיקייט, מיט איר גרויסער פאַרצווייפלונג, אָבער דער ריכטער אויף זיין פאָדיום האַלט זיך ביי איינעם :

— זעלבסטמאָרד באַגיין טאָר מען נישט !

עס איז ווייניק דאָס, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט און זיי לעבן איבער אָט די אומגליקלעכע, וועלכע שטייען ביים ברעג פונעם אָפּגרונט, ברענגט מען זיי נאָך צום משפט און זיי ווערן באַשטראָפט. דאַכט זיך — אַזאַ באַרבאַריזם. אָבער ניין. דאָס איז דווקא גוט. מען טאָר נישט — און אָן עק ! אַלע צרות און אומגליקן זענען נישט וויכטיק — דאָס געזעץ איז העכער פון אַלץ... איז דאָס נישט אַן אויפמונטערונג און היילונג פאַר אַ שווער געמיט ? יאָ, יאָ, — אָבער נאָר אַזוי לאַנג ווי דער ריכטער אַליין ווערט נישט געשטרויכלט, חלילה, מיט דער דאָזיקער עבירה.

ריכטער, האַלט דיך פעסט !

26.12.58

גועפּנט די אויגן...

(פון די ענגלישע צייטן)

די מילדקייט פונעם סוף זומער איז איבערן ים און דעם אַראָפּגע־לאָזטן הימל איבער אים. מיטאָג. די באָדנדיקע זענען נישט אַזוי פיל און די שיינקייט פון די שלאַנקע און פייכטע מיידלעך שטעלט זיך איצט מער אַרויס; אָט ברוינען זיי זיך אין דער חשוון־זון, קאַטשען זיך אין זאַמד און האָבן תענוג פון זייערע גלידער. קענטיק, אַז זיי זענען דאַנקבאַר דעם באַשעפער דערפאַר, וואָס ער האָט געפּאַרעמט דעם מענטשלעכן גוף אַזוי און נישט אַנדערש.

בענקענישן פון אַנהויב האַרבסט פון אַ קעגנזייטיקן באַגערן. נאָר דער ענגלישער זעלנער אויפן רושטול פאַראַכטעט די אַלע מענטשן פון אַרום. די שנאה האָט ער געזויגט מיט דער מאַמעס מילך — ווי אַזוי־זשע זאָל ער זיך פּלוצעם ענדערן?

אָט איז ער אויפגעשטאַנען און אַריין אין ים אַריין. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט שווימען, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ ים־„קעסל", האָט ער זיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס און זיי נישט בייגעקומען, — נישט געווען קיין אַנהאַלט.

אָ דאָ וועט ער געפונען דעם טויט, אינעם תל־אביבער ים — נאָך דעם ווי ער איז אַרויס בשלום פון דער לאַנגער מלחמה, פון אַלע פראָנטן! אין דער ערשטער רגע האָט ער זיך געשעמט צו רופן נאָך הילף, אָבער אַז עס איז שוין געווען באו מים עד נפש, האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן — און געשריגן.

ווי אַ פייל אויסן בויגן האָט אים דעריאָגט דאָס פלאַכע און שאַרפע רעטונגס־שיפל און אויף אים די צוויי שטאַרקע, עלאַסטישע רעטערס. אַ באַוווסטלאָזן און אַרויסהענגענדיקן מיטן האַלבן גוף פונעם שיפל אַרויס האָבן זיי אים געבראַכט אויף דער יבשה, אַריינגעטראָגן אים אין איינעם פון די בודקעס, אַוועקגעלייגט האַלב אויפן רוקן און געריבן אים לויט די דערמונטערונגס־כללים ביז ער האָט געעפנט די אויגן, — בלאַלעכע, בלאָנדזשענדיק־פאַרווירטע, אַ ביסל שעמעוודיקע אויגן.

אַ דאָ איז ער געקומען צו זיך, דערמאָנט זיך, באַגריפן אַלץ וואָס עס איז מיט אים פאָרגעקומען. ער לעבט, ער לעבט! ווי הערלעך איז דער ים!... מיט אַ דאַנק־שמייכל האָט ער זיינע רעטערס געדריקט די הענט און איז געוועזן לייטזעליק צום אַרום.

ער האָט געעפנט די אויגן.

צום ים, צום ים...

אַ פאַרליבטער און געליבטער, צווישן איין ראַנדעוווּ און דעם צווייטן, איילט דער גליקלעכער צום ים. ער פילט, אַז נאָר ער, דער ים, וועט אים איצט פאַרשטיין, אין אָט דעם גליקס־אַטאַק זיינעם. נאָר ער, דער ים, וועט זיך אָפּרופן צו זיין האַרץ, וואָס גייט אַריבער די ברעגעס.

מיט אַן אינערלעכן, פאַרהאַלטענעם שטורעם האָט זיך די סטיכיע געהוידעט, געגלעט און גלאַטיק זויבער געמאַכט דעם מיט מושלען פאַר־זייטן יבשה־ברעג. ליבע־כוואַליעס זענען דאָס געוועזן, גליקס־וואַלן. די אור־ליבע באַהאַלט זיך אונטער דעם אַלעמען.

אין אָנהויב איז געוועזן די ליבע!

יאָ, דער גליקלעכער, ווען דאָס האַרץ גייט אים אַריבער די ברעגעס, איילט ער צום ים, — אָבער אַ מאָל אויך... דער אומגליקלעכער —

דעם דאָקטאָרס מאַמע

אָנגעטאָן אין שוואַרץ, טרויערנדיק נאָך איר מאַן, וועלכער איז איר אָפּגעשטאָרבן פאַר עטלעכע וואָכן, האָט זי דאָן, אין ווין, אַריינגעבּרענגט איר איינציקן זון אין גימנאַזיע. מיט דער דאָזיקער טרייסט אירער האָט זי אַרויסגעבלישטשעט פון איר אלמנה־קליידונג. איצט איז פאַר איר אָפן דער וועג צום... „דאָקטאָר". נישט סתם אַ דאָקטאָר, נאָר טאַקע אַ גרויסער דאָקטאָר!

פיל כוחות האָט זי פאַרווענדט, כדי אויסצוהאַלטן זיך און איר זון. זי האָט געטאָן אַלע אַרבעטן אין פרעמדע הייזער, אַפילו וועש געוואַשן, און דער עיקר — דאָס שול־געלט — שלח לחמך על פני המים!... שפּע־טער אַמאָל וועט ער זי אויסהאַלטן אויף דער עלטער.

די מאַמע זעט שוין זיין וואַרטע־צימער פול באַזעצט מיט פּאַציענטן. אַלע זיצן זיי דאָ און וואַרטן מיט אומגעדולד, אָבער ער, דער באַרימטער דאָקטאָר, וואָס אַלע גלויבן אין אים ווי אין גאָט, פאַרהאַלט זיך ערגעץ ווו ביי זיינע דרויסנדיקע באַזוכן. זי, די מוטער, גייט אַרום צווישן זיי און באַרויִקט: „דער הער דאָקטאָר מוז באַלד אָנקומען. זיכער האָט מען אים אויפגעכאַפּט אין גאַס אויפן וועג. די מענטשן שלעפּן אים פון אַלע זייטן. ער איז אַ גרויסער דיאַגנאָסטיקער!...״ — אַזוי טראַכט די מאַמע וועגן איר זון דעם קומענדיקן דאָקטאָר.

דערווייל איז דאָס לעבן זייער שווער. די דאגות פּרנסה פון איין זייט און דיליידן פונעם יינגל אין דער גויִשער שולע פון דער אַנדע־רער זייט. אָפט קומט ער אַהיים מיט בלויעביילן אַרום די אויגן. זי לויפט צו די לערערס, צום דאָקטאָר, זי קלאָגט זיך, פּראָטעסטירט און פאָדערט צו באַשטראָפן די כוליגאַנעס. אָבער סיי די לערערס און סיי דער דירעקטאָר ווערן גאַרנישט דערשיטערט, הערן און הערן נישט.

אַלע פאַרמיטאָגס־שעהן רוט זי נישט איין, נאָר טומלט זיך אַרום דעם גימנאַזיע־בנין און קוקט אַריין אין הויף אַריין דורך די שפּאַרעס פונעם פּלויט. אָט איז די טורן־שעה: די קלאַס, אין וועלכער איר זון לערנט, שפּילט פוטבאָל אונטער דער אויפזיכט פונעם לערער, ער שטורעמט אין פלאַקער פונעם קאַמף. מיט גרויס צער זעט זי איר מאַקסן שטיין אין אַ זייט, נישט באַטייליקט אינעם שפּיל, אַ פּנים אויפן באַפעל פונעם לע־רער, ווי אַ נישט־פעיקער דערצו... איר האַרץ, דאָס מוטער־האַרץ פילט אין דעם אַ שלעכטן סימן פאַר זיין צוקונפט, זיין עקזיסטענץ־קאַמף, זיין ווידערשטאַנד.

סוף־כל־סוף האָט זי זוכה געווען צום טאָג, ווען איר זון האָט מאַטו־רירט, און נאָך עטלעכע יאָרן זיך דערוואַרט אויך צום גרויסן טאָג, ווען

ער האָט באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם פאַר מעדיצין. אָבער וויפל שווייס און דערשיטערונג און טרערן האָט איר דאָס אָפּגעקאָסט!

שוין אַ זיבעציק־יעריקע און אַריבער, צעקנייטשט און צעקריצט, גייט זי אַרום דאָ אין לאַנד, אין דער שטאָט ביים ים־ברעג, מיטן שווערן קעסטל, „סחורה" אין דער האַנט, אין דער היץ, אין חמסינען. זי קלעטערט אַרויף צו די אייבערשטע שטאָקן, קלינגט אָן, קלאַפּט אין די טירן, בעט העפּ־לעך דעם עפּענער: „קויפט עפּעס ביי מיר!" און דאָס כדי אויסצוהאַלטן זיך און... איר זון, דעם דאָקטאָר.

אויף דער טיר פון זייער געמיינזאַמער ווױנונג איז טאַקע פאַראַן אַ שילדעלע פון אַ דאָקטאָר, וואָס נעמט אויף קראַנקע אין די און די שעהן, אָבער דאָס וואַרט־צימער איז ליידיק. ער האָט נישט קיין מזל!... די קראַנקע מיידן אויס זיין טיר. קיין מאָל, אַפילו אין זיין יוגנט, האָט זי אויף אים נישט אַזוי רחמנות געהאַט, ווי איצט. אָבער אַזוי לאַנג ווי די נשמה האַלט זיך אין איר, וועט זי אים נישט לאָזן פאַלן. זי, די זיבעציק־יעריקע, וועט שטיצן איר זון ביזן סוף, וואָס קען מען טאָן? דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן, טאָ שטופּט זי די מאַשין מיט די איי־גענע כוחות...

זי איז אים מפרנס מיט איר שווייס, ממש מיט מסירת־נפש, און גיט אַכ־טונג אויף זיינע מלבושים, אַז זיי זאָלן פּאַסן צו זיין „טיטול". כדי צו פאַרמי־נערן זיין חולשת־הדעת, קומט זי צו מאָל אַריין אין זיין אָרדינאַציע־צימער און בעט ביי אים, אַז ער זאָל אונטערזוכן אירע אַלטע לונגען. זיין באַפעל ביי דער באַהאַנדלונג: „טיף אָטעמען!" דערפילט זי נאָך מער ווי נויטיק און עס דאַכט זיך איר דאַן אויף אַ רגע, אַז איר האָפענונג איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרלוירן.

ווייסנדיק, אַז קיינער וועט נישט קומען, גייט דער דאָקטאָר צו מאָל אַרויס שפּאַצירן אין די שעהן, וואָס זענען באַשטימט פאַר אויפנעמען פּאַציענטן. איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז דווקא דעמאָלט האָט זיך אַ פרוי פאַרבלאָנדזשעט און אָנגעקלונגען. די אַלטע האָט זי אויפגענומען מיט אַ זעלטענער פריינדלעכקייט און געבעטן:

— זעצט זיך צו. דער הער דאָקטאָר וועט תיכף קומען. ער איז נאָך נישט צוריק פון זיינע באַזוכן. די מענטשן שלעפּן אים פון אַלע זייטן. נישט פאַראַן אַזאַ דיאַגנאָסטיקער ווי ער!

23.1.59

זאָג מיר...

ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם מיידל אַ לייכטן, כמעט שפּאַסיקן פלירט, ביז ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ גאָר ליידנשאַפטלעכער ליבע. ער האָט זיך געצאַפּלט צווישן האָפענונג און קאָשמאַרן און איין מאָל, נאָך טענות צו איר אין מיטן גאַס, האָט ער געבעטן:

— זאָג מיר: „איך האָב דיך ליב!"...

זי האָט נישט געענטפערט. האָט ער זיך פון איר אָפּגעקערט, דער ווידערשפּעניקער, און לויט זיין טאָג־אָרדענונג, וואָס ער האָט זיך אין דער פרי געהאַט אויסגעפּלאַנט, איז ער געגאַנגען זיך פאָטאָגראַפירן.

דער פאָטאָגראַפיסט האָט זיך אָנגעבויגן און אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ הינטערן שוואַרצן פאַרטעך פונעם אַפּאַראַט, און די שיינע אַ ביסל מעלאַנכאָלישע אַסיסטענטן, וועלכע ער קען פון די פריערדיקע באַזוכן אַ דאָ, האָט אים געבעטן צו שמייכלען.

— מיין איצטיקע שטימונג פּאַסט נישט דערצו, אָבער איך וועל שמייכלען, אויב איר וועט מיר זאָגן עפּעס אַ גוט וואָרט — האָט ער מעלאַנכאָליש געזאָגט.

— וואָס, למשל?

— זאָגט מיר: „איך האָב אייך ליב"...

דאָס מיידל האָט געלאַכט, אָבער אויך נישט געזאָגט, און נאָך דער אָפּגעטויענער אַרבעט האָט זי אויסגערופן צופרידן:

— געשמייכלט האָט איר פאָרט!

— אָבער פאַרוואָס האָט איר נישט געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געבעטן?

— איך האָב עס געטראַכט — האָט זיך ס'צאַרטע מיידל פאַרענט־פערט האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט — און דאָס איז נאָך בעסער...
— אויף אַן אמת? — — —
און ער האָט, ווי אַ פּלוצעם געגעזעגנער נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט, אָנגעכאַפּט איר האַנט און זי מיט עקסטאַז צוגעדריקט צו זיינע ליפּן.

דעם יינגלס מוטער

אַ דזשענטלמאַן פון דער ערשטער מדרגה איז געווען דער מאַן: ער האָט אָוועקגעקוקט פון זיינע פריינדס און איינגייערס באַמיִונגען אַרום זיין אָנציענדיקער, בלאָנדער פרוי און זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. ווי אַ נישט געוויינטלעכער מענטש, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויף דעם שטח איז נישט שייך קיין אַבסאָלוט פּריוואַט־אייגנטום. בפרט, אַז אַלע באַמיונגען זענען נאָר געווען צום שפּאַס אָדער גלאַט מיט רייד.
פון דעסטוועגן האָט ער באַזונדערס ליב געהאַט דעם איינעם, נייעם פריינד, וועלכער איז נישט לאַנג געקומען פון וויט און איבערראַשט מיט זיין גלייכגילטיקייט און דיסטאַנץ לגבי דער פרוי פון זיין פריינד — נישט קיין קאָמפּלימענטן און נישט קיין חנדלעך. כאָטש זיין שטייפקייט און מעלאַנכאָלישקייט בעת זיינע באַזוכן אין אָט דער שיינער דירה זענען געווען אַ ביסל פאַרדעכטיקט.
ביז איין מאָל, אין אַן אָוונט, האָט דער גאַסט באַמערקט:
— זינט איך קום צו אייך אויף באַזוך, האָב איך נאָך אַלץ נישט געזען אייער יינגל.
— ער איז תמיד ערגעץ־ווו אין דרויסן מיט זיינע חברים... קויש־באַל...
— און איצט אין אָט דער שפּעטער שעה?
— איצט שלאָפט ער שוין.
— איך וואָלט אים געוואָלט זען, כאָטשבי שלאָפנדיק.
און ער איז אַריינגעגאַנגען נאָך זיין מכניס אורח אינעם טונקעלן

צימער און האָט געקוקט אויפֿן ייִנגל, וועלכער איז געשלאָפֿן אין זיין בעט מיט פּנים צו דער וואַנט. ער האָט אַ קורצע צייט זיך אַריינגעהאָרכט אין זיינע אָטעמונגען און איז אַרויס.

דעמאָלט האָט דער מאַן געפילט, אַז צווישן אַלע איינגייערס גאָרט קיינער נישט אַזוי ווי אָט דער „גלייכגילטיקער" און סאָלידער פריינד נאָך... דעם ייִנגלס מוטער.

17.4.59

אין דער באַן

אַ קאַבינע־ווינקל אין דער באַן, באַנק אַקעגן באַנק, דערנענטערט די רייזנדע איינעם צום אַנדערן, כאָטש זיי האָבן פריער איינאַנדער זיך נישט געקענט, אַזוי, אַז ס'פאַרבינדט זיך צווישן זיי אַ לעבעדיקער שמועס. מ'רעדט מיט חשק, מיט ברען און מען באַרירט, ווי ווייט מעגלעך אויך „דעליקאַטע" ענינים, וואָס ס'איז גוט וועגן זיי צו שווייגן.

ס'איז זיי נאָר אַ ביסל נישט ניחא צוליב דעם נאָענט זיצנדיקן פאַר־שויך, וועלכער מישט זיך נישט אַריין אין שמועס. זיי באַטראַכטן אים ווי איינעם אַ חכם, וואָס איז אינטעליגענטער פון זיי און אין האַרצן איגנאָרירט ער זיי. יעדע רגע קוקן זיי צו אים שיף מיט דרך־ארץ, מיט פאַרהאַלטענער ערפורכט. אָבער ווי איז צו אים, דעם דאָזיקן שוויגער, אויב ער האַלט זיך נישט איין און וואַרפט אויך אַריין אַ וואָרט אין שמועס. מיט איין מאָל האָט ער פאַרלוירן זיין וועלט!

אויך דו...

אין עק פונעם „מרכז" אויפן הר־הכרמל זיצט דער מאַן אויף אַ בענ־קעלע און שפּילט אויף אַן אַקאָרדיאָן. ער שפּילט די מעלאָדיע פון „מאַמע" און באַגלייט מיט זיין אָנגענעם קול: „מאַ־מע"... און נישט פיל מטבעות זענען אין שיסל.

צוויי חברטעס, חיילות אין אוניפאָרם זענען פאַרבייגעגאַנגען און איינע האָט אין אים דערקענט איר ברודער.ביידע, ווי ס׳האָט זיך אַרויס־געשטעלט, זענען פּליטים פון מצרים, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געהאַט פאַרלוירן אין משך פון צוויי יאָר — און זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס. שיכור פונעם באַגעגעניש האָט זיך דער שפּילער דערנענטערט אויך צו דער צווייטער, אים פרעמדער חיילת, און זי געוואָלט קושן, אָבער זי איז צוריקגעטראָטן.

פאַר וואָס? עפּעס, וואָס רודערט אויף דאָס האַרץ, האָט זיך אָפּגע־שפּילט פאַר דיינע אויגן, מיידל. און דו האַלסט זיך צניעותדיק. גיב דו אים אויך דיין באַק, גיב!

אין מקלט

ס׳איז נישט געווען קיין ריכטיקער מקלט אין הויז, האָט מען זיך צוזאַמענגעפּרעסט אונטן ביים אַריינגאַנג — מענער, ווייבער און קינדער — אַנטקעגן אַ גרויסן, גרויסן רויטלעכן שטערן אין הימל.

— מאַמע, ווי הייסט אָט דער שטערן? — האָט געפרעגט אַ קליין יינגל.

די מוטער, אַ פאַרביטערטע, וואָס האָט הינטער זיך אַלערליי צרות, אַנטלויפעניש, דערשיטערונגען און באַמבאַרדירונגען האָט געענטפערט:

— איך ווייס נישט.

— זענען דאָרט פאַראַן מענטשן?

— איך ווייס נישט.

— איך האָב געהערט אַז אויך דאָרט זענען פאַראַן מענטשן, זאָג!

די פרוי האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— צו וואָס דאַרפסטו מענטשן דאָרט, קינד? האָסט קנאַפּ מענטשן דאָ? לאָז מיך צורו!

21.7.59

אַן אָפּגעכאַפּט טעלעפאָן־געשפּרעך

— ביסט אַליין אין דער היים?

— יאָ, אָבער מיר מוזן זיך צעזעגענען. די מאַמע דאַרף יעדע רגע צוריקקומען.

— די מאַמע, וואָס לויט אירע רייד דאַרף אַ מיידל קענען קאָכן און באַקן און נישט שפּילן אויפֿן קלאַוויר; וואָס האָט נישט ליב קיין מוזיק.

— זי האָט נישט ליב קיין מוזיק און איז פּאַרט אַ טייערע פֿרוי.

פֿון דעסטוועגן איז גוט, וואָס זי איז אַצינד נישט אין דער היים. אַלזאָ, דינסטיק טרעפֿן מיר זיך ווידער אויף יענער באַנק. זעקס אַזייגער, „זייגער זעקס נאָך דער מלחמה", ווי דער סאָלדאַט שוויק האָט באַשטימט.

— מיר האָבן זיך דאָך ערשט אייערנעכטן געטראָפֿן.

— איך מוז דיך זען. דיין צורה וועפּט זיך אויס אין מיין זכרון. איך קען מיך דערמאָנען אַ יעדער באַקאַנט פּרצוף, נאָר נישט דאָס פּנים פֿונעם געליבטן מיידל...

— וואָס אייגנטלעך, האָסטו אין מיר געפֿונען? אַן אויסגעשפּראָכענע שיינהייט בין איך דאָך נישט. אַ יפֿהפֿיה אַלאַ האָליווּד, נישט קיין בלאָנדינקע און נישט קיין בלאָע אויגן.

דו גייסט אַריבער אַלע האָליוודער פֿרויען. ברידזשיט באַרדאָ און עוואַ גאַרדנער און ראָמי שניידער מעגן דיר פּוצן די שיך. עפּעס מאַגישעס איז אין דיר, עפּעס מעטאַפֿיזישעס, וואָס מ׳קען עס נישט אויפֿקלערן מיט ווערטער.

— אַלע דאַרפֿן זיך ביי דיר לערנען מאַכן קאָמפּלימענטן.

— אַזוי לאַנג ווי אָט די קאָמפּלימענטן רופֿן ביי דיר נישט אַרויס קיין קאָפּ־שווינדל, זענען זיי גאָרנישט ווערט; אַזוי לאַנג ווי דו פּאַלסט נישט... (דיין לאַכן איז זיס). יעדנפֿאַלס זענען זיי בעסער פֿון די גראָבע קאָמפּלימענטן, וואָס נ. האָט דיר געמאַכט אויף יענעם נשף. כ׳האָב זיי נישט געקאָנט הערן. אַ חילול הקודש.

— איך האָב זיי אויך נישט געקאָנט ליידן.

— אַלזאָ דינסטיק. אָבער אין צווישן קענסטו צו מיר טעלעפאָנירן. בכלל, זיי אַ גוט מיידל און קלינג צו מיר אָפטער אָן — אַנדערש איז אַ שאָד דאָס געלט, וואָס איך צאָל פאַרן טעלעפאָן (לאָך, לאָך!), קלינג צו מיר מאָרגן אין דער פרי.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן?

— וועסט זאָגן וואָס דו וועסט זאָגן. דער קלונג אַליין מאַכט דאָס האַרץ קלאַפּן... איך דערפיל באַלד, אַז דאָס איז פון דיר... הימלישע מוזיק...

— די מאַמע איז צוריקגעקומען.

6.11.59

פאַר וועמען?

דער איינציקער מענטש, וואָס האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין די ליבעס־קאַמפן פון אַרום, איז געווען דער אַלטער בחור ביסקאָ.

אַ ביי זיך געפאַלענער איז ער געשטאַנען פון דער זייט און זיך צו־געקוקט צום פּיקאַנטן לעבן, וואָס גייט פאַר אים אַריבער. ווי יענע קליינע נעבעכדיקע סטאַציע, וואָס דער שנעל־צוג שטעלט זיך נעבן איר נישט אָפּ.

און ס׳איז קיין וווּנדער. ער איז געווען אַ פאַרבלאָזער מענטש, וואָס די לאַנגווייל פון סאַמער וואָכעדיקייט האָט זיך געטראָגן פון אים. זיינע מלבושים, אפילו ווען זיי זענען געווען ניי, ערשט־נאָר־וואָס אַפּער פונעם שניידערס ביגל־אייזן, האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון אַלטע און פאַר־שטויבטע מיט מעל. איינעם ראַנד פון זיין שוואַרצן, שטייפן הוט האָט זיך אָוועקגעלייגט אַן אייביקער שטויב־פלעק.

פון וואָס האָט ער זיך גענערט? פון די פרעמדע וועלטן. זייער לופט איז געווען די לופט פאַר זיין אָטעם. ער האָט געוווּסט אַלע פאַרבאָרגענע רייסעניש, די סודות פון זייער ערשטן אויפקום, אַלע געהיימע דערפאַלגן און דורכפאַלן.

— ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי אוכאַזשעוועט אים, אָבער קענטיק איז געווען, אַז דער עיקר ביי איר ביסטו און נישט ער...

אַזוי איז געווען זיין שטייגער, צו געווינען דאָס האַרץ פון יענעם, וואָס דער מזל האָט אים געשמייכלט, און ער פלעגט אויף אים אָנשטעלן די כיטרע, חניפהדיקע אויגן, אָדער: — ווי אַזוי קען אַ מענטש זיין אַזאַ אכזר?! מיט אַ יעדן איינציקן וואָרט, וואָס דו האָסט היינט גערעדט אין דער גאַנצער צייט פונעם שפּאַציר, האָסטו זי דאָך ממש אוועקגעהרגעט.

נאָר ערשט דעמאָלט האָט יענער אים אָנגעקוקט, גלייך ביז איצט וואָלט ער אים בכלל נישט געזען, און געטראַכט: „נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ ליבער מענטש. פאַרוואָס האָב איך אים ביז איצט נישט באַמערקט?"

ס׳ווילט זיך אים צו אַנטפּלעקן אַנדערע סודות, וועלכע ער האָט נאָך נישט געוווּסט. ביסקאַ האָט דורשטיק געשלונגען יעדעס וואָרט, ער האָט פאַרזיסלעכט זיינע חניפהדיקע אויגן און אויסגעשריגן:

— אויף אַזוי ווייט האָב איך זיך נישט געריכט. דאָס הייסט אַ גליקלעכער מענטש!

אין דער רגע האָט יענער געפילט, אַז ער איז אויף אַן אמת גליקלעך. ביסקאָס עקסטאַז מיטן קנאה־פּונק, האָט זיין גליק געמאַכט פול און אַבסאָלוט.

אָבער דערקעגן איז ביסקאַ געוואָרן גאָר האַרט, ווען דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט און מען איז אַדורכגעפאַלן. אין זיינע גיפטיקע אויגן האָט זיך דאַן אויסגעלאָשן דער קנאה־פּונק און אויף זיין אָרט האָט געגלאַנצט אַ בייזער גלאַנץ, אַ שימער פון שאַדן־פרייד. ס׳האָבן נישט געהאָלפן אַלע כיטרע אַרויסדרייעניש און די אָפּנאַרעריי — ער האָט תמיד געוווּסט דעם אמת! אַן רחמנות האָט ער יענעם געגרייצט און גערעדט מיט אַ פאַרהאַלטענער שמחה:

— דאָ האָסטו נישט געטראָפן. זי האָט דאָך ליב נ.־ען. די זאַך איז קלאָר. צו וואָס זאָלסטו זיך אָפּנאַרן?!...

ערשט איצט האָט זיך ביסקאַ אַרויסגעוויזן אין זיין גאַנצער מיאוסקייט. וויפל גיפט איז אין די דאָזיקע בייסנדיקע אויגן, וויפל געמיינקייט אין אָט דער נאָז, אין אָט דער וואָנסע! — יענער ציטערט פון כעס און האָס און וואַרפט אַרויס:

— וואָס גייט דאָס דיך אָן? אַלצדינג ווייסט ער! דו מיינסט, אַז יעדער איז אַזאַ נעבעך ווי דו!

ווי טוען אים איצט באַנג די אַלע געהיימענישן, וואָס ער האָט ביז איצט מפקיר געווען צו אָט דעם מנוול. אָבער פון היינט אָן — אויס! אַוועק פון דער אַ „בריאה״!

אָבער ביסקאָ פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ, ער ווייסט פאָרויס, אַז זיין קעגנער וועט זיך נאָך אומקערן און אָנכאַפּן זיך אין זיין נעץ. ער וואַרט נאָר אויף אַ רגע פון צופרידנקייט ביי אָט דעם „שונא״ זיינעם און דאַן איז גענוג עפּעס אַ לייטזעליקייט פון זיין זייט, אים ווידער אַריינצוציען אין זיין נעץ אַריין. ווידער שטייט פאַר אים דער „גליקלעכער״ און שיט פאַר אים אויס מיט אַ באַזונדערן אַפּעטיט זיינע געהיימסטע ענינים און סודות. ער ווייסט דערביי, אַז ער וועט אַ מאָל חרטה האָבן, אָבער דאָס האַלט אים נישט אָפּ. אַ מין קאַטשען זיך פון אַ שפּיץ־באַרג...

וואָרום דאָס גליק איז נישט געווען פולשטענדיק, נאָר סיידן ביסקאָ האָט וועגן דעם געוווּסט. דאָס אומגליק איז נאָר דאַן געווען שרעקלעך, אויב אָט דער פאַרבלאָזער בחור האָט זיך דערפון דערוווּסט און האָט אָנגעצונדן דעם בייזן גלאַנץ אין זיינע פאַסקודנע אויגן. עס האָט זיך געטראָפן, אַז צווישן דעם ליבע־פּאָר איז פאָרגעקומען אַ קריגעריי — און זיי האָבן זיך צעשיידט. ער איז געלאָפן צו ביסקאָן און האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות, צו באַווייזן אים, אַז ער האָט זי פאַרלאָזט. און אויך זי איז געלאָפן צו ביסקאָן און זיך באַמיט מיט אַלע כוחות איבערצוצייגן אים, אַז זי האָט אים פאַרלאָזט. אָבער סיי ער און סיי זי האָבן מורא געהאַט, טאָמער גלייבט זיי ביסקאָ נישט — און זיי האָבן זיך איבערגעבעטן.

אַזוי איז געגאַנגען דאָס לעבן און האָט פאַרלוירן זיין אייגענעם ווערט. ביסקאָס שאָטן האָט עס באַגלייט אויף יעדן שריט, ביז ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין געשפּענסט, וואָס דערלאַנגט אויכעט צום פּחד פאַרן טויט. די קרענקלעכע האָבן זיך געהיילט געהיים, בחדרי־חדרים, סודות־פּול; און אַז דער קאָפּ האָט זיי פאַרשווינדלט אין מיטן גאַס, אין דער מיטאָג־היץ, די פיס האָבן געשטרויכלט און די אויגן האָבן פּלוצ־

לינג געפינצטערט — האָבן זיי פאַר זיך מער נישט געזען, ווי נאָר אָט אַ דאָס געשפענסט...

אָבער פלוצלינג איז ביסקאַ אַליין קראַנק געוואָרן און איז גע־שטאָרבן איינזאַם אין זיין יונג־געזעלן־צימער. אַלע זיינע באַקאַנטע פון אַרום האָבן זיך ווי אויפגעוועקט. די שוואַכע, פונעם לעבן באַזיגטע האָבן דערפילט, ווי אַ שווערער שטיין האָט זיך פון זייער האַרץ אַראָפגעקאַ־טשעט. איצט איז נישט קיין גרויסער חילוק, צי אַזוי, צי אַזוי. נישטאָ קיין בייז, נישטאָ קיין זאָרג. נישטאָ קיין פחד. אָבער די גליקלעכע — ווי דער טעם פון זייער לעבן וואָלט זיך אָפגעטאָן. ווער וועט איצטערט וויסן פון זייערע זיגן, פון זייער כוח, פון זייער גליק? פאַר וועמען וועלן זיי אַצינד לעבן?

פאַר וועמען?

„איך האָב ליב מיין פאַך"

פון דרויסן זעט מען דורכן פענצטער איר פראָפיל, בשעת זי קוקט אַריין דורכן שפאַקטיוו אין די געדערים פונעם זייגערל. זי איז אַ זייגער־מאַכערין און נישט קיין זייגער־מאַכער. זי איז עס אין גאַנצן לאַנד און אפשר, ווער ווייסט, אויף דער גאַנצער וועלט, די איינציקע פרוי, וואָס דאָס איז איר מלאכה.

— „איך האָב ליב דאָס דאָזיקע פאַך" — באַטאָנט זי, שמועסנדיק מיט אירע קונדן וועגן איר שטורמישער פאַרגאַנגענהייט, אירע וואָגלע־נישן אין רוסלאַנדס טיפענישן, וווהין דער גורל האָט זי פאַרטראָגן אין יענע צערודערטע טעג. נאָר אָט־אָ דאָס פאַך אירס איז איר בייגעשטאַנען אומעטום, אין יעדער לאַגע, און האָט זי מציל געווען פון אַלעם בייזן.

אַזוי דערציילט זי אַלץ און עס איז קענטיק, אַז זי פרייט זיך מיט איר דאַליע און מיט איר אַנטרינונגס־אָרט. קליין און ענג אין איר אַר־בעטס־צימערל, ד׳ על ד׳, אָבער איר פנים שיינט. דאָס קליינע זייגערל האַלט זי אַנדערש, נישט ווי אַ זייגער־מאַכער־מאַנסביל; מיט ליבע, מיט רחמנות האַלט זי עס, ווי אַ מאַמע איר קינדעלע.

אַ ווירוואַר איז אַרום. יעדער טאָג מיט זיינע דערשיטערונגען, אָבער זי, די צאַרטע פרוי, מערקט דאָס אַלץ נישט. מיטן שפּאַקטיוו אויף איר אויג, גיט זי צוריק נשמות צו די מעטאַלענע באַשעפענישן און שטעלט זיי אויף די פיס. לעבן ברענגט זי זיי, לעבן. איז פאַראַן אַ גרעסערע פון אַ דער שליחות?

באַווירקערס פון דרויסן און פון אינעווייניק, איינס בעט איך ביי אייך: שרעקט נישט אַרויס די דאָזיקע זייגער־מאַכערין פון איר גליק־נעסט!

„אם זרחה השמש עלין"

„אם במחתרת ימצא הגנב" — ער איז דאָס געווען יענער יונגער, יידישער גנב, וועלכן מען האָט אַ מאָל אין אַ זומערדיקן מיטנטאָג פאַר־בייגעפירט אויפן שליאַך נעבן אונדזער הויז. אָט אַ־דער איז ער.

מיט געבונדענע הענט אויף הינטן איז ער געזעסן צווישן צוויי זשאַנ־דאַרן און זיינע גראָע אויגן האָבן געמאַראָטשעט אינעם דרויסנדיקן חלל...

שלעכט, שלעכט איז אים געווען דער באַריר פון די גוייִשע באַ־צווינגערס, וועלכע זענען געזעסן ענג נעבן אים, און פון דער אַנדערער וייט צוליב די בליקן פון זיינע ברידער יידן צוביידע זייטן שליאַך. אָבער מער פון אַלץ האָט אים, דעם נאַכטמענטש, געפייניקט דאָס טאָג־ליכט.

„אם זרחה השמש עליו".
19.8.60

ריינע מוזיק

איך געדענק, אַז אין די אייראָפּעיִשע הויפּט־שטעט, אין די פּרעכטיקע קאָנצערט־זאַלן האָבן מיר די פּרצופים פון די שפּילערס, זייערע תנועות און העוויות, זייערע פּראַקן אאַז"וו קאַליע געמאַכט דעם תענוג. כדי צו געניסן די מוזיק אין איר ריינקייט, האָב איך געמוזט פאַרשליסן די אויגן.

ביז ס׳איז אויפגעקומען ראַדיאָ אויף דער וועלט — געבענטשט זאָל עס זיין. סוף־כל־סוף אַ ריינע מוזיק, אָן די דאַזיקע באַגלייט־דערשיינונגען. די מוזיק אַליין!

פון דעסטוועגן לויפן די מענטשן אויך היינט צו די קאָנצערט־זאַלן. זיי באַלאַגערן און רייסן זיך מיט אַלע כוחות צו די קאַסע־פענצטערלעך.

— פאַר וואָס?

20.10.60

אויף איין ערד־באַל

די ערד ציטערט פון פּאָל ביז צו פּאָל. אַ מאָל ווייט, מעבר לימים און אַ מאָל אין אַ שכנותדיקער מדינה, זייער נאָענט. ווו זי ציטערט — זענען טייערע פאַר אונדז נפשות, חברים, פריינד און פריינדינס. אַ שטאַרקע ערד־ציטערניש — האָבן די מאָרגן־צייטונגען געמאָלדן — איז נעכטן געווען אין אַ ווייטער גרויסער שטאָט, ווו ס׳געפינט זיך מיין „ערשטע ליבע" — אַ כמעט פאַרגעסענע געשטאַלט, וואָס נאָר איצט, צוליב דעם געשעעניש, האָב איך זיך אין איר דערמאָנט.

פון ערגעץ־ווו, פון דערוווייטנס, איז פאַרצייטנס, ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, געקומען זיך באַזעצן אין מיין געבורטס־שטאָט אַ קליינע יידישע משפּחה. שיינע, האַרציקע, זעלטענע פּנימער, ווי פון עפּעס אַן אַנדערער, בעסערער ראַסע. אין איר איז געווען איינע אַ יונגערע טאָכ־טער און איך פלעג זי פון מאָל צו מאָל באַגעגענען אין דער גאַס. כ׳האָב זי געזען און נישט געזען — אַזוי פיל באַטויבנדיקס איז געווען אין איר.

אין איינעם פון די טעג האָט אָט די משפּחה געדונגען פאַר זיך ביי אונדז אַ דירה, אַ קליין צימערל פון אונדזער וווינונג. דאָס איז פאַר מיר געווען אַזאַ געוואַלדיקע פּאַסירונג, אַז מיין האַרץ איז געוואָרן צו ענג, עס אויפצונעמען. נאָר אַ דינע, נידעריקע מחיצה פון ברעטער האָט אונדז אָפּגעשיידט און אין דער ערשטער נאַכט, געדענק איך, האָב איך נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן פאַר גרויס גליק: אונטער איין סטעליע, אונטער איין סטעליע — — —

דאָס לעבן האָט אונדז באַלד פאַרטראָגן אין פאַרשידענע זייטן און איר אָנדענק איז אין רויש פון די צייטן געוואָרן מטושטש, פאַרמעקט, פאַרגעסן. כ׳האָב נאָר געוווּסט, אַז די דאָזיקע ווונדערלעכע משפּחה איז אַריבער דעם אָקעאַן און זיך באַזעצט אין אַ דער שטאָט, וואָס נעכטן איז זי אויך געטראָפן געוואָרן פון דער ערד־ציטערניש. „הייזער זענען איינגעפאַלן און האָבן אונטער זיך באַגראָבן די איינוווינערס״. איז אַט קוקט זי אַרויס פון דער פאַרגעסעניש. זי, די ערשטע, פאַרנעפּלטע, פאַר־חלומטע.

נישט אָן אומרו און זאָרג האָב איך וועגן איר דעם גאַנצן טאָג גע־טראַכט — און אויך וועגן די אַנדערע געליבטע געשטאַלטן, וואָס זענען פאַרשפּרייט אויף אַן אומזיכערער וועלט — און אין אָוונט אויף מיין גע־לעגער האָט מיך פּלוצעם אַ פאַרהוילענע, סטיכישע האַנט אויפגעהויבן אין איינעם מיט מיין בעט — און אַראָפּגעלאָזט מיך. די פענצטער זענען אַרויס־געפאַלן און דער וואַנט־זייגער איז געבליבן שטיין. איך האָב אויפגע־שוידערט און פאַרשטאַנען: אַן ערד־ציטערניש.

און עפּעס פון יענעם גליק האָט זיך גערירט אין מיר: אויף איין ערד־באַל, אויף איין ערד־באַל — — —

8.11.60

און געווען איז עס אין פּורים...

די פאַרבן־פּרעכטיקע עופות אין גן־החיות (ווי זיי וואָלטן זיך אויך „פאַרשטעלט״ לכבוד פּורים) זענען פאַרציטערט געוואָרן, הערנדיק די שי־סערייען פון די „פאַרשטעלטע״ קינדער, וועלכע זענען אין דעם טאָג דאָרט מאַסנוויז געווען אויף באַזוך. אַלע, אַלע: די פּאַפּוגייען, פּאַווען, קראַניכן און אַזוי האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש און אַ טייל פון זיי זענען שווייגנדיק געשטאַנען אויף איין פוס, אַ דינעם, לאַנגן פוס, באַהאַלטנדיק זייערע קעפּ אין די פעדערן פונעם נאַקן...

צוליב זייער זיכערקייט און רו אינעם שטייג האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון דער פרייהייט אין זייערע היימישע וועלדער — און אָט זענען אויך דאָ שיסערייען, אויך דאָ!...

אין דער שעה האָב איך באַגריפן דעם גאַנצן באַרבאַריזם פונעם יאַגד־קולט, — בפרט די „פּאַלעוואַניע״ אויף עופות — און דער קולט האָט דאָך פאַרכאַפּט אַפילו דיכטערס ווי מיצקיעוויטש און טורגעניעוו!

„דערפאַר זוך אַליין שיינער יעגער מיט דער ביקס און מיטן הונט״ — האָט טורגעניעוו געשריבן אין זיינע „סקיצן פון אַ יעגער״, און אין מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעוש״ פאַרנעמען די יאַגד־שילדערונגען די בעס־טע בלעטער. דער „צער בעלי חיים״ האָט זיי בכלל נישט אָנגערירט דאָס האַרץ.

דערפאַר לויב איך אונדזער מענדעלען פאַר זיין באַוווּסטן זאָג (אי־נעם אַריינפּיר צו „בימים ההם״): „און אויף „פּאַלעוואַניעס״ נאָך חיות און עופות אויף פעלדער און אין וועלדער זענען מיר נישט געגאַנ־גען״ — — —

יאָ, ער איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן פאַר די פרעמדע גרויסע שרייבערס און האָט געוווּסט און געפילט זיין אייגענעם יידישן כוח.

17.3.61.

איצט האָט ער געוווּסט

שוין עטלעכע טעג, אַז עלזאַ קלינגט נישט אָן. שטיל. ער איז פול דערוואַרטונג און שפּאַנונג צום טעלעפאָן. האָט זי זיך טאַקע פון אים אָפּגעקערט. די אַפּטריניקע?

און אָט האָט זיין האַרץ אַ קלאַפּ געטאָן: אַ קלונג — — —

— האַלאָ? ווער?

אַ קול, נישט אירס, האָט געענטפערט:

— מלכה...

— וועלכע מלכה? אַ־אַ־אַ... ווי גייט עס דיר, עלזאַ, זיי מוחל, מלכה, ווי גייט עס דיר?

אַ פריערדיקע איז זי, פון פאַר פיל יאָרן, אַ כמעט פאַרגעסענע, און איר קול רעדט נישט מער צום האַרצן, דעם האַרץ, וואָס איז קראַנק פון דער נייער ליבע.

די פאַרגאַנגענהייט האָט זיך פלוצלינג אין אים דערמאָנט און זי קלאַפּט אָן אין זיין טיר. איצט האָט ער געוווּסט, אַז די קעגנוואַרט, די קעגנוואַרט האָט ער אויף אַן אמת פאַרלוירן.

וועגן דער אַבסטראַקטער מאָלעריי

מען זאָל זי נישט פסלען, זי האָט איר פּלאַץ. אין יעדן דומם, אין יעדן לעבווזן איז באַהאַלטן אַן „אידעע", אַ גייסטיקע סובסטאַנץ, און זי רייסט זיך אַרויסצוקומען, צו זיין זיכטבאַר אַליין, אָן דעם מאַטעריעלן, וואָס איז באַהאַפטן צו איר. אָבער „מכיוון שניתנה רשות" איז נישט פאַראַן קיין אָפּהאַלט פאַר אַלערליי שווינדלערייען און אָפּנאַרערייען. נאָר אַן אמתער טאַלאַנט, אַ גאָר גרויסער און זעלטענער טאַלאַנט, קען דאָ וווּנדערלעכס אויפטאָן, אָבער אַזוינס, דאַכט זיך, איז נאָך נישט געקומען.
.5.5.61

אַ נס

וועלדער און בערג און באַרג־לופט. די פּנימער פון די מענטשן אינעם דאָזיקן שטייערישן באַרג־דאָרף — מייסטנס אלמנות און זקנים (נאָך דער מלחמה!) — זענען קרענקלעך און נישט אויסגעשלאָפן. וואָרום וואָס נוצט די גוטע לופט, אַז דער פחד אין די נעכט לאָזט נישט שלאָפן (און צוליב דעם פחד ברענט דאָס ליכט אַ גאַנצע נאַכט און פענצטער זענען פעסט פאַרשלאָסן). דו שלאָפסט און דיין האַרץ איז וואַך, ווי שטילע, איינגעהאַלטענע טריט הערן זיך אינעם הויף, אין קאָרידאָר, אויפן בוידעם. און ביז צום מאָרגן — אַן אייביקייט!

און די שרעקנס זענען נישט אָן אַ יסוד. אינעם הויף פון דער אלמנה סאַמאַראַ האָט מען אייערנעכטן ביי נאַכט „איינגעבראָכן" און מ'האָט אַוועקגעגנבעט אַלע הינער. פונעם אַלטן פּראָפּעסאָרס שטאַל האָט מען אַוועקגעשלעפּט זיין איינציקן חזיר, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ריטשקעלע

בלוט; קענטיק האָט מען אים אויפֿן אָרט אָוועקגעקוילעט. דער פּראָפּע־סאָר האָט אויף זיין געלעגער געהערט, אַז אינעם הויף טוט זיך עפּעס, אָבער ער האָט מורא געהאָט אַרויסצוגיין. ווייל רויב פֿאַרבונדן מיט מאָרד זענען אָפּט־פֿאַרשפּרייטע פֿאַלן אין די קליינע, איינזאַמע ישובים אויף די בערג־אָפּהאַנגען פֿון אַרום.

זאָלן זיי נעמען וואָס זיי נעמען, אָבי זיי זאָלן נישט אַריינדרינגען אינעווייניק אין שלאָף־צימער. זיי האָבן אַן אייזערן האַטשעקל, אַ „וויט־ריך" הייסט עס, מיט וועלכן זיי קענען עפֿענען אַ יעדער פֿאַרשלאָסע־נער טיר.

פּלוצלינג איז צווישן דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג באַקאַנט גע־וואָרן, אַז ס'איז איצט פֿאַראַן אַ באַוואָרעניש אַקעגן אָט דעם וויטריך. אין אייזנגעשעפֿט קען מען קויפֿן אַ מין דין שטיקל שטאָל, וואָס מ'זעצט עס אַריין אינעם שליסללאָך — און דער וויטריך האָט מער נישט קיין שליטה איבערן שלאָס.

גאַנץ פֿרי, נאָך אַ נאַכט שרעק, איילן די אלמנות, די באַזיצערינס פֿון די אומעטיקע ווילעס, אין דער נאָענטער שטאָט אַריין — צום אייזן־געשעפֿט. דער פֿאַרקויפֿער איז אַ פֿעסטער, ראַסיקער יונג — אויך ער איז אייזן. ווי גוט וואָלט געווען, ווען אָנשטאָט אָט די אַלע אינסטרומענטן, וואָלט ער אַליין געקומען צו זיי — ביי זיי נעכטיקן!...

מיט אַ שווער האַרץ פֿאַרלאָזן זיי דעם פּריילעכן, רוישיקן, זיכערן כּרך, וועלכער איז פֿול מיט פּאָליציאַנטן, און קערן צוריק אין זייער וויס־טעניש. ס'שרעקן די באַוואַלדיקטע בערג פֿון אַרום און אַרום. נאָך דער מוראדיקער נאַכט קומט טאַקע דער טאָג, אָבער ווי קורץ איז ער! איין לאַנגע נאַכט. איין לאַנגע נאַכט...

בשעת די באַגעגעניִשן בייטאָג רעדן זיי נישט אַרויס זייער פּחד פֿאַר אַן אַנדערן; זיי שעמען זיך. אָבער די עלעקטרישע ליכט, וואָס באַלויכט אַ גאַנצע נאַכט די פֿענצטער פֿון זייערע ווילעס, אַנטפּלעקט דאָס.

ס'איז געשען אַ נס און צו איינער פֿון די דאָזיקע פֿרויען איז געקומען פֿון דער גרויסער שטאָט אַ קראַנקער ברודער, כּדי זיך דאָ, אין דער גוטער לופֿט צו דערהאָלן. צוליב דעם איז ער אין די נעכט נישט גע־

שלאָפן אין שטוב, נייערט אין דרויסן אין דרויסן אויף דער וועראַנדע. די דאָזיקע ווילע איז געשטאַנען אין מיטן גאַס, און זיין הוסטן, אַ פאַרעקשנט הוסטן, וואָס הערט אַ רגע נישט אויף, האָט פאַרהילעכט די לופט, ווי קלעפּ פון אַ נאַכט־וועכטער. די פּחדים זענען אַוועק און די שרעקנס זענען פאַר־שווונדן ווי אַ שטאַרקע אָפּוועק־קראַפט וואָלט געשטעקט אין אָט דעם חולה־מסוכן, וועמענס טעג זענען געציילטע.

ס׳איז שוין מער נישט געווען די שרעקנדיקע שטילקייט, די שטילע טריט און דאָס אויפוואַכן אין מיטן דער נאַכט, נאָר אָט דער הילכעדיקער הוסטן. „אַ רחמנות, אַ שווער קראַנקער" — האָבן אלמנות, אַיעדע אויף איר בעט, געשעפּטשעט און טיף־טיף זייער קאָפּ פאַרגראָבן אין קישן, און זענען געשלאָפן מיט אַ פעסטן, טיפן, זיסן שלאָף. איצט איז אַלץ אַנדערש. דאָס ליכט אין צימער איז פאַרלאָשן און די פענצטער זענען אָפן, אָפן. ערשט איצט ווייסן זיי אָפּצושאַצן די ווונדערלעכע באַרג־לופט און ערשט איצט געניסן זיי זי ווי ס׳דאַרף צו זיין. מיט יעדן אָטעם־צוג שעפּן זייערע געזונטע לונגען יוגנט־כוחות, לעבנס־זאַפט, לעבן, לעבן, לעבן...

אַ נס.

16.3.62

דאָס האַרץ

דער אַלטער יידישער דאָקטאָר האָט מיך אויפגענומען מיט אָפענער פרייד און אויפמערקזאַם געמאַכט:

— איר זייט ביי מיר שוין לאַנג נישט געווען!

— דאָס איז דערפאַר ווייל איך בין געווען געזונט די גאַנצע צייט.

ער האָט געשמייכלט:

— איך האָף, אַז אויך איצט זענט איר געזונט.

— נייך, נייך, דאָס האַרץ...

— באַלד וועלן מיר זען.

איך האָב געפילט, אַז ער איז שטאַרק אַלט געוואָרן, זייט איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל, און כ'האָב געפרעגט:

— נו, און ווי פילט איר זיך איצט, הער דאָקטאָר? ס'איז געווען צו דערקענען, אַז ער האָט נאָר אויף דעם געוואַרט ווען ער האָט טיף אָפּגעזיפצט:

— נישט גוט, נישט גוט. איך וועל אייך דערציילן דעם אמת. ווען עס וואָלט געקומען אַ רייכער אַמעריקאַנער וואָלט איך אים פאַרקויפט מיין גאַנצע ווילע, אַלץ מיט אַלעמען! אַ מאָל בין איך געווען דער איינציקער דאָקטאָר, און איצט, איז אין יעדן צווייטן הויז פאַראַן אַ דאָקטאָר און אויסער דעם — די קראַנקן־קאַסע! ווער גייט היינט צו אַ פּריוואַטן דאָקטאָר? יעדער מענטש איז היינט פאַרשריבן, און דער שטייער־אַמט וויל דערפון נישט וויסן. דו דאַרפסט באַצאָלן דעם איינקונפט־שטייער. אַ מאָל איז מיין וואַרטע־זאַל געווען פול און איצט גייען אַריבער וואָכן און מען זעט נישט קיין מענטש פאַר די אויגן.

וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ מיר האָט ער זיך צעהיצט, אַז ער האָט פאַרגעסן צוליב וואָס איך בין אַהער געקומען צו אים און ס'איז נישט קיין וווּנדער, ער איז דאָ פאַרשטעקט אין אַ קריסטלעכער סביבה און ער האָט געמוזט אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר אַ יידן.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין דער באַציונג צו אַ יידישן דאָקטאָר האָט מען דאָ געמאַכט אַ שטילן באָיקאָט. די פאַרשידענע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס מערן זיך פון טאָג צו טאָג און דאָרט חזרט מען פאַר זיי איבער: צו קיין יידישן דאָקטאָר זאָלסטו נישט גיין! נו, און די יידן אַליין? די יידן אַליין גייען בעסער צו אַ קריסטלעכן דאָקטאָר, אַזוי איז עס.

דאָ האָט ער מיר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווי ער וואָלט מיך חושד געווען אַז איך בין אויך געגאַנגען צו אַ קריסטלעכן דאָקטאָר, און ער האָט צוגעגעבן:

— איך בין שוין איבער די זעכציק און וואָס קען איך ערשט אָנהייבן? גיין ערשט אין אַ צווייטער שטאָט, אין אַ צווייט לאַנד, און וואָס וועט דאָרט זיין? וואָס קען איך ערשט טאָן, וואָס קען איך ערשט טאָן?

ער האָט נאָך אַזוי לאַנג, לאַנג גערעדט ביז די טיר האָט זיך אַ ביסל געעפֿנט און זיין ווייב האָט אַריינגעקוקט און אַ רוף געטאָן:

— אַרטור, דער מיטאָג שטייט שוין גרייט אויפֿן טיש.

ביי מיר איז געווען דאָס געפֿיל, אַז דאָס איז זייער לעצטער מאָל־צייט... בשעת מעשה, האָב איך באַטראַכט דאָס געזיכט פֿון זיין פֿרוי: דער געפֿעליקייט־שמייכל אויף איר פּנים האָט אַ ביסל פֿאַרווישט די קנייטשן פֿון צער אַרום אירע טריבע אויגן.

איך בין אַרויס — און זיין האַרץ, דאָס האַרץ פֿון אַלטן יידישן דאָק־טאָר, האָט זיך אויסגעגאָסן פֿאַר מיר. און איך בין דאָך געקומען ער זאָל באַטראַכטן מיין האַרץ:

אַ שמייכל

מיין פֿריינד איז געווען אַ רעליגיעזער מענטש, אַ ווינער, אין דער צייט ווען איך, דער אַפּיקורס, האָב געשמייכלט.

ער האָט נישט געקענט לעבן דאָרט ווו איך לעב, אין שטילן הינטער־לאַנד, וואָס ווערט, אגב, אַלץ קלענער פֿון טאָג צו טאָג (עס רעדט זיך וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה — איבערז.). אים האָט שטענדיק גע־צויגן צו די געפֿערלעכסטע ערטער; ביז אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן האָב איך דערהאַלטן די ידיעה, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן. צוליב דער וויט־קייט פֿון אָרט און צייט בין איך נישט אויפֿגעטרייסלט געוואָרן, אָבער אָט האָט אַ פֿריינד מיר געבראַכט אַ פּאַטאַ פֿון דעם געהרגעטן, פֿון דעם פּלאַץ ווו דער פֿאַרפֿאַל האָט פּאַסירט. איך האָב אַ בליק געטאָן — ס׳איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן, דער־הרגעט געוואָרן אויף אַן אמת, ער און נישט קיין אַנדערער — און כ׳האָב געוויינט.

אָט אַזוי האָבן מיר זיך געביטן מיט די ראָלן: איצט האָב איך געוויינט אָבער ער, דער געהרגעטער — האָט געהאָט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

אַ פרעמד קינד

דער דיכטער, דער שטראָפער איז געזעסן און האָט אָנגעשריבן אַ פּאַ־טעטישע אָנקלאָגע וועגן דער מענטשלעכער גלייכגילטיקייט אויף דער אַלט־נייער טעמע: „יעדער טראַכט נאָר וועגן זיך". אָט פאַלט אַ מענטש אין גאַס און קיינעם גייט עס נישט אָן!

אַזוי איז ער געזעסן און געשריבן און אויפגעציטערט: אַ שטים פון אַ וויינענדיק קינד איז צו אים דערגאַנגען פון דרויסן, דאָרט ווו זיינע קינדער האָבן זיך געשפּילט. ער איז אַרויסגעלאָפן מיט דער פעדער אין דער האַנט אַ צעטומלטער און אַ גרויסע פרייד האָט אים באַהערשט, אַ פרעמד קינד וויינט, אַ פרעמד קינד...

14.7.61

פליענדיקע טעלערס...

אין מיין קינדהייט האָב איך זיי איין מאָל געזען — און קיין נייעס איז אונטער דער זון נישט פאַראַן.

אין שבתים און יום־טובים פלעגן צו אונדז קומען קרובים פון דער שטאָט, דהיינו, פונעם גרויסן טייל פון דער שטאָט, וואָס דער דניעפּער האָט זי צעטיילט אויף צוויי (מיר האָבן געוווינט אינעם קלענערן טייל, אויף דער פאָרשטאָט). צווישן די קרובים איז געווען מיין מאַמעס אַ קוזינ־קע, אַ יונגע צאַרטע און שוויגנדיקע פרוי, מיט איר מאַן, דעם היטלמאַ־כער, אַ קרעמפּער און פריילעכער, אַ לץ, אַ ליבהאָבער פון מעשי־קונדס. אונדז קינדער האָט ער אויפגעהויבן אין דער הייך, אָוועקגעשטעלט אונדז אויף זיינע שטאַרקע אַקסלען און אונדז לאַכעדיק געמאַכט מיט כלערליי שטיפערייען און קונצן. ביי יעדן באַזוך זיינעם האָט זיך אונדזער הויז אָנגעפילט מיט לעבן און פריילעכקייט.

אויך ביי זיין סטראַגאַן אין מיטן מאַרק האָט ער ליב געהאַט, לוסטיק צו מאַכן זיינע קונים, פויערים פון די אַרומיקע דערפער, און אַז אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק האָט באַלד געפּאַסט, האָט ער טריומפירט:

— דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער קאָפּ;

זיי האָבן געוווינט אין אַ וויטער שכונה, אין איינעם פון די געסלעך אינעם אַנדערן עק שטאָט, און דעריבער איז מיר נישט אויסגעקומען צו זיין ביי זיי אין שטוב. אָבער איין מאָל אין אַ וואָכנטאָג האָב איך זיך פאַרוואַלגערט אין יענעם פערטל, כ׳האָב געזוכט און געפונען דאָס הויז און געטראַכט זיך: לאָמיר אַ קוק טאָן אין דער וווינונג פון אונדזער קרובים־פאָרל, אינעם נעסט פון פרייד און געלעכטער און גליק. כ׳בין אַריינגעגאַנגען און אָט... פאַרצעלאָן־טעלערס פליען אין דער לופט, פאַלן אַראָפּ און ווערן צעבראָכן. אַזוי האָט אויסגעלאָזט זיין כעס, גאָט ווייסט פאַר וואָס, אויף זיין צאַרטער און שוויגנדיקער פרוי — ער, ער, דער היטלמאַכער, דער לוסטיקער קונציקער מענטש...

אין יענער שעה האָט זיך מיר אַנטפּלעקט די וועלט פון איר צווייטער זייט.

ציגיינערס

אין איינעם אַ זומער־מאָרגן האָבן זיך אויסגעשפרייט ציגיינער־געצעלטן איבערן פעלד הינטער אונדזער פאָרשטאָט. אַן אַנדערע וועלט.

שוין טראָגן זיי זיך אַרום צווישן די אַרומיקע הייזער. שוואַרצע בעלי־גוף און מאָדנע קנעפּ, ווי גרויסע זילבער־קוגלען, בלישטשען אויף זייערע לאַצן.

ביי אונדזער אָפענעם פענצטער, ווי אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד, שטייט אַ יונגע ציגיינערין, נעמט דיין האַנט און טרעפט דיר דיין צוקונפט.

די פאַרביקע קליידונג, די רויט־רויטע, דאָס באָמבלען זיך פון אויריִנגען, די שטיקער דעקאָלט און דער רושם פון „הפקרות״ — דאָס אַלץ האָט דערוועקט די ערשטע גלוסטונגען.

דאַכט זיך: אַ פרייער פויגל... אָבער ניין! אַ פעסטע צניעות פילט זיך אַרויס פון אירע „טרעפונגען״, אין איר פינגער־באַריר אַ צוריקגעהאַלטנקייט, אַן אָפּהיטן זיך און אַפילו אַן איינגעהאַלטענע שנאה.

מאַך דיר נישט קיין אילוזיעס, מענטשן־קינד!

8.5.62

פון וואָס ?!...

אַ שטרויהוט אַזאַ, ווי מ׳הויבט אים אויף פון די מיסטן, אַ צוריק־געוואָרפענער אויף היגטן צעריסענער און צעשליסענער קאַלנער — אַלץ אויסגערעכנט און געמאַכט מיט אַ כוונה צוליבן „פאַך״. אַזוי שטופּט ער זיך צווישן די מאַסן, וואָס שפּאַצירן אין אָוונט ביים ים־ברעג, און שטרעקט אויס זיין האַנט מיט אַ בורטשע אויף יידיש: „אַ נדבה !״...

נישט מחמת בושה לאָזט ער אַראָפּ זיין בליק, נייערט ווייל ער האַלט דיך נישט פאַר ראוי אים אָנצוקוקן. מענטשן־שטויב ביסטו אין זיינע אויגן, אַן אַבסאָלוטער גאָרנישט ; ער דריקט אויס ביטול צו אַלעמען, צו אַלץ. נאָר ער און די „נדבה״ — און מער גאָרנישט.

ס׳איז אויך ווי ער וואָלט זיך אויסגעשלאָסן פון דער איצטיקער מלחמה־צייט. ער איז דאָך אַ מין באַשעפעניש, וואָס געפינט זיך אויסער דער צייט און אירע פּלאָגן, העכער פון דער נאַטור, אַזוי־צו־זאָגן. ווען דאָ וואָלטן אַצינד געפאַלן באָמבעס, — אים וואָלטן זיי נישט געטראָפן.

אין דער כוואַליע פון די געדיכטע מאַסן, שטראָמענדיקע, גייענדיקע און אויך שטייענדיקע האַרט ביי אַנאַנדער, פאַדעט ער אַהין און אַהער — און די טאַשן עפענען זיך, עפענען זיך. אַ מין תאווה צו געבן האָט זיי אָנגעכאַפּט און ממש אַ צעמישטער וויסט ער נישט, וווהין און צו וועמען ער זאָל זיך פריער ווענדן. דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים פון צופיל שפע. אַ רעגן פון נדבות !

אין מיטן קאָפּ־שווינדל גייט אַדורך זיין מוח אַ שטילע פאַרוווּנדערונג : אָט די אַלע מענטשן־מאַסן, וואָס קיין בעטלערס זענען זיי נישט, — פון וואָס לעבן זיי, פון וואָס ?!...

די צוויי פּאָעטן

זיי שטייגן אַריבער זייערע פיל חברים דערמיט, וואָס זיי זענען נישט קיין סתם־פּאָעטן, נייערט פּאָעטן־צדיקים, דער יסוד פון קדושה. כאָטש זייערע טענער זענען פאַרשידן, איז געמיינזאַם זיי ביידן זייער ליד־געשריי,

וואָס שפּאַלט הימלען, ווייל זיי „ליידן אונדזערע וויטיקן״, די וויטיקן פונעם פאָלק. ווייל זיי טראָגן אויף זיך די גאַנצע לייד פונעם מענטש־לעכן מין.

שפּאַצירנדיק אויף דער גאַס, יעדער אין זיין קרייז, ווענדן זיי זיך מיט גרוס צו יעדן איינעם, זענען פריינדלעך צו יעדן, וואָס קומט זיי אַנטקעגן, און ליבשאַפט און רחמנות איז אין זייער שמייכל, ליבע און רחמנות.

נאָר איין איין פאַל גייען זיי פאַריבער פאַרדריסלעך, אָן אַ גרוס, מיט אַן אָפענער פיינטשאַפט, — ווען זיי באַגעגענען איינער דעם אַנדערן.

16.6.62

דער טינטער

דעם אַלטן דיכטער איז צעבראָכן געוואָרן זיין טינטער און ער האָט אַרומגעזוכט אין די געשעפטן אַ נייעם. די יונגע קאָלעגן זיינע שרייבן מיט אַ פול־פעדער, אָבער ער מוז איינטונקן זיין פעדער אין אַ טינטער. נאָר אַזוי שרייבנדיק, פאָלגט אים די אינספּיראַציע.

אָבער די קרעמערס הייבן זייערע אַקסלען: נישט פאַראַן מער קיין טינטערס. אַוועק זייער צייט; מען פאַבריצירט זיי נישט מער. אַפילו שול־קינדער שרייבן אַצינד מיט פול־פעדערס. מיר האָבן נישט קיין טינטערס.

נאָר איין מיידל, אַ פאַרקויפערין אין אַ געשעפט, ערגעץ אויף אַ וויי־טער גאַס, האָט אים פאַרשטאַנען, מיטלייד געהאַט מיט אים און געזאָגט:

— כ׳וועל זוכן אין מאַגאַזין, אפשר וועל איך געפינען.

זי האָט געזוכט און געפונען אַ טינטער פונעם אַלטן טיפּ, אַזעלכן ווי ער האָט געוואָלט. ווי געפונען אַ גרויס געווינס, האָט דער פּאָעט געאיילט צו זיין אַרבעטס־טיש, אָבער די ווערטער: „די טינטערס־צייט איז אַוועק״ אַאַז״וו האָבן געהילכט אין זיינע אויערן, געשטערט — און דער רוח הקודש האָט אויף אים איצט אויך נישט געוואָלט רוען.

ווי ער...

פונעם דיכטער האָט זיך געהאַט אָפּגעטאָן די שכינה. וויפל מאָל ער האָט זיך באַמיט עפּעס אַרויפצוברענגען אויפן פּאַפּיר, איז עס אים נישט געלונגען. די וועלט איז גראָ און ליידיק — וואָס איז פאַראַן צו שרייבן?

דאָ איז אים געקומען צו דער האַנט אַ בריוו־זאַמלונג פונעם גרויסן דיכטער, וועלכער האָט געלעבט פאַר הונדערט יאָר, ווען ער האָט אָן אַ שיער ליב געהאַט און איז פון אים נישט ווייניק באַווירקט געוואָרן. דאָרט, אין איין בריוו, איז געווען געשריבן: „איך געפין זיך איצט אין לאַנגווייל, מעלאַנכאָליע און אינספּיראַציע־מאַנגל"...

די דאָזיקע מעלאַנכאָלישע ווערטער פון פאַר הונדערט יאָרן פון זיין אָפּגאָט האָבן אים געטרייסט, באַפליגלט און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש — און אָנגעשריבן דאָס בעסטע ליד זיינס.

11.1.63

קינסטלערס

טאָג־טעגלעך, פאַר מיטאָג, קומען זיי זיך צונויף אין זייער שטענדיקן קאַפע־הויז, די „כאַלטורניקעס", די לייט פון די פאַרשידענע נאַכט־בינעס. די פּאַיאַצן צווישן זיי, וואָס קענען מאַכן די משונהדיקסטע העוויות, ווייזן איצט אַ גאַר סאָליד פּנים און ס'איז שווער צו אורטיילן, ווען זייער שוישפּילערישער טאַלאַנט קומט מער צום אויסדרוק, בשעת זייערע „אויפטריטן" אין די אָוונטן, אָדער אַצינד אין קאַפע־הויז.

באַהעמע. אַ קעגנזייטיק איבערוויינקען זיך. ווונקען, וואָס נאָר זיי אַליין פאַרשטייען זיי. אָבער פון הינטער דעם אַלעמען קוקט אָפּער אַ שווערער טרויער, לייד פון עקזיסטענץ־ראַנגלענישן.

אַ קליינע פעסטונג איז פאַר זיי זייער חבר, דער אַטלעט, דער אייזנברעכער. איינזאַם זיצט דער דאָזיקער ריז אינעם ווינקל פון קאַפע, אויף זיין סטאַבילן פּלאַץ און רעדט ווייניק. זיי אַלע פילן זיך ווי רוענדיק צווישן זיינע פעסטע אַקסלען.

ס׳זענען אָבער געקומען טעג, וואָס אויך אָט די פעסטונג האָט גענומען איינפאַלן. אַנומלט האָט ער ביי זיינע אויפטריטן אין קאַבאַרעט זייער געשוויצט. ער האָט זיין גבורה טאַקע באַוויזן ביז צום סוף, אָבער שווערלעך. אַזוי זענען מיר צומאָל דעם לייב אין זיין שטייג, ווי ער צעקנאַקט די פאַר אים ליגנדיקע קנאַכנס מיט פיל מי, מיט זיינע לעצטע כוחות. אַ צער בעלי חיים!

ביז... ביז אין איין טאָג איז זיין פּלאַץ אינעם ווינקל פונעם קאַפע געווען ליידיק. דער אייזנברעכער איז נעכטן ביינאַכט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק.

„ויראו כי מת גיבורם" — — —

5.4.63

„נישטאָ וואָס צו זען"

ערשט פאַר אַ יאָר האָב איך געזען דאָס גרויסע פירשטאַקיקע הויז אין בויען — און שוין האָט אַ זעלבסטמערדערין אויסגענוצט זיין הויך פאַר איר צוועק, אַראָפּוואַרפנדיק זיך פון דעם פערטן שטאָק אין סאַמע מיטן טאָג. האָבן זיך דען צוליב דעם זיינע בויערס געמיט אויף דער הויכער רושטאַוועליע, אין דער שרעקלעכער היץ, אין חמסינען?

אָט ליגט זי, אַ זיך אַליין דערהרגעטע יונגע פרוי, אויפן טראָטואַר, — און אַ קליין בלוט־ריטשקעלע איר צוקאָפּנס. עמעצער האָט זי צוגעדעקט מיט עטלעכע בויגנס פּאַפּיר, שפּאָרלעך צוגעדעקט, און ס׳זענען זיך אַרויס די נידעריקע טיילן פון איר גוף, די פיס אין די זאָקן, די גלאַנציקע שיך.

אַ מאָדנע טונקלקייט גיסט זיך אַריין אינעם העלן טאָג, ווי ביי אַ ליקוי חמה, און די אויגן קוקן און זעען נישט. מיט משונהדיקע פּרצופים שטופּן זיך מענער און פרויען, פּנימער איינגעפאַלענע, באַטריבטע, געקאַרטשעטע. איינער מיט אַ בעלמע אויפן אויג... אַפילו דאָס שיינע מיידל, וואָס דו האָסט שוין לאַנג אויף איר געוואָרפן אַן אויג און ביי יעדער צופעליקער באַ־

געגעניש אין גאַס קוקסטו איר לאַנג נאָך, איז איר געזיכט איצטער פֿאַרשאָטנט דורך אַ שוידער. זיי רעדן, רעדן:

— ווער איז זי?

— מ׳ווייסט נישט.

— פֿאַר וואָס?

— צוליב אַרבעטלאָזיקייט.

— צוליב משפּחה־ענינים.

— מ׳קאָן נישט וויסן!

ווי אַן ערד־ציטערניש אונטער די פֿיס און אַ דרעשטש דורך אַלע גלידער. אַ יעדער איינער מיט זיין אייגענעם חשבון: „און איך, פֿון דעסט־וועגן, האַלט זיך נאָך״... די מענטשן רייסן און שטופּן זיך, נאָענטער צו איר, נאָענטער. אָבער מיט אַ מאָל באַווייזט זיך אַ געזונטער שוטר מיט אַ פֿעסטן קאַרק און שטופּט די נייגעריקע מאַסע צוריק, שרייענדיק: „נישטאָ וואָס צו זען!״ דער שטח אַרום איר ווערט אַלץ מער פֿרייער, ברייטער. באַלד ווערט אַ ליידיקער פּלאַץ, אַ רונדער, ברייטער, וואָס אין זיין מיטן ליגט זי — אַליין, אַליין; די בויגנס פּאַפּיר בלאָזן זיך אין ווינט און גליטשן זיך פֿון איר אַראָפּ, אָבער זי אַליין רירט זיך נישט, איז אומבאַוועגלעך.

און דער שוטר שטופּט אַלץ מער צוריק. „נישטאָ וואָס צו זען!״ דאָס דינסט־היטל אויף זיין פֿעסטן קאָפּ, די שאַרפֿע געזיכטס־ליניעס, די העלע אויגן זיינע — אין דעם אַלעמען איז נישט זייער קענטלעך די יידישע צורה. דאָס איז דער אינטערנאַציאָנאַלער, אייביקער פּאָליציאַנט, דער וואָס געוועלטיקט איבער די מענטשן און זייערע אומגליקן, איז זיי מבטל און מוטיקט. פֿאַרטרייבט אַלערליי נייגעריקייטן, גרוילן און שרעקנס, דער שוטר־פֿילאָזאָף:

— נישטאָ וואָס צו זען!...

21.6.63

די שיינע סקולפּטאָרין

אַליין אַ וווּנדערשיינע פיגור, האָמערט זי אויס מיט באַגייסטערונג אַקטן פון יונגע מיידלעך. זי רעדט אָן אירע שענסטע שול־חברטעס, צו קומען צו איר אויף צו באַנוצן זיי פאַר מאָדעלן (די פּנימער בלייבן רוי, כדי נישט צו דערקענען זיי).

בשעת אַ באַזוך ביי איר האָב איך זוכה געווען צו זען אָט־אָ די אַלע סקולפּטורן מיט זייערע אַלע ליניעס און פאַלדן. די פאַרבאָרגענע, רייצנדיקע, אייביקע.

פון דעסטוועגן — האָב איך געזאָגט דער יונגער סקולפּטאָרין — שטעל איך מיר פאָר, אַז ס׳איז פאַראַן אַ בעסערע קערפּער־שיינקייט, אַ גרעסערע פולקאָמענהייט פון אָ דער...

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, פאַרשטאַנען און געענטפערט מיט... אַ פאַרשעמטן שמייכל — — —

8.11.63

דעם מענטש האָב איך געקושט

נאָך זייענדיק אויף דער שיף האָב איך פיל געטראַכט וועגן מיין יוגנט־פריינד, מיט וועלכן איך דאַרף זיך באַגעגענען, קומענדיק צום האָפן. שוין אַ דרייסיק יאָר האָב איך אים נישט געזען, אָבער זיין געשטאַלט איז אַזוי פריש אין מיין זכרון, ווי מיר וואָלטן זיך ערשט נעכטן צעשיידט. איך געדענק די ערשטע טעג נאָך זיין חתונה; יענע איבערגעגעבנקייט צו אַנאַנדער פונעם פאָרפאַלק, אָן איבערגעגעבנקייט, ווי איך האָב אַזעל־כע כמעט נאָך נישט געהאַט געזען ביי אַנדערע.

אָט זע איך זיי ביידע איינגעאָרעמט אין גאַס, אין שניי, געפּרעסטע און געקאָוועטע, ממש „בשר אחד״, אָדער אין איר פאָטערס הויז, אין איינעם פון די ווינקלען פון דער גרויסער, פיל־צימערדיקער דירה, ווי זיי טוליען זיך צו אַנאַנדער שווייגנדיק, אין דבקות. ס׳איז געווען אַ קורצע

צייט נאָך דעם טויט פון דער מוטער, דער פרויס מוטער; טרויער האָט באַהערשט דאָס הויז און די איינציקע געליבטע און ליבנדיקע טאָכטער האָט געפּענדלט ווי אַ וואָג־שאָל צווישן דעם מאַן און דעם פאָטער, דעם אַלטן, פאַראומערטן און צעבראָכענעם פאָטער, וועלכער איז געזעסן איינזאַם אין זיין דערוויטערטן צימער, — האָט זי, איידער זי איז אַריבער אינעם מאַנס חדר אַריין, געקושט דעם טאַטן, געקושט צערטלעך־צערטלעך:

— פּאַפּאָטשקאַ!...

איצט בין איך ווידער אַן איינגייער ביי אָט דעם יוגנט־פריינד מיינעם. דער מענטש איז געעלטערט, געבויגן; ערשט פאַר עטלעכע וואָכן איז ער געוואָרן אַן אלמן. אינעם שלאָף־צימער איז אָפּגעהיטן די סאָפע געננוי אינעם צושטאַנד, ווי זי איז געווען דעמאָלט, אין יענעם נאָך מיטאָג, ווען זיין פרוי איז אויף איר פלוצעם געשטאָרבן — מיטן קליינעם געשטריקטן קישעלע צוקאָפּנס און מיטן בוך אין דער זייט. איר אָפּבילד גייט נאָך אַרום אין דער טונקלקייט פון די צימערן... דער טרויער הערשט אין יעדן ווינקעלע. די איינציקע שיינע, צוואַנציק־יאָריקע טאָכטער, וואָס מיט איר אויסזען דערמאָנט זי איר מוטער פון יענע טעג, אָבער זי איז נאָך שענער פון איר, באַוויזט זיך אינעם מאַנטל און מיטן הוט און דעם טרויער־שלייער, גרייט אַוועקצוגיין — איר אויסדערוויילטער וואַרט אויף איר ערגעץ אין גאַס — און געזעגנט זיך פון איר מעלאַנכאָלישן פאָטער, דעם „האַלבן גוף״, מיט אַ צערטלעך־צערטלעכן קוש:

— פּאַפּאָטשקאַ!...

מיר זענען ביידע געבליבן אַליין אין זיין צימער. אין דעם אָוונט זענען מיר געזעסן שפּעט ביז מיטן נאַכט. ער האָט גערעדט וועגן די אַמאָליקע גוטע יאָרן, די יוגנט־יאָרן, וואָס זענען אַוועק און זענען מער נישטאָ אאַז״וו, אָבער איך האָב געקוקט אויף זיין שיינעם פּנים און געטראַכט: וואָס פאַר אַן אונטערשייד! דעמאָלט איז ער אייגנטלעך נישט געווען מער ווי סתם אַ ברוגעטער בחור מיט אַ גלאַטיקן, אומרייפן געזיכט, אָבער איצט, — אַ רייפע מענטשלעכע שיינקייט. די אַלע דרייסיק יאָרן מיט זייערע מי׳ען און ליידן האָבן, הייסט עס, זיך געריסן צו איין ציל: צו פאַרענדיקן דעם מענטש, אַרויפצוברענגען אים צום שפּיץ פון

זיין פּראַכט. די עלטער, קנייטשן, שפּעלטלעך, די שפּורן פון די פּיל שטורעמס, ווי די פון אַן אַלטן, פון וואַגענישן צעאַקערטן שיפס־קאַפּיטאַן — און מינוטנווייז, אַדורך דעם אַלעמען, דווקא אַ גוטער שמייכל, וואָס רירט דאָס האַרץ...

ס׳זענען מיך באַפאַלן רחמנות און ליבשאַפט, רחמנות און ליבשאַפט, וואָס רייצן אַזש צו טרערן און ביי דער טיר האָב איך געדריקט זיין האַנט, געדריקט שטאַרק, נישט קענענדיק איינהאַלטן זיך פון בעטן:

— גיב מיר דיין באַק!...

נישט דעם יוגנט־פריינד — דעם מענטש האָב איך געקושט.

14.8.64

טרערן

אין די דריי דירות אויפן צווייטן שטאָק, וווינען: דער קלאַוויר־שפּילער, אַ באַיאָרטער בחור; רעכטס פון אים — די ווייס־האָריקע, פאַרביטערטע אלמנה, וואָס אַז ער פאַרשפּעטיקט זיך אין אָוונט מיטן שפּילן, קלאַפּט זי אין זיין וואַנט אַז ער זאָל אויפהערן, און אַקעגן איבער אים, טיר קעגן טיר — די דייטשקע, וועלכע איז ערשט נישט־לאַנג געבליבן אַן אלמנה נאָך איר יידישן מאַן.

אַ פרישן וויבלעכן כּוח שטראַלט די דייטשקע אַרום זיך, ווו זי גייט און קומט (זי איז אַריבער פערציק) אָבער ער, דער קאָמפּאָזיטאָר (עטלעכע פון די היג־לענדישע לידער ווערן געזונגען מיט זיינע מעלאָדיעס), האָסט זי. זי מאַכט אַ פריינטלעך פּנים, שמייכלט, אָבער עס איז קענטיק, אַז זי איז נישט אויפריכטיק. שוין אַ צען יאָר זיצט זי מיט אונדז און איז נישט מיט אונדז. אירעביידע יונגע טעכטער האָט זי אַ ווונק געגעבן צו פאַנגען פאַר זיך צוויי אויסטראַלישע זעלנער און נאָכגיין זיי. **נאָך דער** מלחמה, אין זייער לאַנד אַריין. אין דער האָפענונג, אַז סוף־סוף וועלן אירע טעכטער זי אויך נעמען צו זיך, דערטראָגט זי דערווייל דאָ מיט געדולד איר איינזאַמקייט.

איר שיינע וווינונג פאַרלאָזט זי כמעט נישט, זאָגט זיך אָפּ פון קאַפּע־הייזער, קינאָס אאז״וו, ווי אָפּשפּאָרנדיק אירע פאַרווײַלונגען פאַרן נייעם לעבן, וואָס דערוואַרט זי דאָרט. צוויי מאָל אין טאָג גייט זי אַראָפּ אינעם הויז־קלייד צום פּאָסט־קעסטל און גייט לאַנגזאַם צוריק אַרויף די טרעפּ, אין גאַנצן פאַרזונקען אינעם לייענען די בריוו פון אויסטראַליע.

דעם מוזיקער איז נישט ניחא ווען ער כאַפּט זיך ביי זיין „שוואַכקייט״. מיט זיין גאַנצן ווזן האָט ער פיינט די דאָזיקע פּרוי, פון דעסטוועגן ציט עס אים שטילערהייט צו איר לויטערן, מעלאָדישן קול. און די טעג פון אזעקות איז אים געווען אָנגענעם צו טרעפן זיך מיט איר אינעם טונ־קעלן מקלט, צייטנווייז האָט זי אים געדינט דורך עפּעס אַ דינסט, ווי אַ שטייגער אָנקלינגענדיק און דערלאַנגען אים דעם שליסל, וואָס ער האָט געלאָזט שטעקן אונטן אין פּאָסט־קעסטל — וכדומה.

צו מאָל פלעגט זי אים אויך אָפּשטעלן אויף די טרעפּ און דערציילן וואָס די טעכטער שרייבן איר. אין דער ערשטער צייט האָבן זיי געמאָלדן גרויסע און וווּנדערלעכע זאַכן; אָבער איצט איז קענטיק צווישן די שורות, אַז עס איז דאָרט שווערלעך און די אויסזיכטן פאַר איר נסיעה זענען זייער קנאַפּע. דערווייל פאַרגייען די טעג און זיי לאָזן זייערע שפּורן. איר הייך איז געבויגן און דער גאַנג אירער שווער.

נאָר מיט אים אַליין קומט זי פון צייט צו צייט אין אַ לייכטן באַ־ריר, אָבער פון די איבעריקע שכנים האַלט זי זיך זייער צוריק און היט זיך נישט צו קומען צו עפּעס אַ צוזאַמענשטויס מיט די פרויען. זי רעאַ־גירט נישט אויב עמעצער פון זיי פאַרנעמט דאָס וואַשצימער נישט לויטן „תור״. זי האָט נישט קיין תרעומות פאַר אויסקלאַפּן די דיוואַנעס איבער איר קאָפּ און נאָך אַזוינע זאַכן. זי איז פול נאָכגיביקייט און איינגעהאַלטנ־קייט, ווי עמעצ וואָס איז אין „גלות״. וואָס זאָל מען טאָן?!

און אָט האָט זיך געטראָפן, אַז זי האָט געשטרויכלט דורך אַ זאַג. דער אייז־יונג האָט אַרויפגעבראַכט ווי עס איז טעגלעך זיין שטייגער די דריי „בלאָקן״ און זיי אַוועקגעלייגט פאַר די איינוווינערס ביי זייערע טירן. פּלוצלינג האָט זי דער ווייס־האָריקער שכנטע פאַרגוואָרפן:

— איר נעמט אייך תמיד דעם גרעסטן „בלאָק״.

די פאַרביטערטע אלמנה, וואָס האָט נאָכגעטראָגן אַ שנאה צו דער שכנטע זינט דעם ערשטן טאָג פון איר ווינען דאָ, האָט איר האַרט אָפּ־געענטפערט, איז אַלץ מער און מערער אויפגעזאָטן געוואָרן, ביז זי האָט איר געשליידערט אין פּנים אַריין:

— איר וועט פון מיר נאָך קענען הערן אַנדערע ווערטער!...

די דייטשקע האָט אויפגעציטערט, איז צוזאַמען געבראָכן און, ווי אַ געיאָגטע, איז זי אַריינגעלאָפן אין דער אָפענער ווינונג פון מוזיקער, זיך געוואָרפן אין אַ פאָטעל אַריין און צעוויינט זיך.

צעטומלט און ראַטלאָז — טרערן פאַרטראָגט ער נישט — האָט דער קלאַוויר־שפּילער זיך באַמיט די פרוי צו באַרויִקן, אויסצורעדן איר און אָפילו געפּירט זיינע לאַנגע פינגער איבער איר שוין גראָ־געוואָרענעם קאָפּ, געפּירט שוועבנדיק — דאָס איז דאָך זיין ווירטואָזיטעט — אַנגע־רירט און נישט אַנגערירט.

„טאַטושיו”!...

אַ צאַרט און קרענקלעך יינגל פון די פּוילישע פּליכטלינגען, אָפּגע־ראַטעוועטע דורך אַ נס, האָט אַנגעקלונגען אין דער טיר פונעם דאָקטאָר, וועלכער איז אויך ערשט־נישט־לאַנג מיט זיין משפּחה געקומען פון פּוילן. אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, וואָס האָט פאַרטומלט מיט איר שיינקייט, האָט אים געעפנט, אַריינגעפירט אים גלייך אין ליידיקן אויפנעם־צימער און גערופן:

— טאַטושיו!...

דער דאָזיקער רוף, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ ווייכקייט, האָט בשעת דער גאַנצער אונטערזוכונג געהילעכט אין זיינע אויערן און ער האָט די ווערטער פונעם דאָקטאָר געהערט און נישט געהערט, האָט אויף זיינע פראַגן געענטפערט און נישט געענטפערט. און אָט פרעגט ער אים:

— דיין פאָטער לעבט נאָך?

— ניין.

— פון וואָסער קראַנקייט איז ער געשטאָרבן?

דאָס יינגל האָט געקנייטשט און פאַרטונקלט זיין שטערן, דערמאָנענדיק זיך אין זיין פאָטער, וועלכער איז אומגעקומען אין דער גרויסער נאַצי־אויסראָטונג און האָט טיף אַרויסגעזיפצט:

— טאַטושיו!...

23.8.63

דאָס יינגל

מ׳מאָלט און מ׳מאָלט און מ׳מאָלט... פאַר וועמען און פאַר וואָס מ׳ען זיי זיך? אָרעמקייט און נויט איז זייער דאָליע. זיי טויטן זיך אינעם געצעלט פון דער קונסט. פאַר וואָס און צו וואָס?

דער מאָלער אַליין באַגלייט מיך אין דער אויסשטעלונג און דערקלערט מיר אַלץ: דאָס בילד איז פונעם חיפהער האַפן, דאָס פונעם ברעג כנרת, אַ לאַנדשאַפט פון אַרום ירושלים, אָראַנזשן אויף אַ שיסל, אַ הויז אויף דער בוגראַשאָוו־גאַס, אַ פּאָרטרעט פון אַ בעדווינער... אָבער אַלע רעדן נישט פיל צום האַרצן. ס׳מאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס אַלץ איז נאָר געמאַכט מיטן כוח פון עפּעס אַ בלינדער פּסיכאָזע: כאַפּ און מאָל פון אַלץ, וואָס דיינע אויגן זעען, אָן אַן אונטערשייד, ווי אַ שטייגער: „כי אינך יודע איזה יכשר, הזה או זה״; קאָפּיר פון דער נאַטור, פון דאָ און פון דאָרט, — כאַפּ און מאָל!

אין מיין האַרצן האָב איך דעם קינסטלער באַדויערט און מיט אים מיטגעליד געהאַט. כ׳האָב פאַרוואונדערט געטראַכט: וואָס איז דער קוואַל פון זיין פלייס, אויסדויער און גרייטקייט צו ליידן? אָט־אָ די לוילעכע לאַנדשאַפט־פראַגמענטן און די גראָע ווירקלעכקייט? דעם טעם פון זיין לעבן פון וואַנען שעפּט ער, פון וואַנען?

אָט דאָ שטויסט זיך אָן מיין בליק אינעם בילד פון אַ יינגל אויפן עק וואַנט. אַ וווּנדערלעך שיין יינגל מיט אַ זעלטענער אויגן־פּאַרטיע. פאַר אַזאַ שיינקייט בין איך שוין לאַנג נישט געשטאַנען. כ׳האָב זיך נישט געקאָנט דערפון אָפּרייסן.

— ווער איז דאָס יינגל? — האָב איך געפרעגט.
— דאָס איז מיין זון.
און איך האָב פאַרשטאַנען.

די מאָלערין

איך בין דאָס מאָל געווען דער איינציקער צושויער אויף דער אויס־שטעלונג. אַקעגן מיר האָבן געשעמערירט: היימישע לאַנדשאַפטן, בלומען, פּאָרטרעטן, אַן אַקט... אָבער די אמתע שיינקייט האָב איך געפילט הינ־טער מיר, אין דער יונגער מאָלערין אַליין. מיט לויטערע אויגן און דער געטאָקטער נאָז. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטע אינעם דאָזיקן שווייגנדיקן און נעפלדיקן רוים, צווישן אירע פּענזל־שאַפונגען אויף די ווענט.

— נו, פון וואָס זענט איר באַזונדערס באַאיינדרוקט געוואָרן? — האָט זי מיך געפרעגט ביי מיין אַוועקגיין.

— פון אייך.

4.10.63

פרילינג

איך האָב באַגעגנט דעם אַלטן יורי ווו די סטעזשקעס צעשיידן זיך אין דער בלאָטע פונעם צעגייענדיקן שניי. די באַגעגענישן מיט דעם דאָ־זיקן יוגאָסלאַווישן אַכציק־יאָריקן זקן, וועלכער גייט תמיד, אויך אום ווינטער באָרוועס, זענען מיר באַזונדערס אָנגענעם. ווי אַן איבערבליי־בעניש פון די אַלטע „גוים״ פון אונדזער קינדהייט — מיטן דאָרן גאָרגל־קנאָפּ, מיטן בראָנפן־ריח, וואָס שפּאַרט זיך פון זיין מויל, מיטן איינעם פאַרגעלטן צאָן און באַזונדערס מיטן וואָרט „דאַברע״, דאָס וואָרט, וואָס אינעם גאַנצן שטייערישן דאָרף בין איך דער איינציקער, וועלכער פאַר־

שטייט זיין באַטייט. ווי זיין שטיגער איז, האָט ער זיך פאַרנייגט און אויס־גערופן:

— גנעדיקער הער!...

איך האָב געמיינט, אַז ער וועט פאַרזעצן זיין אייביקן פּזמון: „מיין פרוי איז זייער אַ שלעכטע" אאַז"וו (אַלע ווייסן, אַז זיין זעכציק־יאָריקע פרוי, וועלכע האַלט זיך אודאי אָקעגן אים פאַר צו יונג, איזדיעקעוועט זיך איבער אים, איר אַלטן מאַן, מיט אַ שרעקלעכער אכזריות און איז גוזר, אַז ער זאָל וווינען אין שטאַל, מיט די בהמות, און נישט אין שטוב)

— אָבער ניין! דאָס מאָל זענען עס אַנדערע ווערטער:

— גענעדיקער הער — האָט ער שוין געהערט, וואָס פאַר אַן אומ־גליק עס האָט מיך נעכטן געטראָפן? מיין פרוי איז געשטאָרבן! יאָ, מיין הער, די פרוי מיינע איז געשטאָרבן און איצט איז שלעכט, זייער שלעכט מיר. אַצינד איז נישטאָ אַפילו ווער עס זאָל אָפּקאָכן אַ מיטאָג־עסן, נישט גוט אַז אַ מענטש בלייבט אַליין!

— אָבער יורי, איר קאָנט דאָך נעמען אייך אַן אַנדערע פרוי. אינעם דאָרף זענען פאַראַן אַזוי פיל מיידלעך, אַ יעדעס מיידל וועט צו אייך גיין מיט חשק. איר האָט דאָך אַ שטוב און אַ גאָרטן!

איך האָב דערוואַרט, אַז ער וועט נעמען באַקלאָגן זיך מיטן באַקאַנטן נוסח: וואָס פאַר אַ מיידל וועט וועלן גיין צו מיר, צו אַזאַ איינעם?! און אַדאָ ענטפערט ער דווקא:

— יאָ, דאָס איז אמת, אָבער איך שרעק זיך שוין פאַר אַ פרוי. מיין פאַרשטאָרבענע פרוי איז געוועזן זייער אַ שלעכטע.

— וואָס רעדט איר! נעמט אייך אַן אַכצן־יאָריק מיידל.

— הייסט עס, אַז אַ מיידל זאָל איך מיר נעמען, זאָגט מיין הער? אפשר וועל איך אים טאַקע פאָלגן. דאַברע.

זיינע בלאָע אַכציק־יאָריקע אויגן האָבן געגומען שטראַלן מיט אַ שיין נישט פון דער וועלט — און איך האָב פּלוצלינג דערפילט דעם פרילינג ווי איך האָב אים נאָך קיין מאָל נישט געפילט.

10.1.64

יתרו

ס׳איז אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איך בין דאָרט אויך נישט געווען. לויט די צורות פון זייערע שייכן און כהנים, וואָלט איך אפשר געווען באַקומען אַ שטיקל באַגריף פון דעם יובילאַטס צורה, פון יתרון אַליין, זייער על־טער־עלטער־פּאָטער, — וואָרום אין מיין קינדער־וועלט האָט יתרו, משהס שווער, פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ.

אָט איז ער געקומען אין מדבר אַריין און מיט אים זיין טאָכטער צפורה און אירע צוויי קינדער. ר׳איז געקומען און האָט געקוקט. ער האָט באַטראַכט משהס מעשים, ער האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט ביי פעלערן און דערצו באַמערקט, וואָס ער האָט באַמערקט און געעצהט, וואָס ער האָט געעצהט. אַליין אַ פּאַסטעך פון זיין טשערעדע, אַ כהן פון מדין, האָט ער אויף דעם דאָזיקן שטח געהאַט מער דערפאַרונג פון זיין יונגן איידעם. משה האָט אָנגענומען און געפאָלגט און אים אויך געבעטן, אַז ער זאָל אים באַגלייטן אויף זיין שווערן, גורלדיקן וועג און אים ווייטער שטיין צו דער רעכטער האַנט. „והיית לנו לעינים״.

ס׳איז קענטיק געווען, אַז די קעגנוואַרט פון זיין שווער האָט אים צוגעגעבן מוט און ביטחון — און דערפאַר איז אים אַזוי שווער געווען דער אָפּשייד פון אים. „פאַרלאָז אונדז נישט״, האָט ער זיך ממש ביי אים געבעטן.

ביי דעם דאָזיקן פסוק, ביים רבין אין חדר, געדענק איך, האָב איך אויך געגלוסט, אַז יתרו זאָל נישט צוריקקערן אין זיין לאַנד אַריין, כדי משה זאָל נישט בלייבן אַליין אינעם מדבר, מיט זיין טשערעדע.

אָבער ער האָט נישט געוואָלט. אַלץ איז גוט און שיין, אָבער... „כי אם אל ארצי ואל מולדתי אלך״, און לאָמיר דאָס אים נישט פאַראיבל נעמען. וואָרום אַדורך דעם דאָזיקן ערשטן אָפּזאָג, האָט ער עס אייגנט־לעך פאַרפלאַנצט אין אונדזער דערקענטעניש דאָס אייביקע געזעץ: אַ יעדער איינער און זיין לאַנד, אַ יעדער איינער אין זיין פאָטערלאַנד.

20.3.64

דער אומפאַל

די פאַרשידענע אינוואַלידן, וואָס גייען אַרום איבער דער גאַס אויף זייערע אָנלענס, איבערראַשן מיט זייער מוט, אָן דער מינדסטער אַראָפּגע־פאַלנקייט. מיט גבורה האָבן זיי זיך פאַרמאָסטן מיט זייער גורל און זענען אים בייגעקומען. זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן. אַ סאַלוט זיי!

באַזונדערס אימפּאָזאַנט איז דאָס זעכצן־ אָדער זיבעצן־יאָריקע יינגל, וועלכער באַוועגט זיך פאַרוואונדערלעך מיט זיינע קוליעס, האָפּ־האָפּ, ווי אַן אַקראָבאַט. מיט זיינע חברים און חברטעס, אַרויסגייענדיק פונעם שול־הויף, האַלט ער שריט, בלייבט נישט הינטערשטעליק. נאָר פון זייערע ראַשנדיקע קונדסערייען, פון רעכטס און לינקס האַלט ער זיך אָפּ און קוקט ווייט פאָרויס.

איין מאָל, היפּנדיק אַליין אויף אַ זייטיקן שטעג, האָט ער אַוועקגע־שטעלט זיינע קוליעס ביי אַ שטיינערנעם צוים, האָט געכאַפּט דאָס שיינע הינטעלע, וואָס האָט זיך אַהער געיאָוועט, און גענומען עס גלעטן און זיך מיט אים צו שפּילן ביז ס׳האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און איז אַנטלאָפן. דערביי האָט דער אָרעמער פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט — און איז אומגעפאַלן — — —

אינעם אויגנבליק האָט ער זיך געאיילט און איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך געווענדט אַהין און אַהער מיט אַ ציטער: אפשר האָט עמעצער גע־זען?... ער האָט געכאַפּט זיינע קוליעס און זיך גיך אָפּגעטראָגן.

אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ

די שיינע שפּיאָניך, וועלכע האָט „געאַרבעט״ אין איין גרויס־מאַכט פאַר אַן אַנדערער, האָט געפונען איר קרבן, פאַרפירט אים און צום סוף אַריבערגעבראַכט איבער דער גרענעץ און ווי דלילה אין איר צייט, האָט זי אים אויסגעליפערט זיינע פאַרפאָלגערס.

און זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווען דער אומגליקלעכער האָט אין די אויגן פון זיינע תליינים זי צוגערופן:

— איך דאַנק דיר, אינגע, פאַר אַל־דאָס־גוטס...

24.4.64

קאָרטן־שפּילערס

זיצנדיק אינעם ווינקל פון קאַפע־הויז אַרום טישל און שמועסנדיק ביי קאָרטן, גלייכגילטיק צו אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום און אַרום, זעען זיי אויס ווי מענטשן פון אַן אַנדערער וועלט, וואָס זענען קלוגער פון אונדז, ס׳שמעקט אין זיי עפּעס אַ מיסטישער ביטול לגבי אַלע מנהיגים אונדזערע: זאָלן זיי דאָרט רעדן און מאַכן וואָס זיי ווילן — מיר פאַרשטייען מער: מיר שפּילן אין קאָרטן!

נאָר אין רגע זענען זיי זיצן געבליבן שטיל, ווען די צייטונגס־יינגלעך האָבן געוואַלדעוועט וועגן דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — און האָבן זיך ווידער גענומען צו זייער שפּיל, זייערע פאַרמעט־פּנימער האָב איך באַלד דערקענט. זיי זענען דאָך די אייגענע קאָרטעטש־ניקעס, זיי און נישט קיין אַנדערע, וועלכע כ׳האָב געזען אינעם ווינער קאַפע־הויז־ווינקל אין דעם זעלבן אויגן־בליק ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן. אויך דעמאָלט האָבן זיי מפסיק געווען אויף איין מאָמענט — און פאַרגעזעצט זייער שפּיל.

מלחמה און שלום און ווידער מלחמה. וועלטן קערן זיך איבער — און זיי, ביי זייער שפּילן אין קאָרטן!

דער פּאָליציי־הונט

טאָג־טעגלעך אַלערליי פאַרברעכנס. די לופט איז פול מיט זינד.

זייער באַזאָרגט צוליב דעם דאָזיקן צושטאַנד, ערנסט און פול אחריות, שפּרינגט דאָס קלוגע באַשעפעניש לענג־אויס דער הויפּט־גאַס. געפירט

פון זיין האָר. אַלע זיינע מין־חברים זענען אַציגד פּאַרטאַן אין לירעלייען אונטער יעדן בוים, נאָר ער אַליין קוקט נישט צו זיי. ער איז צו די מענטשן אַריבער.

5.6.64

אין גן־החיות

דאָס ברומען פון די חיות, די געשרייען פון די עופות, די ריחות — זענען אַ המשך פון די מענאַזשעריעס פון די אייראָפּעישע גרויס־שטעט, אַנגעהויבן פונעם ערשטן צירק אין די קינדער־יאָרן, אין וועלכן כ׳האָב אַריינגעקוקט דורך די שפּאַלטן. דאָס גאַנצע לעבן, הייסט עס, איז פאַר אונדז אַריבער אין אָט דער אַטמאָספער.

יאָ, מיר האָבן שוין געזען די דאָזיקע אַלע חיות און עופות און נאָך פיל מערער דאָרטן, אין חוץ לארץ, נאָר דאָ, צוליב דעם, וואָס זייערע נעמען זענען אויף עברית, זעען מיר זיי אָקוראַט. ערשט איצט זעען מיר באַשיימפּערלעך, אַז דער אָדלער איז ממש אַ „נשר״, אויסדריקלעך. סוף־סוף האָבן זיי באַקומען זייער תיקון.

אָט שטייט ער פאַרטראַכט אין זיין שטייג, דער מלך פון די עופות מיטן מעכטיקן שנאָבל (דער שנאָבל זעט אויס ווי אַ געקאָוועטער דורך אַ שמיד), פאַרשליסט זיינע אויגן פון אונטן אַרויף, עפּנט זיי און קוקט אין דער וועלט אַריין אַריבער די קעפּ פון זיינע באַטראַכטערס — און ס׳איז קענטיק, אַז ער זעט אַלץ אַנדערש, נישט ווי מיר; ער זעט דאָס עכטע מהות. „דאָס דינג אַן זיך״.

אָן שום דרך־ארץ שיקלט אים אַריבער פון דער נאָענטער שטייג מיט איין אויג דער גרויסער, שוואַרצער ראָב, אַ רעבעלישער שטייט ער איינער אַליין אומבאַוועגלעך אין זיין קליעטקע, אויך אַ פאַרטראַכטער, און זיין שנאָבל איז גאַנץ אָפן, אָפן ווי אַן אָפּגרונט — אַ מין ווונק פאַר די באַזוכערס, אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן דעם ערנסט פון דער צייט.

דער ריזיקער ,געפּאַנצערטער קראָט אין דער שוואַרצער ריטשקע;

די שלאַנגען הינטערן גלאָז; עפּעס משונהדיקע באַשעפענישן מיט אַ מאָדנע בליק, שוידערלעכע באַשעפענישן — די אַלע דערמאָנען פינצטערע נאָך נישט געאָנטע כוחות אינעם באַשאַף, וואָס ווער ווייסט ווהין זיי וועלן אונדז נאָך פירן און וואָס זיי וועלן נאָך אויף אונדז אָנוואַרפן.

נאָר די פיל־פאַרביקע קליינע פאָפּוגייען מילדערן דעם אומעט. ביי זיי איז לוסטיק. זייערע וווּנדערלעכע פאַרבן מיט די ניואַנסן זייערע — דאָס אויג קאָן זיך נישט אָנזעטיקן.

און פון דאַנען צו די חיות.

די מאַלפּעס וויגן זיך אויף די טראַפּעטן, שטיפן ווי קינדער, כאָטש זייערע פנימער זענען ווי זקנים־פנימער, אָן אַ שמייכל און צעאַקערטע פון לייד.

ווי סיבירישע פּויערים אין זייערע קאָזשוכעס קוקן אַרויס פון דער שטייג די בערן מילד־אויגיקע, שטייענדיקע אויפגעשטעלט אויף די הינ־טערשטע פיס. מיט ליבשאַפט לעקט אָפּ די געפלעקלטע לעמפּאַרטין איר קליינוואַרג און איר צאַרנדיק פרצוף ווערט דערביי נישט ווייכער. ליבע און צאָרן. און אָט איז דאָס פרעכטיקע לייבן־פּאָר; ער מיט דער גזשיווע און זי, די לייבעכע — יפהפיה, מיט די גלאַטיקע שענקלען. ביידע ליגן זיי צוליב דער היץ אויפן רוקן אויפן קילן שטיינערנעם פּאָל מיט אויפ־געהויבענע לאַפּעס אין דער הויך און טשאַטעסוויז פלאָגן זיי די פליגן און פאַרפולן די שפּאַלטן פון זייערע אויגן — צער בעלי חיים!

מער ווי די פליגן און די היץ אָבער פייניקט זיי די לאַנגוויל, אָט די שרעקלעכע לאַנגוויל פון לעבן. ווי שרעקלעך איז דער געגנעץ! און נאָר צוליב לאַנגוויל, דאַכט זיך, הויבט ער זיך אַפּאַטיש אויף, וועקט און שטעלט אויך זי אויף און „קוקט אויף איר" מיט אַן אָפּגעהאַקטן ברום. די פאַרשלייערטע אַראַבקע שמייכלט שעמעוודיק דורך איר שוואַרצן שלייער — און טראָגט זיך אָפּ.

18.9.64

דער פידל

איך האָב נישט ליב אָט דעם אינסטרומענט און איך וואָג עס מורד צו זיין אין זיין „מאַיעסטעט". די טאַטזאַך אַליין, וואָס דאָס קול נעמט זיך דאָ פונעם רייבן זיך איין גוף אינעם אַנדערן, קען אַרויסרופן אַ געפיל פון פריקרעקייט. אַזוי צו מאָל, רייבט זיך אַ לעפל אין אַ שיסל און ס'גייט דורך אַ שוידער אין דער חוט־השדרה. אָן אומאָנגענעמלעכקייט זענען באַזונדערס גורם געוויסע נידעריקע טענער, איבערגאַנגס־טענער, — און די סטרונעס, אגב, זענען אבער מן החי! דאָס איז אויך אַ טעם לפגם.

אפשר קען מען נאָך פרווון פאַרענטפערן פידלען־מיוחסים, סטראַדי־וואַריוס, וואָס זענען געווען אין די הענט פון ווירטואָזן. אָבער די ביליקע, שלעכטע פידלען, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון תלמידים — איז אַ האַרמאָניק בעסער פון זיי! דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ וויינענדיק געשריי, אַ קוויטשען פון תחנונים, וואָס ציפּט דאָס אויער און ביי דער נשמה — און וואַרפט אויף אונדז אָן אַ נודניש און מרה־שחורה.

יאָ, נודניש און מרה־שחורה, דער גאַנצער גלותדיקער געטאָ־קאָש־מאַר שרייט אַרויס פון די די בייכיקע האָלץ־אינסטרומענטן. עפּעס אַ מין קולט איז דער פידל געווען ביי אונדז אין גלות. דער ייד און דער פידל זענען געווען באַהאָפטן. „יידל מיטן פידל"... ס'איז נישט געווען קיין הויז ביי יידן, ווו איינער פון די קינדער, סיי ער איז געווען מוזיקאַליש טאַלאַנ־טירט און סיי נישט, זאָל דאָרט נישט „זעגן" אויף זיין פידל, דערפרייענדיק די מוטער, וועלכע האָט אין דעם געזען ס'העכסטע גליק אירס. מעג דער מצב זיין ווי ער איז, דער פידל האָט נישט געפעלט. פיל בייזע צרות, אַלערליי דאגות, חובות און וועקסלען און פּראָצעסן — און דער פידל!...

זיי זענען געבליבן געטריי דעם פידל ביז צום סוף. דער האָקנקרייץ האָט איבער נאַכט געוומען הערשן, און זיינע ריזיקע פּענער האָבן אין דער פרי זיך צעבלאָזן אין די בייזע ווינטן. אויף יעדן קאָפע־הויז איז אויפגעקלעפּט געוואָרן די וואָרענונג: „פאָר יידן איז דער איינטריט פאַר־באָטן". אָפילו אויף די בענק אין די גאַסן האָט געוואָרנט די אויפשריפט: „נאָר פאָר אַריער". אין מיטן גאַס און אין מיטן טאָג האָט מען געכאַפּט

יידן און אַוועקגעשלעפּט קיין דאַכאַו: אויף ביי נאַכט האָט די געסטאַפּאָ זיך געקענט אַריינרייסן אין שטיבער, אַרויסשלעפּן פון די בעטן און אַוועקפירן ערגעץ ווו. און אין דער באַשטימטער שעה איז אַלץ געקומען דער אַרישער מוזיק־לערער, צו לערנען דעם זון פידל־שפּילן.

די איינציקע שעה איז דאָס געווען, וואָס דער פּחד האָט זיך אַ ביסל געמילדערט, ווי דער אַרישער לערער וואָלט געקאָנט און געוואָלט באַשיצן, ראַטעווען, ווי ווען...

אַזוי האָט דאָס יינגל געפידלט ביז צום לעצטן מאָמענט — און דער תליון איז געשטאַנען הינטער אים.

20.10.64

דער פאַרבליבענער

פונעם גאַנצן אַרום האָט זי אַרויפגעכאַפּט אויף דער לייוונט לאַנדשאַפט־פראַגמענטן, גאַסן, פאַרשטעט, פעלד און וואַלד און אויך דעם ים־ברעג; אָבער בדרך כלל האָט זי, ווי סאָקראַטעס אין זיין צייט, אָפּגעגעבן מער חשיבות דעם מענטשן און מיט אַ באַזונדערער צופרידנקייט געמאָלן פּאָרטרעטן.

זיצנדיק ביי איר אַלס מאָדעל, איז שווער געווען נישט צו פאַרליבן זיך אַ ביסל אין אָט דעם שיינעם, צאַרטן מיידל, וואָס האָט נאָכן ענדיקן געזעגענענדיק זיך, געוויזן אירע מיט פאַרב פאַרשמירטער האַנט און זיך אַנטשולדיקט:

— איך קאָן זי נישט געבן...

יאָ, דער סעאַנס ביי איר האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. ס'זענען געווען פיל פאַלן, וואָס דער פּאָרטרעטירטער האָט פאַרגעזעצט זיינע באַזוכן אויך נאָך דער מלאכה, אָבער ווי באַטריבט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דאָ אין איינעם אַ טאָג געפונען אַן אָנהייב פון אַ נייעם פּאָרטרעט.

ווער איז דער?

געהיימע דערשיטערונגען זענען פֿאָרגעקומען אינעם חלל פֿון דער יונגער מאָלערינס חדר, דעם אַדורכגעזאַפּטן מיט ריחות פֿון פֿאַרבן און אייפּערזיכטיקער ליבע. דער אַרויפֿגאַנג אויף די טרעפּ צו־אַ דעם דריטן שטאָק איז נישט געווען פּשוט; דער קלונג פֿונעם גלאָק, אַ מאָדנער קלונג, האָט זיך באַהאָפּטן מיטן האַרץ־קלאַפּ...

אַ יעדעס פּאָרטרעט מיט זיין צייט. דאָס אַלטע האָט געמאַכט פּלאַץ דעם נייעם. איבער איר בעט האָט געווײַנטלעך געהאַנגען דאָס פּנים פֿונעם לעצטן, דעם זיגער. אַריכות ימים האָט אָבער דער אויכעט נישט געהאַט — און די געליטענע, אַז זיי פּלעגן זיך צו מאָל באַגעגענען אין דער גאַס, האָבן שווייגנדיק פֿאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן, — אַך, ווי פֿאַרשטאַנען!

ביז זי האָט זיך סוף כּל סוף מיט איינעם צו ווייט אַוועקגעלאָזט און איז געוואָרן זיינע, נאָך זייענדיק כּמעט אַ מיידעלע. דאָס פֿייגעלע איז אַרויסגעפֿלויגן פֿון איר נעסט — און איר מוטערס וועלט איז געבליבן פּוסט. אָבער אַז גאָט האָט זיך דערבאַרעמט אויף דער „פֿאַרלאָזענער" מוטער, איז די איינציקע טאָכטער אירע צו איר צוריקגעקומען — אַ טרויעריקע און פֿאַרצווייפֿלטע.

האָט זי זיך אַנטוישט? דאָס הימלישע אין איר האָט נישט געקאָנט סובל זיין דאָס ערדישע?... אָדער אפשר האָט די צייט אויך זי באַווירקט? — אָט מאָלן איצט אירע פֿאַך־קאָלעגן נאָר שקעלעטן און שיידלען און אַלערליי שווידערלעכע בילדער. אַ פּאָרטראַכטע, ווי אַ מיוחסדיקע נאָנע, גייט זי אַרום אין איר מיידלשן חדר. די באַזוכן האָבן אויפֿגעהערט. נאָר דאָס יינגעלע, דעם שכנס זונדל, דאָס שיינע און קלוגע, קומט צומאָל צו איר אַריין.

און זע — אַ וווּנדער: אויך דאָס זעקס־יעריקע יינגעלע האָט זיך אין איר פֿאַרליבט! ער לאַשטשעט זיך צו איר אויף זיין שטייגער און דריקט אויכעט בפירוש אויס זיין ליבע.

—־קום צו מיר מאָרגן אין דער פֿרי, גדעון. איך וועל דיך מאָלן.

און גדעון איז גאַנץ פרי געקומען און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון איר צימער.

— זי שלאָפט נאָך — איז די מוטער געווען אַ פאַרציטערטע — וועק זי נישט!

— אָבער איך וויל זען, ווי אַזוי זי שלאָפט... — האָט דאָס ייִנגעלע שטילערהייט געבעטן.

זי האָט זיין בילד געצייכנט מיט קויל. איר גאַנצן כוח האָט זי אַריינ־געלייגט אין דער דאָזיקער צייכענונג און ס׳איז איר אויך געלונגען, אָנ־צוכאַפּן דעם עיקרדיקן „פינטל" אין זיינע זעלטענע אויגן. ווי מיט אַ צוואַנג האָט זי געהאַלטן און אויך באַטאָנט די ביז גאָר צאַרטע שיינקייט — און דער באַטראַכטער האָט דערפון נישט געקאָנט אָפּרייסן זיינע בליקן.

איבער איר בעט הענגט אַצינד אַ די קויל־צייכענונג און זי רירט דאָס האַרץ פיל מער ווי אַלע „אַקטועלע" אַרבעטן פון אירע פאַך־קאָלעגן. ווי יענץ ייִנגל „מילדי העברים", דאָס אַרויסגעשעפּטע פונעם וואַסער... און ס׳איז נישט קיין ווּנדער, וואָס דער גאַנצער כוח פון איר טאַלאַנט איז איר דאָס מאָל בייגעשטאַנען.

דער פאַרבליבענער...

9.4.65

דער סוחר און דער סופר

דעם ענין פון שרייבן האָט דער סוחר איבערגעלאָזט דעם סופר און ער אַליין, דער סוחר, האָט זיך גענומען צו געשעפטן, וואָס מ׳קען זיך ביי זיי אַרויפאַרבעטן; געשעפטן וואָס ברענגען רווחים, וואָרום ער איז בטבע אַ סוחר און ער אַנטלויפט פון יעדער זאַך, וואָס ברענגט נישט קיין פאַרדינסט.

דעם סוחרס אויגן און האַרץ זענען געווענדעט נאָר צום פּראָפיט. נאָר צום פּראָפיט! דעריבער, אין דער רגע, ווען ער דערשמעקט אויך דאָ, אינעם ענין שרייבן, עפּעס אַ ריח פון געלט, פאַרוואַנדלט ער זיך און

נעמט זיך צו דעם אויכעט. ווי אין זיינע אַנדערע עסקים וועט ער דאָ אויך מצליח זיין און וועט פאַרטרייבן דעם סופר.

די דאָזיקע דערשיינונג שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן. דאָס קינאָ! ווער זענען זיי די אַלע אַנאָנימיטעטן, יענע, וועלכע ליפערן דעם בילדער־שטאָף פאַרן פילם? סוחרים און נישט קיין סופרים! און ווער זענען עס אפילו די מחברים פון די גרויסע ראָמאַנען פונעם געוויסן סאָרט, וועלכע זענען די „גוטע סחורה" פאַרן ביכער־מאַרק — סופרים און נישט קיין סוחרים? יאָ, סוחרים זענען זיי אַלע. קרעמערס פון געבורט, וועלכע ווייסן וואָס די וועלט דאַרף. דער ברען צו דער גרויסער הכנסה באַגייסטערט און באַשערט זיי דעם דערצו נויטיקן רוח־הקודש. אמת, ס׳איז דאָ פאַראַן פיל פונעם שונד, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז די ריינע, איידעלע שאַפונג איז פאַר זיי אוממעגלעך — דאָס נישט! אָבער דער מצב איז איצט אַזוי, דער קולטור־ניוואָ פון די מאַסן איז דערוויל אַזאַ, אַז נאָר מיטן שונד קען מען מאַכן אַ פאַרמעגן — און דער סוחר, ווי געזאָגט, וועט זיך נישט אָפּקערן צו זאַכן, וואָס האָבן נישט אָט די מעלה.

דערפאַר האָב איך זייער מורא, אַז שפּעטער אַמאָל, ווען די מאַסן וועלן ווערן אַזוי אַנטוויקלט און פאַרפיינערט, אַז זיי וועלן פאַרלאַנגען דווקא די אמתע, פיינע שאַפונג, אַזוי ווי זיי באַגערן איצט דעם שונד, דהיינו, אַז ס׳וועט קומען די צייט פון דער געלייטערטער דיכטונג און זי און נאָר זי וועט רייך מאַכן דעם שאַפער — וועט דער סוחר אויך אַהער אַריינשפּרינגען. ווייל ווו ס׳איז געלט — דאָרט איז ער. ער, דער סוחר, וועט דאַן שרייבן די צאַרטסטע און העכסטע זאַכן, וועלכע וועלן אים אַריינברענגען קורחס אוצרות, מיליאָרדן — און דער סופר וועט אויך דעמאָלט שטיין אין דער זייט אָן אַ פּרוטה.

18.6.65

אויף אַ דאַטשע

די דריי האָבן זיך געטראָפן אויף אַ דאַטשע: צוויי פערציק־יאָריקע פּאָעטן און דער רייכער זיבעציק־יאָריקער סוחר. צוביסלעכווייז האָבן זיי זיך קעגנזייטיק דערנענטערט, געשמועסט אויף די רו־שטולן אין וועלדל און אויך אין דרייען געשפּאַצירט אין דער שיינער סביבה.

מחמת העפלעכקייט האָבן די שעפערישע מענשן געדולדעט דעם „טרוקענעם" געשעפטס־מאַן און ערשט אין פאַרלויף פון די טעג האָבן זיי אָנגעהויבן צו געפינען אַן אינטערעס אין זיינע וואָכעדיקע שמועסן, וועלכע האָבן פאַרמערט זייערע ידיעות אין „וועלט־זאַכן" — און אויך אין אים פערזענלעך, ווייל ער איז, נישט געקוקט אויף זיין עלטער, געווען פול מיט קראַפט, פרישקייט און לעבנס־פרייד. אַ הויכער, געשטרעקטער בעל־צורה, האָבן עס אוודאי אָט די אויסערלעכע מעלות זיינע אים מיטגע־האָלפן צו זיין הצלחה, נאָך זייענדיק אין חוץ־לאַרץ. ער איז ערשט נישט לאַנג געוואָרן אַן אלמן נאָך זיין דריטן ווייב, אַ יונגע פרוי, וואָס איז געשטאָרבן ביי אַ געבורט.

פאַרבאָרגן אין האַרץ האָבן זיי דאָך אין אים געפילט דעם פרעמדן עלעמענט, אַז צווישן אים און זיי איז נישט פאַראַן קיין געמיינזאַמע גייס־טיקע שפּראַך. צייטנווייז זענען זיי אין זייערע געדאַנקען און באַטראַכטונ־גען אַזוי וויט אַוועק, אַז זיי האָבן אַזש פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך נעבן זיי. אַזוי האָבן זיי אַ מאָל, שפּאַצירנדיק פאַרנאַכט ביים ים־ברעג, זיך פלוצלינג אין אים דערמאָנט און געקוקט צו אים, כדי זיך צו איבער־צייגן, צי ווערט ער אויך, ווי זיי, באַווירקט פון דער וווּנדערלעכער שקיעה — און דאַן, זייענדיק געבלענדט פון דער אונטערגייענדיקער זון, האָט זיי זיין פנים אויסגעזען אומעטיק, טראַגיש, פול מיט טונקעלע פלעקן, ווי אַ געכאַפּטער ביי אַן עבירה...

אין איינעם אַ פרימאָרגן זענען צו אים געקומען אורחים פון דער שטאָט: זיינע צוויי אויסגעגעבענע טעכטער, שיינע און עלעגאַנטע פרויען, און מיט זיי אַ סך קינדער זייערע, אַ גאַנצע מחנה.

— זיידע, זיידע!... — איז אויף אים אָנגעפאַלן איינער פון די אייניקלעך, אַ ווונדערלעך שיין קינד, און אַרומגענומען זיינע קני.

ביידע נישט־פּאַרהייראַטע, איינזאַמע דיכטער, האָבן אויף אים געקוקט מיט קנאה און בפירוש דערפילט די שטאַרקע לעבנס־כוחות, וועלכע יוירן אין אים, אין אָט דעם זיבעציק־יאָריקן, נאָך איצטער. זיי האָבן אָנגעהויבן אים באַזונדערס צו רעספּעקטירן און באַוווּנדערן, ווי מען באַוווּנדערט יענע נאַטור־כוחות, וואָס געהערן — אַזוי האָבן זיי געמיינט — צו זיי און נישט צו אים.

27.8.65

„הער שפּינאָזע"

ס'טרעפט זיך, אַז אַ יונגער אַדוואָקאַט, וואָס איז ערשט נעכטן געוואָרן גראַדואירט, האָט ליב תיכף, אין זיין ערשטן פּראָצעס, אויסצונוצן זיין רעכט, בעת ער פאָרשט אויס דעם עדות פונעם קעגן־צד — און ווער עס זאָל נישט זיין, פּלאַטאָן אָדער שפּינאָזאַ, ניוטאָן אָדער שעקספּיר (ער שאַנעוועט קיינעם נישט!"), טאָ ווענדעט ער זיך צו אים, מעשה תקיף, אַזוי־אָ:

— הער שפּינאָזאַ, כ'בעט אַ ביסל צו באַמיען אייער זכרון און מיר ענטפערן, צי האָט איר זיך נישט אין יענעם טאָג און אויף יענער גאַס באַגעגנט מיטן הער ראַזנצווייג — און ער האָט אייך דאַן געזאָגט אַזוי און אַזוי?...

אָבער אַ מאָל, אין אַזאַ פאַל, מישט זיך אַריין דער געריכט־פּאָרזיצער און באַמערקט אים, דעם יונגן אַדוואָקאַט, נישט צו פיל צו באַלעסטיקן דעם עדות.

— ס'טייטש! אַ געריכט...

קוקט אים דער פּאָרזיצער אָן, ווי איינער רעדט:

— גוט, גוט, מיר ווייסן שוין. פון דעסטוועגן, פון דעסטוועגן — — דעם געריכטס־פּאָרזיצערס האָריזאָנטן זענען ברייטער.

17.9.65

אָטעמען אין אַן אַנדערער וועלט

...„ער האָט געוואָלט, כאָטש נאָר איין רגע, אָטעמען אין אַן אַנדער וועלט" — אַזוי האָט אויפגעקלערט דער מחבר פון „פאַרברעכן און שטראָף" דעם געמיט־צושטאַנד פון ראַסקאָלניקאָוו, בשעת ער איז געווען געפּאַנגען אין דער נעץ פון זיינע שרעקלעכע מחשבות, אין יענער שענק, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט מאַרמעלאַדאָוון און צוגעהערט זיך צו זיין באַקאַנטער דערציילונג.

„אָטעמען אין אַן אַנדערער וועלט" — דאָס איז עס! נישט איין מאָל, ווען מיר זענען מיד פון זיך אַליין און פון אַלץ, וואָס נעמט אונדז אַרום, איז דאָס פאַר אונדז אַ זעליש באַדערפעניש. פון דאַנען איז אויך אונדזער רייסן זיך צו שאַפונגען, וואָס זייערע מחברים זענען, לויטן וואָרצל פון זייער נשמה, פון אונדז גאָר־גאָר ווייט.

דעריבער, אַז ס'קומט צו דיר אַ באַקאַנטער צי אַ פריינד, פרעג אים נישט: ווי אַזוי גייען דיינע געשעפטן? וואָס מאַכן דיינע בני־בית? ער איז דאָך געקומען צו דיר, כדי צו אָטעמען אַ ביסל אין אַן אַנדערער וועלט, אין דיין וועלט, און דו, צוליב מאַנגל פון פאַרשטאַנד, קערסט אים דווקא צוריק צו זיין אייגענער וועלט — מיט געוואַלד.

כאַראַקטער

„דער מענטש איז כאַראַקטער־שוואַך" — זאָגן מיר געוויינלעך ווי אַ פעלער. אָבער אין פיל פאַלן איז די דאָזיקע כאַראַקטער־שוואַכקייט נישט אַנדערש ווי צאַרטקייט, איידלקייט, רחמנות. דאַקעגן איז כאַראַקטער־שטאַרקייט צו מאָל נאָר איינפאַכע האַרט־האַרציקייט, גרויזאַמקייט. זאָל זיך דער ערשטער נישט שעמען און דער לעצטער זיך נישט גרויס־האַלטן!

17.12.65

ליטווינאָווס טאָגבוך

אין דאָקטאָר יוסף נדבהס אַ פעליעטאָן: „ליטווינאָוו לערנט רמב״ם״, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט ליטווינאָווס טאָגבוך, געפינען מיר פיל פיקאַנטע איינצלהייטן, וואָס זענען פאָרגעקומען ביי סאָוויעטישע מאַכטהאָבערס. צווישן אַנדערן איז קענטיק, אַז די יידן אין דער אָנפירערשאַפט האָבן נישט וויניק געליטן צוליב זייער „יידנטום״, אַז קאַגאַנאָוויטש האָט אַזש אַ מאָל אויסדריקלעך פאָרגעשלאָגן צו באַגרענעצן די צאָל פון די יידישע אָנפירערס. פיל אינטערעסאַנטס איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן עמפינדלעכן פּונקט און אויך... הומאָר. ווי אַ שטייגער: אויף סטאַלינס באַמערקונג, אַז „איין ייד מאַכט אַן מער רעש, ווי צען גויים״, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב אַ מאָל געהערט די אייגענע באַמערקונג פון אַ צאַריסטישן פּאָליציי־אָפיציר, וואָס האָט מיך אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק. דערויף האָט סטאַלין געענטפערט: „נישט אַלצדינג, וואָס די פאַרשטייער פון דער פּאָליציי אינעם אַמאָליקן רוסלאַנד האָבן געזאָגט, זענען געווען נאַרישקייטן״. און נאָך און נאָך.

אָבער מער פון אַלץ האָב איך הנאה געהאַט פון יענעם עפּיזאָד אין לאָנדאָן, ווען זיי האָבן ביידע, ליטווינאָוו און סטאַלין, אין איינער אַ נאַכט, דאָרט באַטראַכט די דאָקס. „מיר האָבן זיך פאַרוויקלט אין אַ געשלעג מיט עטלעכע שיכורע ענגלישע מאַטראָזן. קובא (סטאַלין) האָט זיך אויסגעצייכנט אינעם קאַמף! ער האָט דערלאַנגט די אמתע פּעטש און אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד צוויי מאַטראָסן מיט וווּנדערלעכע קלעפּ. איך אַליין בין אַרויס פונעם געקריג מיט צעבראָכענע ברילן און אַ צעריסענעם זשאַקעט. איך האָב קובאַן דערמאָנט דעם דאָזיקן אינצידענט און באַמערקט, אַז איך בין אים גורם אַ פאַרגעניגן״. „פאַרשטייט זיך, אַז איך געדענק — האָט ער געענטפערט — האָסט מיך מוטיק פאַרטיידיקט, כאָטש דיין באַהאַוונטקייט אין פויסט־מלאכה איז גלייך — נול...״

אין באָקסן, ווייזט אויס, איז ליטווינאָוו געווען שוואַך. ער האָט טאַקע אין דער יוגנט געלערנט „מורה נבוכים״, אָבער אינעם דאָזיקן ספר איז נישטאָ קיין זכר פון באָקס.

6.8.66

און איר טרער אויף איר באַק

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט איבער מיר?
— וועלכע באַק איז דאָס געווען?

אין איר יוגנט האָט זי געהאַט אַ מאָגער, לענגלעך פּנים, מיט אַ שפּיציקן קין, און זיין גאַנצע געהיימע ליבע האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט אויף דער איינער באַק אירער, וועלכע ער האָט אַמאָל געקושט אין אַ בין־השמשות בעת זי איז געווען אַליין, אָן דעם מאַן. די דערינערונג פון אָט דעם געגנבעטן קוש האָט אים דערנאָך צייטן־לאַנג געשפּייזט און אויסגעפולט זיין גאַנץ וועזן — און אָט שטייט זי היינט פאַר אים (נאָך פיל יאָרן פון צעשיידקייט) כמעט אַן אַלטע פרוי.
— וואָס דומעסטו אַזוי איבער מיר?...
— וועלכע באַק איז דאָס געווען?...
— האָסט נאָך נישט פאַרגעסן?...
— ווי אַ שיכור בין איך דעמאָלט אַוועק פון דיר, איך בין כמעט געפאַלן אויפן וועג. די גאַנצע וועלט, אַלץ, אַלץ האָט זיך דאַן קאָנצענטרירט אין יענער באַק... דער גלאַטער, פרישער, שיפער...
אַ מאָדנע רויטלעכקייט האָט זיך צעבליט אויף דער חורבה פון איר פּנים, און ער האָט געבעטן:
— אַנו־זשע, וועלכע פוןביידע באַקן דיינע איז דאָס געווען?
די פרוי האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און די טרער אויף דער איינער באַק אירער איז געווען דער ענטפער.

113.1.67

דער בריוטרעגער

אַ גן־עדן־ווינקעלע, דאַכט זיך, ווו אַלצדינג איז דאָ פאַראַן — און פאָרט האָט עס געצויגן די איינוווינער אין די מרחקים אַרייך. זיי האָבן געקוקט מיט קנאה אויף אַ יעדן פאַרביילויפנדיקן צוג, האָבן איבערגעריסן די אַרבעט אין פעלד, אים נאָכגעקוקט וויט און חוץ דעם האָבן זיי תמיד

אַרויסגעקוקט אויפֿן... בריווטרעגער. דאָס גליק וועט, אַזוי־אַרום, קומען פֿון ערגעץ, פֿון דער גרויסער וועלט, דורך דער פּאָסט.

— פֿון וואַנען?

פֿון אומגעדולד האָבן זיי נישט געקאָנט וואַרטן ביז דער בריוו־טרעגער וועט קומען צו זיי אין שטוב אַריין. טאָג־טעגלעך זענען זיי אים אַנטקעגן־געגאַנגען, ווען ער איז נאָך געווען ווייט. אָט שלעפּט ער זיך מיטן פֿולן טאַש — דער אינוואַליד מיט איין האַנט. אָבער ווי שווער עס איז אים צו דערכאַפּן! דו סטאַרעסט זיך צו באַגעגענען אים אויף אַ־דעם וועג, גייט ער דווקא מיט אַן אַנדערן וועג. ווי ער וואָלט בכוונה דיך אויס־געמיטן. ער האָט נישט ליב, נישט ליב, אויפֿגעהאַלטן צו ווערן אין גאַס. איר דאַרפֿט אויף מיר וואַרטן אין שטוב. איך וועל קומען צו אַ יעדן־איינעם! ווי אַ געוועזענער סאָלדאַט האָט ער ליב אָרדענונג און דיסציפּלין. דער־פֿאַר קוקט ער נישט אין די זייטן און ער מאַכט זיך נישט הערנדיק, אַז מען רופֿט אים. אָט איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ ווילע אַריין און דו שטעלסט זיך אַוועק ביים טויער, כדי אים ביים אַרויסגאַנג צו טרעפֿן — איצטער איז ער דאָך זיכער אין דיין האַנט — און דו שטייסט און וואַרטסט אַדאָ ביז שפּעט — און ער קומט נישט אַרויס! וואָס איז דאָס? האָט ער דאָרט גע׳חלש׳ט, צי איז ער געשטאָרבן? פּלוצלינג שפּראַצט ער אַרויס ווייט אויפֿן פֿעלד, ווי ער וואָלט אַהין אַריבער דורך פֿאַרבאָרגענע היילן אונטער דר׳ערד.

אַזוי האָבן די מענטשן זיך תּמיד נאָך אים נאָכגעיאָגט ביז... ביז אין איין זומערדיקן אָוונט איז דאָ אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע עפּידעמיע און אויפֿן באַפֿעל פֿון נאַטשאַלסטוואָ האָט מען אַרויסגעפֿירט די קראַנקע אויסערן דאָרף און זיי דאָרט פֿאַרשפּאַרט אין באַראַקן, וועלכע מ׳האָט אייגנס צוליב דעם אויפֿגעבויט. פֿאַר די צוריקגעבליבענע, די נאָך געזונ־טע, איז די דערוואַרטונג נאָך היציקער געוואָרן, און אין אַ יעדן פֿרימאָרגן זענען זיי אַרויס אין גאַס אַריין און זייערע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט אַהין און אַהער און האָבן געגנישטערט אינעם נעפּל נאָכן איינהענטיקן בריוו־טרעגער. ווייט־ווייט האָט זיך איינער מיט אַ טאַש אָלץ מער דערנענטערט און געהוידעט מיט... ביידע הענט — ס׳איז נישט ער!

און יענע אין די באַראַקן? אויג אויף אויג אַקעגן דעם טויט, איז ביי זיי די עיקר־שווועריקייט געווען אַדאַס, וואָס זיי זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער וועלט אין מיטן וואַרטן. ווען מ׳וואָלט זיי געלאָזט כאָטש נאָך אַ טאָג צי צוויי אַרויסגיין אין דרויסן, וואָלטן זיי דאָן שוין באַשטימט דערהאַלטן די דערוואַרטעטע פּאָסט, די דערוואַרטעטע פּאָסט...

ביז אין איין פרימאָרגן האָט מען צו זיי געבערענגט אַ נייעם קראַנקן — און אַ מאָדנע באַרויִקונג האָט זיי אַלע פאַרכאַפּט. אין איינעם מיט אַ־דעם חולה איז נישט שווער צו שטאַרבן, וואָרום דאָס איז געווען... דער בריוו־טרעגער!

אַוועק מיטן ווינט

ווער האָט עס געזאָגט, אַז פּקידים, בוכהאַלטערס און בכלל אַמטס־מענטשן — זענען „טרוקענע" מענטשן אָן אַ באַציונג צו האַרץ־ענינים, צו זאַכן פון פּאָעזיע? עס איז פאַלש. נאָך אין אייראָפּע האָב איך געקענט באַנק־באַאַמטע, פּאָסט־באַאַמטע, וואָס זייער באַציונג צו פּאָעזיע און צו מוזיק איז געווען זייער אינטים. צווישן זיי אַפילו אַליין פּאָעטן און קאָמ־פּאָזיטאָרן. אָט זיצן זיי ביי זייערע טישן, סאַמע פּראַקטישקייט און וואַכע־דיקייט, אָבער יעדער איינער פון זיי האָט אַ באַהאַלטן ווינקעלע, ווו ער איז אַ... דיכטער. נישט גרינגשאַצן!

דערפאַר זאָל מען זיך גאָרנישט וווּנדערן, אויב אַ מנהל פון איינעם פון די עפנטלעכע אינסטיטוציעס, דאַכט זיך, אַ האַרטער מענטש, אַ פאַר־טוענער אין זיין באַטריב און פאַך, ווערט זייער גערירט, ווען ס׳קומט צו אים אין שטוב אַריין איינער פון די נייע עולים און גיט זיך צו דער־קענען ווי אַ שטעטישער זיינער פון ערגעץ אַ לאַנד (אַזוינע וווּנדערלעכע באַגעגענישן מיט חברים פון אונדזער יוגנט און קינדהייט זענען דאָ גאָר־נישט זעלטן. אַ קיבוץ גלויות!).

אויפגערודערט ביז צום גרונט באַשטורעמט ער דעם גאַסט:

— געדענקסט דעם אַרצט, דעם דאָקטאָר זרחי? דעם משוגענעם מרדכי, געדענקסטו? די שניי־פעלדער און די וועלף אין די נעכט? גע־

דענקסט שמעונען, דעם קרעמער און זיין טאָכטער קריינע, דאָס שוואַרציג־קע מיידל ?...

— די „מרשעת" ?...

— יאָ, יאָ, די „מרשעת"! אַזוי האָבן זי דאָך אַלע גערופן. וואָרום אַזוי גרויס ווי איר שיינקייט, אַזוי גרויס איז אויך געווען איר רשעות. געדענקסטו ?

אַזוי האָט זיך דער פאַרשוין אָוועקגעלאָזט ווייטער, ווייטער, זיך אַלץ מער באַגייסטערט און ער האָט זיך אַפילו נישט אָפּגעהאַלטן פון אָט דעם צוגאָב:

— אַ מאָל בין איך גאַנץ פרי געשיקט געוואָרן צו זיי אין הויז אַריין און איך האָב זי געזען, אָט די קריינע, אויף איר געלעגער פאַרזונקען אין שלאָף נישט צוגעדעקט — אין דער טונקלקייט פונעם פרימאָרגן... כ'בין געווען אַ דרייצן־יעריק ייִנגל. ס'זענען פון דעמאָלט שוין אַריבער אַ פינף און דרייסיק יאָר. וועלטן האָבן זיך אינצווישן איבערגעקערט. אָבער דאָס קען איך ביז היינט נישט פאַרגעסן!

ער איז נישט מיד געוואָרן, נאָך פיל, פיל צו שעפּן פון יענער ווייטער, לעגענדאַרער פאַרגאַנגענהייט און זיין פּנים האָט זיך צעפלאַמט מיט אַ מין העכערן עקסטאַז. וואָס פאַר אַ ווונדערלעכע באַגעגעניש! מיט וועמען, מיט וועמען וואָלט ער נאָך געקענט אַזוי רעדן איבער אָט דעם אַלעמען ?

סוף כל סוף איז פאַרן גאַסט געקומען די צייט אָוועקצוגיין. איז ער אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— איך מוז מודה זיין, אַז אייגנטלעך בין איך צו דיר געקומען צוליב אַ בקשה. אפשר קענסטו מיר פאַרשאַפן עפּעס אַן אַרבעט אין דיין מוסד? איך בין גרייט אַלצדינג, אַלצדינג צו טאָן, אַפילו פאַר זייער אַ מינימאַלן לוין, אַבי איך זאָל האָבן עפּעס אַן אָנהאַלט...

די קינדהייטס־וועלט איז חרוב געוואָרן אין איין אויגנבליק. די שנייפעלדער, די וועלף, די שיינע קריינע די „מרשעת" — אַלץ, אַלץ איז פּלוצלינג אָוועק מיטן ווינט.

10.3.67

אינהאַלט:

די צוויי העגער	5
דאָס ערשטע דאָרף	8
לעמבערג 1905	10
דער קאַמף	12
איין האָרן	14
אַ מלחמה	15
פסח אַ מאָל ביי יידן	15
דירעקטאָר וואָלף	17
די היסטאָריע אַליין	20
נעכט אָן שרעק	21
„וואַרשע איז נישט מאָסקווע"	22
ווילדע ייִנגלעך	23
פון דיינע בן־עיר אַנטלויף	24
דער באַריר	25
„נאַלאָג"	25
אינעם שווייס פון זייער פנים	26
שוואַרץ (פון דער שטייער־מאַרק־צייט)	27
דער בעל־תפילה פון מיינע קינדער־יאָרן	29
אַ געוויין, וואָס האָט געהאָלפן	29
דער שוסטער	30
דער איינער (נאָך פון יענער שטייער־מאַרק־צייט)	32
דער גזל	36
„פאָטער!"...	37
אַליין	40
אל תאמין בעצמך	41
אומעטיקע שטיינער	43
אונדזער איינגעפאַלענע סוכה	44
דאָס איז עס	45
דריי האָבן דערציילט	47
אינעם בלאָען ים (1937 אין שטייער־מאַרק)	49
אַן אייזל הירזשעט	50

זכרון יעקב	51
א ב י ב ה	52
ד ב ו ר ה	54
צ פ ת	55
אין מיטן פעלד	57
דער אַכצן־יאָריקער	58
על־עלמיין	59
איינער האָט געווינט	59
א ב י ש ג	60
מדינה	62
אַ קיבוץ אין עמק	63
דער אינסטאַלאַטאָר	64
דער אַלטער אַפּטייקער	66
לייכטער	66
דער צוויק	67
אַן אם בישראל	67
צווישן „פאַראַן" און „נישטאָ"	69
לא לישון, לא לישון!....	70
א. נ. גנעסין און זיינע מיידלעך	72
דאָס איז ליבע!	73
פאַר אונדז...	73
פון מעזריטש ביז סומעל	74
דורך אַ ליטעראַרישע פּריזמע	76
ס'ערשטע באַגעגעניש אונדזערס	77
פּאָעזיע אין דער פּראָזע	78
„צו אויפּאַטעמען אין אַן אַנדער וועלט	78
בריוו פון שרייבערס	79
ק אַ פ ק אַ	80
מאַפּאַסאַנס אַ גוזמא	81
„גזלנים זענט איר"	81
בן־ציון כ"ץ	83
פאַרשטאָפּטע אינספּיראַציע־קוואַלן	84
דער מענטש איז גוט	86

די צוויי זקנים 88
זיי זענען אויך געווען יידן 90
די באָבע און דאָס אייניקל 91
מענדעלע, געשילדערט פון י. ד. בערקאָוויטש . . 92
ק אָ ר אָ ל ע נ ק אָ 93
שאול טשערניכאָווסקי 95
דעם דיכטערס מוטער 96
דערהויבענע רגע׳ס 97
דאָס אייניקל 98
אַ בראשית־מיידל 100
מ׳טאָר נישט 101
געעפנט די אויגן (פון די ענגלישע צייטן) . . 102
צום ים, צום ים... 103
דעם דאָקטערס מאַמע 103
זאָג מיר... 106
דעם יינגלס מוטער 107
אין דער באַן 108
אויך דו... 108
אין מקלט 109
אַן אָפגעכאַפּט טעלעפאָן־געשפּרעך 110
פאַר וועמען ? 111
„איך האָב ליב מיין פאַך" 114
„אם זרחה השמש עליו" 115
ריינע מוזיק 115
אויף איין ערד־באַל 116
און געווען איז עס אין פורים... 117
איצט האָט ער געוווסט 118
וועגן דער אַבסטראַקטער מאָלעריי 119
אַ נס 119
דאָס האַרץ 121
אַ שמייכל 123
אַ פרעמד קינד 124
פליענדיקע טעלערס... 124
ציגיינערס 125

פון וואָס ?... 126
די צוויי פּאָעטן 126
דער טינטער 127
קינסטלערס 128
„נישטאָ וואָס צו זען" 129
די שיינע סקולפּטאָרין 131
דעם מענטש האָב איך געקושט 131
טרערן 133
„טאַטושיו !"... 135
דאָס יינגל 136
די מאָלערין 137
פּרילינג 137
י ת ר ו 138
דער אומפּאַל 140
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ 140
קאָרטן־שפּילערס 141
דער פּאָליציי־הונט 141
אין גן־החיות 142
דער פידל 144
דער פאַרבליבענער 145
ווער איז דער ? 146
דער סוחר און דער סופר 147
אויף אַ דאַטשע 149
„הער שפּינאָזע" 150
כאַראַקטער 151
ליטווינאָווס טאָגבוך 152
און איר טרער אויף איר באַק 153
דער בריוטרעגער 153
אַוועק מיטן ווינט 155

1812